STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04311

# HSIDISH

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

# חסידיש

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

נאָכדרוק פאַרבאָטן

PRINTED IN POLAND

I. L. Perec — „C h s i d i s z“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# הכנסת־כלה.

ר׳ עוזר האָפּענדשטאַנד איז, קיין עין־הרע, אַ ייד — אַ גביר; אפשר אַ מיליאָנער; ער האָט שוין עפּעס צו זאָגן אויף דער וועלט, אויף יענער — אַוודאי!

אָט, זיצט ער ביים טיש, ביים „וואַרימעס״.

אַ טיש—ווער מיט גוטס גינט! די סעודה הויבט זיך אָן מיט הערינג, קילקעס, סאַרדינען...

זילבער—ווי האָלץ! עס בלאַנקט אויפן טיש, אינם אָפּענעם קרעדענץ; אַרום אויף די ווענט הענגען אַצען זילבערנע טאַצן, וואָס קענען שוין אין קרעדענץ ניט אַריין. פון איבער דעם שאַנק בליצט אַראָפּ אַ גרויסער חנוכה־לאָמפּ מיט אויסגעשניצטע בלומען־רערן, און איןביידע זייטן שטייען, ווי אויף דער וואַך, צוויי אומגעהייערע שבתניקעס.

ער אַליין, ר׳ עוזר, איז אַ קליין, דאַר יידל און ווערט אין־גאַנצן פאַרלוירן אינם גרויסן, מיט רויטן סאַמעט אויסגעבעטן פאָ־טערשטול. קוים איבער דעם אָנלען גלאַנצט דאָס גרין־סאַמעטענע הויך, ברייט און שטייף אויפגעשטעלטע היטל, די פאָרם איז זיין אייגענע ערפינדונג! דערמיט וועט ער איבערגיין אין דער חסידי־שער מויל־געשיכטע איש מפי איש אויף אייביק!

ער וועט שוין האַלטן אין גן־עדן ביי משניות (אָנהייבן וועט ער טראַף!) און אונזערע אוראייניקלאַך (אַזוי האָפט ער) וועלן נאָך טראָגן די פאָרם, דאָס עוזר־קאַשקעטל.

עסן עסט ער שווייגנדיק, מיט ערנסט־איינגעצויגענע שטערן און ברעמען, אָן אַ בליק פאַר די ביי־זיצער.

און דער לאַנגער טיש איז באַזעצט. רעכטס—אַ שורה נקבות: דאָס ווייב, צוויי טעכטער, אַ שנור מיט דריי אייניקלאַך; אין דער לינקער האַנט—מאַנספּערזאָנען: צוויי זין, איין איידים און זייערע דריי חדר־יינגלאַך.

דאָס ווייב זיינס טראָגט אַן אויסגעשטיקט האָר־באַנד אונטער אַ טיפע קאָפּקע, מיט פלאַטערדיקע ברייטע פלאַמענדיק רויטע בענדער,—די טעכטער טראָגן שייטלען, די שנור האָט שוין דער־גרייכט צו פריזירטע „קרעפּינקעס".

די מיידלאַך דאַרפן זיך די האָר ניט פאַרשטעלן. די „גרזיוו־קעס" יאָגן זיך פריי אַרום איבער די שמאָלע שטערן. אַז עס וועט קומען צום אָפּגאָלן—ווער ווייסט?!

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז נאָך אויבנאָן ר' עוזרס מו־טער געזעסן! אַ יידענע אין אַ שטערנטיכל, אַראָפּגעהאָנגענע אוי־רינגלאַך און אַ ברוסטטיכל מיט אַן אויבל, — איז זי שוין אויפן עולם אמת...

די מענער טראָגן זיך אויך פאַרשיידן. ר' עוזר אַליין זיצט אין זיין חסידישן „צילינדער". דער זון—אין אַ שפּיציקע, די איידימס—אין פלאַכע, קאַנטיקע יאַרמולקעס. די חדר־יינגלאַך טראָגן שון „קאַשקעטלאַך", אויף וועלכע ר' עוזר וואַרפט אַלעמאָל אַ בייז אויג; דער היטלמאַכער האָט פאַרשמעלט און פאַרקירצט די פאָרם!

יענע וואָך איז נאָך דאָ געזעסן אַ מלמד אין אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס; האָט מען אים ערגעץ אויפגענומען פאַר אַ רב אין אַ שטעטל, דאַרף ערשט ר' עוזר פאָרן צום רבין פרעגן אויף אַ נייעם מלמד. גלאַט אַזוי לאָזט ער ניט אין שטוב אַריין!

„היינטיקע צייטן", טראַכט ער, און זיפצט.

ער קוקט אַרום און זעט, ווי די צייט רייסט אַלע מינוט אָפּ אַ שטיין פון דער מויער, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי קונציק אַרומגעבויט, אָפּצוטיילן זיך פון דער אַפּיקורסישער גרויסער וועלט, צו וועלכער ער געהערט לויטן פאַרמעגן. זי, די נייע צייט, גנבעט זיך אַריין ווי אַ וואַסער אין זיין אַלטער תיבה, אין וועלכער ער האָט געוואָלט איבערשווימען דאָס „דייטשע מבול", אַז קיינער פון זיין משפחה זאָל זיך אַפילו קיין פוס ניט איינעצן! אָבער עס גייט ניט!

איין איינקל אַ מיידל — האָט מען נאָר געלערנט אַ ביסל שרייבן, האָט מען זי שוין געכאַפּט לעזן אַ ראָמאַן; אַ שנור האָט זי פאַרמסרט, מן הסתם איז „ראָמאַנען" ניט קיין גוטס.

אין צווייטן אייניקל—אַ יינגל—איז פּלוצלונג אַריין אַ דיבוק—ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: אין שקאָלע אַריין. עס האָט ניט געהאָלפן קיין ריידן, קיין בעטן, קיין הלשן, קיין שלאָגן אַפילו... מען האָט אים קוים איינגענומען מיט אַ גאָלדן זייגערל!

ער ציט אין נאָך פעסטער די ברעמען — ער זעט בחוש, מיט זיינע אויסגעווייַנטע, אַלטע אויגן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי-פיל תהלים געזאָגט, אַזוי-פיל געלט געציילט און אַזוי-פיל וועלט געזען, אַז די צייט האָט קיין רחמנות ניט, אַז זי ווישט און ווישט אָפּ דאָס אַלטע, דאָס פאַרשימלטע, דאָס הייליקע!

---

עס עפנט זיך די טיר.

עס קומט אַריין אַן איבערגעבייגענער ייד מיט אַ ווייסער צעפלאָשעטער באָרד, וואָס פּלאָנטעט זיך צוזאַמען מיט די פּעדים פון דער אַלטער אָפּגעריבענער קאַפּאָטע, אַ בלייך פּנים אונטער אַן אויסגעפּעצט היטל.

דער דלות אַליין איז אַריינגעקומען —

— שלום עליכם, מענדל,—רופט צו אים דער מיליאָנער.

— עליכם שלום, עוזר,—ענטפערט מענדל-דלות.

ער גייט צו צום טיש, דער באַלעבאָס וויקלט זיך אַרום די האַנט אין אַ סערוועט און דערלאַנגט אים „שלום-עליכם".

דאָס אייגענע טוען די איידימס, די אייניקלאַך, א י י נ ס נאָר פאַרקרימט זיך. —

מען זאָל אים נאָך אַ ברעלאָק קויפן צום זייגערל, וואָלט ער זיך אפשר ניט פאַרקרימט אויך.

מענדל אָבער באַמערקט עס ניט, און שמייכלט:

— עפּעס האָסטו, עוזר, צו פיל ווייבער ביים טיש!

— סאַמע אייגענע! ענטפערט עוזר ערנסט און מיט אַ זיפץ. אין האַרצן איז ער מסופק, אויב אַ שנור איז אַן אייגענע.

— ווייסטו וואָס, עוזר, מאַכט ווייטער מענדל, איך וועל נעמען אַ טרונק בראָנפן.

— נו!

— נו, שקצימלאַך, לאָזט!

און דער „דלות" רוקט זיך אַריין צווישן צוויי איינקלאַך־שטולן און נעמט אַ ביסל בראָנפן.

— און פאַרבייסן? פרעגט ער, אויפהייבנדיק די פייכטע אויגן צו דער באַלעבאָסטע.

עוזר גיט אַ וואָרף אַן אויג, שוין מיט אַ גרימצאָרן, אויף דער גאַנצער שורה ווייבער: וואָס איז, זיי זעען ניט, אַז ען דאַרף צו פאַרבייסן?

דאָס ווייב פאַרשטייט דעם ווינק, עס גלוסט איר דאָך, אַפּים, ניט אויפצוהויבן —

— כאַפּט אַ שטיקל פּאָלקע! — מאַכט זי.

— אָבער גאָר לא — ענטפערט מענדל, צו דעם וועל איך זיך ערשט וואַשן, כּדבעי! דערוויל—לעקאַך, לעקאַך קומט מיר.

— זאָג נאָר, שרה—פרעגט ער איבער די באַלעבאָסטע — האָסט דען גאָרניט חתונה געמאַכט איבער דער צייט, האַ?

איינע פון די מיידלאַך פאַרקרימט זיך און טראָגט דאָך צו אַ שטיקל לעקאַך פון קרעדענץ.

מענדל־דלות טרינקט לחיים און פאַרבייסט.

— צונד, גיי איך מיך וואַשן.

ער קוקט זיך אום, זוכט אָפּ דאָס האַנטפאַס, און גייט צו.

אַ דינסט טראָגט דערוויל אַריין אַ קאָכעדיקע וואַזע.

עוזר שיקט ווייטער צום ווייב אַ צאָרנדיקן בליק.

— טראָג דערוויל צוריק! קאָמאַנדירט דאָס ווייב, געקומען אַ גאַסט.

די דינסט וואַרפט אַ קרום אויג אויפן דלות, און גייט צוריק.

---

נאָכן עסן און נאָכן בענטשן מזומן, האָט מענדל־דלות אַרויסגעזיאָגט די ווייבער פון שטוב מיטן בייסנדיקן רויך פון זיין ליולקע־ציבעק. ער שמייכלט פאַרגעניגט און קוקט זיך אום און דערזעט וואָס ער זוכט—די קאַנאַפּע. דער קאָפּ איז אים שווער־לאַך; שוין לאַנג אַזאַ שווערן מאָגן ניט געהאַט. ער הייבט זיך שווער אויף פון שטול, וואַקלט זיך צו און ציט זיך אויס אויף דער קאַנאַפּע.

עוזר פרעגט:

— ווילסט אַ ביסל שלאָפן?

— יאָ, איך וועל דערנאָך מיט דיר ריידן. ער גענעצט אָפּ און גיט צו: איך וועל, אם ירצה־השם, ביי דיר זיין אַ פּאָר טאָג׳

נו, שלאָף—מאַכט עוזר אַרויסגייענדיק; די רעשט בני־בית גייט אים נאָך.

---

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז עוזר צוריקגעקומען און גע־טראָפן שוין מענדלען ליגן מיט אָפענע אויגן.

— נו, וואָס מאַכסטו, מענדל? פרעגט ער אים און זעצט זיך אים צוקאָפּנס אויף אַ שטול.

— אַזוי, ענטפערט מענדל, האָסט ניט אַ גלאָז טיי?

עוזר קלינגט און באַשטעלט ביים ווייב, וואָס ווייזט זיך אין טיר, דעם סאַמאָוואַר.

מענדל גענעצט.

— וואָס טוסטו, אייגנטלאַך, דאָ? פרעגט דער גביר.

— וואָס איך טו דאָ, ווילסטו וויסן? חזרט מענדל־דלות איבער די שאלה—כ׳מאַך חתונה! —

— דיין שמערלען?

— ניין, כ׳האָב נאָך אַן עלטערע טאָכטער...

— אַזוי?

— ווי דען...

— נו?

— נו נו! דאַרף מען... פאַרשטייסטו, נדן...

— ביי מיר האָסטו שוין אַ פינף און צוואַנציקער!

מענדל זעצט זיך אויף:

— איך לאַך אויס דיין טאַטן!

— וויפיל דען מיינסטו?...

— וויפיל איך מיין? איך דאַרף פינף הונדערט רובל!

— פינף הונדערט רובל? וואונדערט זיך דער מיליאָנער.

— כ׳האָב צוגעזאָגט!

— נו? און אַז מען זאָגט צו?

— שוטה! דאָס האָב איך שוין ביים צוזאָגן געמיינט, מאַכט זיך אָבער אַ מעשה... הער, וואָס עס קען זיך טרעפן! מיין טאָכטער ווערט... עפּעס ניט בקו הבריאה... נאַ דיר אַ שמעק טאַבאַק פאַרן גאַנצן עסק... ווייס איך וואָס! נאָר—דו קענסט דאָך מאָטע שייגעץ? — איך האָב מיך מיט'ן צעווערטלט — זענ'מיר בוררים געווען—גייט ער, ימח־שמו, און שרייבט צום מחותן...

— וואָס רעדסטו? פאַרקרימט זיך ר' עוזר?

— אַזוי ווי דו הערסט!

— טאַקע אַ פּושע ישראל!

— פאָר איך טאַקע אַצינד צום רבין — אַ פסק וועט ער שוין האָבן... אָבער אָפּגעטאָן האָט ער, און ווייסט וואָס ער האָט, ימח־שמו, געשריבן? „חולי נופל" האָט ער געשריבן! מיר מעגסטו גלויבן—געוואָרפן האָט זי זיך אינגאַנצן איינמאָל, אפשר צוויי מאָל, מער, בהן צדקי, ניט!

מענדל רוט זיך אָפּ און פּיקט אַ ביסל פון דער קאַלטער לולקע.

— נאַ דיר אַ ציגאַר, מאַכט דער גביר.

מענדל נעמט, פאַררויכערט און גיט צו:

— און אַצינד, פאַרשטייסטו מיך, זאָגט דער מחותן, אַז ער וויל דאָס גאַנצע געלט.

— ס'אַ העזה פון אים! בייזערט זיך דער גביר.

— אַוודאי! דער כלב, כמובן, וויל אָפּלאָזן דעם שידוך! וויל ער נאָך מיינער פּטור ווערן אָן חצי-נדן-קנס!

— קיין נאַר ניט! שפּאַסט דער גביר.

— איך הער אים, ווי די קאַץ! נאָר פאַרשטופּן דעם טרפהנעם פּיסק מוז איך. דאַרף איך טאַקע די גאַנצע פינף הונדערט קאַרבוינעס!

— און פאַרוואָס נאָר ביי מיר?

— חוץ מזה—פּירט מענדל-דלות ווייטער זיין זאַך—דאַרף מען חתונה-הוצאות, ווי דער סדר עולם איז... חתונה־קליידער האָב איך שוין.

— און אַלץ איך?—פרעגט נאָכאַמאָל ר׳ עוזר ניט זייער צופרידן—פאַרוואָס גייסטו ניט צו בערלען, צו חיימען?...
דלות ווערט בייז:

— כ׳בעט דיר זייער, וואָס ווילסטו פון מײַן לעבן האָבן? איך האָב כוח צו אייערע שטיינערנע גאַסן, צו אייערע טרעפּ? איך זאָל אויף דער עלטער קלינגען אונטער די טירן!
ער שטעלט זיך אויף:

— מענטשן—שפּריצט ער מיט אַ כעס—וואוינען אין גאַסן, וואָס זיינען לאַנג ווי דאָס גלות... מער טרעפּ ווי הויז... און איך לייד אויף אַסטמאַ, זאָל איך גיין! גיי דו! געגוג אומגעגאַנגען... מיין דאגה?! אַז איך האָב געהאַט, האָב איך געגעבן!
עוזר שווייגט, און מענדל זעצט זיך צוריק.
— און וואו איז דיין טיי? פרעגט ער אומגעדולדיק.
עוזר קלינגט נאָכאַמאָל און פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם ווייבס תשובה, אַז עס וועט באַלד זיין.
מענדל געגעצט ווייטער.
— איך מיין באמת — מאַכט ווייטער עוזר — פאַרלאַנגסטו, איך זאָל איינגאַנצן געבן! דאַרפסט דאָך האָבן „יהדות״!
— חס ושלום — ענטפערט מענדל — נעם וואו דו ווילסט, נאָר איך גיין קאָן ניט! איך קאָן ניט!
— בין איך שולדיק?
— הער, עוזר! איך דאַרף 500 רובל נדן און אַ 50 רובל חתונה-הוצאות, אַ ביסל חתונה-קליידער, ווי געזאָגט, האָב איך... מיט דער רעשט וועל איך אים שוין אָנפּייפן דעם אַלטן תרח... איז בסך-הכל — 550 רובל... פון דעם טאָר שוין קיין דרייער ניט פעלן!

עוזר שאָקלט מיטן קאָפּ; ער איז כמעט מודה: אָבער...
— און דערויף—לאָזט אים מענדל צום וואָרט ניט קומען—האָב איך דאָס!
ער וואַרפט אַרויס פון בוזים אויף עוזרס שויס אַ פאַרפּעצט לייוונטן בייטעלע.
— צייל, מאַכט ער.

עוזר נעמט זיך צום בייטל, קראַצט אַרויס אַ פּעקל פּאַר-קנוילטע באַנקאָצעטלען און ציילט אויס 164 רובל.

— איך האָב פאַרקויפט — פאַרטייטשט אים מענדל — די שטוב מיינע, האָב איך דאָס געלט!

עוזר פּאַקט צוריק דאָס געלט אין בייטל אַריין און וויל עס צוריקגעבן מענדלען.

— ניין — ווערט זיך מענדל אָפּ — איך האָב געשוואָלענע פיס... גיין וועל איך ניט... דאָס געלט האַלט שוין ביי דיר... איך האָב ביי דיר 550 רובל! און צייט גיב איך דיר. איך וועל דאָ זיין עטלאַכע טעג, וועסט האָבן גענוג צייט! אגב — וועל איך מיר ביי דיר אַ ביסל אָפּרוען און אָנעסן זיך — פאַרשטייסט! הכלל — צייט האָסטו גענוג!... פאַרן אוועקפאָרן וועסטו מיר געבן דיינס אַ שלישית אויף 500 רובל, 50 רובל מזומן אויף חתונה-הוצאות און אַ פינפער רובל צו פאָרן קיין גער. — נעמען מעגסטו ביי וועמען דו ווילסט... ניט מיין דאגה!

— נו! ברומט עוזר —

— און אין גער — מאַכט מענדל — וועל איך שוין בלייבן... וועט זיך מיר גלוסטן, וועל איך אַמאָל אַריינפאַלן צו דיר אויף אַ פּאָר וואָכן.

— נו! ברומט ווייטער ר׳ עוזר.

— שלאָפן — מאַכט מענדל — וועל איך טאַקע, אויב איך יועל קומען, דאָ, אויף דער קאַנאַפּע, אַ וואוילע קאַנאַפּע...

# שמעיה דער גבור

נאָך „מעריב", און דאָס חב"דער מנין האָט אויפגעקאָכט ווי א קעסל. ס'טייטש ? ! דער רב האָט געפּסקעט לויטן חיי אדם, דעם רב-שלחן-ערוך אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט !

— אַ חוצפּה, אַ העזה ! — האָט מען געשריען און געפּאַטשט אין די טישן און אין די ווענט — אַזאַ חלול השם ! אַזאַ רציחה ! זייט די וועלט שטייט, איז נאָך אַזאַ אויסטערלישער חלול השם ניט געווען.

מען קאָן ניט שווייגן, מען טאָר ניט שווייגן און מען וועט ניט שווייגן !

— נאָר — וואָס טוט מען ?

עס פאַלן פאַרשיידענע פּלאַנען :

איינער זאָגט : עס איז אַ יושר מען זאָל „דעם חצוף, דעם בטלן" טאַקע ממש „קורע כדג" זיין ! און ווען ? טאַקע „ביום הכפּורים שחל להיות בשבת" — „למען ישמעו ויראו !"

און ניט דעם רב אַליין, נאָר „דעם רב מיט דער גאַנצער טרפהנער משפּחה" !

עס איז אָבער געשען חול-המועד סוכות, וואַרטן אויף „יום כפּור", בפרט אויף אַ יום כפּור שחל להיות בשבת, איז צו ווייט ; דעריבער ראָט אַ צווייטער : מען זאָל אים כאָטש דערווייל „עוקר מן השורש זיין" — דערנאָך וועט מען זען !

אַ דריטער וויל, מען זאָל אים קודם כל לייגן אין חרם אַריין ; אונטערוואַרפן „חרם-קוויטלאַך" אין אַלע בתי-מדרשים, אין אַלע שטיבלאַך, אַפילו אין רבס מנין אויך, אויף זיין אייגענעם שטענדער זאָל זיין אָנגעקלעפּט אַ חרם-קוויטל, און דווקא מיט גרויסע אותיות, און געכתיבעט. נישט קשה ! חב"דער חסידים פאַרמאָגן נאָך מענטשן, וואָס קענען שרייבן ווי געדרוקט !

איינער שרייט: דעם ספּאָדיק זאָל מען אים אָפּרייסן פון קאָפּ, „עפרא דארעא" זאָל מען פון אים מאַכן!

מען ווייס ניט וועמען: דעם רב אַליין, צי נאָר דעם ספּאָדיק, נאָר אַלע פילן, אַז עס איז געשען אַ מעשה רע, אַז דאָ איז „לא תקום ולא תטור" ניט נוהג, אַז עס וועט זיך די וועלט איבערקערן!

איינער, אַן אַלטער מאַן מיט גרייז-גרויע באָרד און פּאות און רואיק-ליכטיקע אויגן, וויל איינשטילן דעם צעקאָכטן עולם; עס גייט אָבער ניט. ער פּרובט ריידן, זיין שטימע ווערט אָבער פאַרטרונקען אינם הייזעריקן אַרומיקן געשריי. ער פאַרשפּרייט די הענט, ציט זיי אויס מיט פאַרשיידענע צייכן; די פלאַמענדיקע אויגן באַמערקן ניט. ער קלאַפּט אין טיש אריין, נאָר דאָס טוען צענדליקער הענט מיטאמאָל! ענדלאַך פאַרלירט ער אויך זיין רו, שפּרינגט אויף אַ באַנק אַרויף, פון באַנק אויפן טיש, טרעט אָן עמיצן אויף אַ האַנט. עס הערט זיך אַ קוויטש, וואָס שניידט דורך דאָס ווילדע געשריי, ווי אַ שאַרף מעסער. דער עולם דערהערט, קוקט זיך אום און בלייבט ווי פאַרבליפט, דערזעענדיק דעם אַלטן יידן אויפן טיש.

און דער אַלטער באַנוצט זיך דערמיט און רופט אויס:

— רבותים, איר זינדיקט! אַ ייד, אַ תלמיד-חכם! איר רעדט „על ה' ועל משיחו — איך בין אייך מתרה!"

דער עולם צערודערט זיך צוריק, עס הערן זיך געשרייען: שאַ, שאַ! שווייג! אַנדערע רופן:

— אָ! דער קאַלטער חסיד! דער קאַלטער ייד! הערט אים ווי'ן רב!

און אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן, אַ בלאַסער מיט טיפע פלאַמענדיקע אויגן און ציטערדיקע שלייפן, שלעפּט אַראָפּ דעם אַלטן ביים פּאָלע און רופט אויס:

— רבותים, איך גיי! איך וועל מיך נוקם זיין! אַ תל וועל איך פונם מאַכן!

דאָס האָט אַן איינדרוק געמאַכט.

מע האָט גערעכנט זיך אויסצושרייען, אויסצווידלען, טאַקע

צו מאַכן „אַ הימל-געשריי", אָבער עס זאָל קומען צו אַ פאַקט, עס זאָל עפּעס מקוים ווערן?

און ווער? שמעיה, דער קראַנקער שמעיה מיט די טאַנצנ-דיקע אָדערן ביי די שלייפן, מיטן קיילעכיקן פנים, מיט די ברוי-נע ליפּן, טיף אַריינגעפאַלענע אויגן — דער „בעל-בכי" פון ימים-נוראים, דער „קאָפּ-אָן-וואַנט"-קלאַפּער ביי סליחות? דער שטעלט זיך איין? שמעיה! דער מלמד, וואָס איז אָפּהענגיק פון באַלעבאַ-טים, וואָס אין איין טאָג קען מען אים דאָס חדר צעשלעפּן, לאָזן אים אָן אַ ביסן ברויט... דער אָפּגעריסענער שמעיה, דער אביון, דער... דער... דער וואָרים??!

דער עולם בלייבט אַ ווײַלע שטיל און וואונדערט זיך, און דער קאַלטער חסיד באַנוצט זיך מיט דער שטילער רגע און רופט:

— שמעיה! גאָט איז מיט דיר! דיין סוף וועט ניט גוט זיין שמעיה אָבער הערט ניט.

— איך וויל, שרייט ער,—אומקומען על קדוש השם! איך ווייס, באַלעבאַטים וועלן מיך רודפן... נאָר „עת-לעשות!"

— „עת-לעשות!" חזרט ער איבער, און דער עולם זעט, ווי די אויגן פינקלען ביי אים ווי די שטערן! עפּעס איז ער אינ-גאַנצן אַנדערש געוואָרן, אויפגעוואַקסן מיטאַמאָל אַזוי גרויס, עפּעס, אַזוי הייליק. גאָרניט דער אייגענער שמעיה!

— „מן השמים" — טראַכט דער עולם, און מען מינטערט אים:

— גיי, גיי, שמעיה! זיין ליבער נאָמען וועט זיין מיט דיר! גיי!

דער אַלטער רופט אַריין מיט אַ האַרטער שטימע:

— זה התרנגול ילך—למיתה!

— רשע מרושע! ענטפערט דער עולם מיט אַ כעס.

---

שמעיה לויפט איבער דער גאַס און דעם אַלטנס קול יאָגט אים נאָך און קלינגט אים אין די אויערן: זה התרנגול, זה התרנגול...

— פאַרוואָס? פאַרוועג? — וואונדערט זיך שמעיה. — צי נעמט ער זיך ניט אָן דעם רבונו של עולמס קריוודע? צי וואָלט פנחס אהרן הכהנס אייניקל אַנדערש געטאָן?

ער לויפט און דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין אים, ווי אַן אײַבערגעשראָקענער פויגל אין אַן ענגער שטײַג; דער אָטעם ברענט, די שלייפן האַקן, די פיס ציטערן, נאָר אָפּשטעלן זיך האָט ער מורא, ער ווייס, אַז ווען ער זאָל נאָכגעבן דעם יצר-הרע און אָפּשטעלן זיך אַ רגע, איז ער אויס „פנחס", און ער לויפט אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער.

— גאָט זײַ דאַנק, דעם רבס טיר!

און די טיר איז אָפן, ער פאַלט אין שטוב אַרײַן.

ביי אַ קליין טישל, ניט ווייט פון פענסטער, זיצט דער רב, פאַרטיפט אינם „ים של שלמה", אין דער לינקער האַנט האַלט ער אַ חלבן ליכטל נאָענט ביים ספר, מיט דער רעכטער האַלט ער צו דאָס געדרייטע העלזל פון לאַנגן ציבוק, וואָס שטייט מיט דער ליטקע אויף דער פאָדלאָגע. דער שטערן איז געקנייטשט, די אויגן לויפן איבערן ספר געשווינד, און אַז זיי קומען צום ברעג פון דף, לאָזט די רעכטע האַנט אָפּ דעם ציבוק און שאַרט אַוועק די גרויע באָרד פון ברעג.

ער דערהערט טריט, הייבט אויף די שטילע גרויע אויגן, דער שטערן גלייכט זיך אויס, דער קאָפּ הייבט זיך אונטער.

— שמעיה, דו ביסט עס? פרעגט ער געלאַסן.

און אַז ער דערזעט, ווי שמעיהס אויגן ברענען, די ווייסע ליפּן ציטערן און די הענט וואַרפן זיך, פרעגט ער אומרואיק:

— וואָס איז מיט דיר, שמעיה?

— מיר—גאָרניט — ענטפערט שמעיה, קאָכנדיק מיט שוים אין מויל, אייך—דיר זאָל נאָר עפּעס ניט זיין! איך בין דיר געקומען עוקר מן השרש זיין—פושע באלקי ישראל!

דער רב שטעלט זיך אויף:

— משוגע, מטורף!

נאָר שמעיה שפרינגט אונטער, רייסט דעם רב דעם ספּאָדיק פון קאָפּ און לויפט מיט אים אַרויס!

דער רב פאַרריכט זיך געשווינד די יאַרמולקע און ווישט זיך איבער דעם שטערן, צי איז עס ניט אַ חלום געווען?

ער רוקט זיך צו צום פענסטער און זעט: שמעיה לויפט און רייסט דעם ספּאָדיק!

— שמעיה! שרייט אים נאָך דער רב פון פענסטער — אויב דו ביסט ניט משוגע, הער, איך בין דיר מוחל, הלוואי מען זאָל דיר דאַרפט מוחל זיין!

---

ניט-טויט, ניט-לעבעדיק קומט שמעיה צוריק אין שטיבל אַריין.

עפּעס בייסט אים אין האַרץ, עפּעס קלינגט אים אין די אויערן, אַ קאַלטע שרעק צעשפּרייט זיך אים אין די אָדערן, נאָר ער באַטויבט אַלץ מיט אַ הויכן געשריי, מיט אַ געשריי פון אַ שיכורן נצחון:

— אַזוי, רבותים, מן השמים האָט מען מיר געהאָלפן! זעט, איר ווייסט... אַ נייער ספּאָדיק, שמעון היטל-מאַכער... געמאַכט ערשט יענע וואָך... יאָ? און צעריסן, אויף פּיץ-פּיצלאַך צעריסן, מיט מ י י נ ע הענט, איך אַליין!

און ער שטרעקט אויס די דאַרע, וואַקס-געלע הענט...

— מן השמים, מן השמים... קיין פאָדים ניט געבליבן.

דער עולם שוויגט האַלב דערשראָקן און דער אַלטער רופט:

— חייב מיתה ביסטו, שמעיה, ווייסט ניט „מוציא שנתו" זיין...

להכעיס דעם אַלטן צערודערט זיך אַ ביסל דער עולם, דער און יענער הייבט די אויגן אויף פון דער פּאָדלאָגע און שטאַמלט:

— אַ וואוילער יונג, שמעיה —

— אַ גבור, שמעיה! כאַפּט אונטער דער צווייטער.

אַ דריטער וויל בעסער שיקן נאָך אַ ביסל יי"ש... עס איז עפּעס „אָפּגעפּאַלן", אָפּגעקילט געוואָרן, מען דאַרף צוריק אויפהויבן, אויפלעבן!...

דער שמש נעמט ארויס א פלאַש פון בוזים; א חברה-מאַן — קעלישקעס פון א קעסטל.

מע פרעגט אַפילו ניט ווי תמיד: וועד צאָלט?

מע פילט, אַז מען מוז נעמען א קאָפּ כאַטש שמעיהן צוליב, ווי ער ציטערט.

— לחיים! לחיים! ווער טרינקט?

אַלע טרינקען אויסער דעם אַלטן.

— ערגער ווי יין-נסך, זאָגט ער שטרענג. דער עולם מאַכט זיך ניט הערנדיק, רינגלט אַרום שמעיהן:

— לחיים! לחיים!

— א ברכה לבטלה! מאַכט דער אַלטער...

— זקן-אשמדאי! אַלטער תרח!.. ווערט דער עולם אין כעס. דער אַלטער פאַרטייטשט:

— א מורד במלכות, מאן מלכא? רבנן!

— ער האָט מיר מוחל געווען, פון פענסטער געשריגן! — דערמאָנט זיך שמעיה און שרייט.

— תלמיד חכם שמחל על כבודו אין כבודו מחול, זאָגט דער אַלטער קאַלט און האַרט, ווי געפרוירן שטאָל.

שמעיה האָט א ציטער געטאָן, די שוואַרצאַפּל פון די אויגן ווײַנען אים ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן און ער האָט געקוקט פאַר זיך מיט צוויי ווייסע לענגלאַכע פלעקן.

אַהיים גייענדיק וואַקלט זיך שמעיה ווי א שאָטן; קוים ער שלעפּט נאָך די פיס.

— עס, שטאַרקט ער זיך, אַן אַלטער נאַר רעדט... אויס-געוועבט... שוין אָן א פונק... כ'הער אים ווי א רב...

— און יענער האָט מיר מוחל געווען...

— און גלוי וידוע לפניך (ער הייבט די אויגן אויף צום הימל), אַז ניט מיין כבוד — —

דער געדאַנק האַקט זיך איבער. ער האָט באַמערקט די לבנה. און עס דאַכט זיך אים, אַז זי קוקט אויף אים בייז. יהושע בן נון קוקט אויף אים מיט כעס, מיט אַן אויג!

ער דערשרעקט זיך, רוקט זיך צו צו אַ וואַנט, שפּאַרט זיך אָן און קוקט דערשראָקן אויף דער לבנה.

עס שווימט אָן אַ לייכט ווייסלאַך שטיקל וואָלקן און פאַרשטעלט די לבנה.

ער עטעמט אָפּ.

— עס האָט זיך מיר געדאַכט! —

— און, — טרייסט ער זיך ווייטער — מען זאָל אפילו דאָרט אויף מיר פאַראיבל האָבן, וועט ער, זכרונו לברכה, ניט דערלאָזן צו עפּעס שלעכטס... זיין כבוד!

ער וואַקלט זיך ווייטער, אָנהאַלטנדיק זיך אָן דער וואַנט פון יעדן הויז.

דער קאָפּ איז אים שווער, זייער שווער און ער וואונדערט זיך, אַז פון אַזאַ ביסל בראָנפן, זאָל אים שווער ווערן דער קאָפּ.

צי איז מיר ניט עפּעס?

ער איז שוין פאַר זיין שטוב.

עס פאַלט אים איין, ניט מיטאַמאָל אַריינצוגיין.

ביילע, טראַכט ער, וועט זיך פאַר מיר דערשרעקן. ער פילט, אַז ער מוז שרעקלאַך אויסזען.

ער מיידט די טיר און גייט צו דער באַנק פון אונטערן פענסטער.

ער זעצט זיך און שפּרינגט באַלד אויף.

עס פאַלט אים איין, אַז ער מוז אַריינקוקן דורכן פענסטער אין שטוב, צי איז ניט דאָרט, חס־ושלום, עפּעס געשען!

די קינדער, זעט ער, שלאָפן שוין אין די בעטן, ביילע שטייט אָנגעשפּאַרט ביים קוימען, זי איז איינגעדרעמלט שטייענדיק ביים קוימען, מיטן שטיקל קין, וואָס זי האָט געוואָלט אונטערלייגן, די וועטשערע זאָל ניט קאַלט ווערן, אין דער האַנט, דאָס פייער איז דערווייל אויסגעגאַנגען.

און די ווייסע ליפּן זיינע ציטערן: געלויבט השם יתברך, געלויבט זיין ליבער נאָמען!

ער קען זיך דאָך ניט אַוועקרייסן פון פענסטער.

---

דאָס פייער פון קוימען איז פאַרלאָשן.

דאָס לעמפּל אויפן טיש האַלט אין אויסגיין.

עפּעס וואונדערלאַכע שאָטן דרייען זיך אַרום אין שטוב.

דאָס פּנים פאַרקרימט זיך אים פאַר שרעק און קאַלטע טראָפּן שווייס רינען און רינען פון שטערן.

ער דערקענט זיי די שאָטן.

דער פאָטער, עליו השלום, און דער פעטער דוד, און יונתן דער צווייטער פעטער. און חיים שמואל — פון ווייבס צד... דער הינקט אונטער, ווי ביים לעבן...

די גייען אויף און אָפּ, זייער קול הערט ער ניט, נאָר זיי קוקן אויף זיך און אָן די תנועות, אָן די הענט זעט ער, אַז זיי ריידן צווישן זיך, דער עיקר דער פעטער דוד, שטענדיק אַן עקשן געוועזן; ער שטרעקט פלאַך אויס די האַנט, ער זאָגט אַוודאי: דאָ זאָל מיר האָר וואַקסן!

זיי גייען פאַרביי פאַרביילען און שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ. אַ רחמנות — הייסט עס — אויף ביילען, וואָס איז זי, נעבאַך, שולדיק? דערנאָך גייען זיי צוריק און פאַרהאַלטן זיך ביי די בעטן, קוקן לאַנג אויך מיט רחמנות אויף די קינדער...

און עס הייבט אָן עפּעס שטיל צו רוישן אין אויער. ער האָט אויפגעכאַפּט עפּעס ווי: יתומים, אָרימע יתומים.

ער לאָזט אַרויס אַ ווילד געשריי.

---

ביילע איז אַרויסגעלאָפן און אַריינגעפירט שמעיהן אין שטוב אַריין.

— וואָס איז מיט דיר! וואָס האָסטו געשריען?...

ביסט שטייענדיק געשלאָפן, האָב איך דיך געוועקט! שטאַמלט שמעיה אויס אַ תירוץ.

ביילע קוקט אויף אים און קען דעם תירוץ ניט גלויבן.

— האָסט זיך עפּעס דערשראָקן?

— ווי. ווער?...

— זע נאָר, ווי דו זעסט אויס?

— ווי זע איך אויס? ווי אַ ייד זע איך אויס.

ביילע זיפצט און פאַרריכט דערווייל דאָס לעמפּל.

— נעם אַ ביסל בראָנפן, נעם. איך וועל דערווייל פייער מאַכן, אייז-קאַלט זיינען די קאַרטאָפל.

— איך וועל ניט עסן...

— ביסט שוין געגנוג — ווענדט זיך ביילע אָפּ פון קוימען

— איך האָב, דאַכט זיך, אַ ביסל היץ.

ביילע לויפט צו און לייגט אים די האַנט צום קאָפּ.

— ביסט קאַלט ווי אייז! נאָר די ציטערסט אינגאַנצן, האָסט זיך פאַרקילט?

— אפשר.

— לייגט דיך אין בעט אריין... אַליין... כ'וועל נעמען אַלע קינדער צו מיר.

— לייג דיך, בעט זי זיך, איך וועל דיר מאַכן טיי.

— ניין, שטאַרקט זיך פלוצים שמעיה, שלוחי מצוה אינן נזוקין! איך הער זיי ווי די קאַץ, זאָל ער זיך מחילה מאַכן אַ נייעם ספאָדיק!

און ער פאַלט אין ניצחון.

— און דעם נייעם ספאָדיק וועל איך אויך צערייסן!

ער רעדט וואָס אַמאָל העכער, ער האָט די קינדער אויפגעוועקט.

— טאַטע, טאַטע! ווערט אַ געריפעריי, מיר האָבן געוואַרט.

— שאַט, קינדער! איך האָב היינט אַ גרויסע, גרויסע מצוה געטאָן, אַ גרויסע מצוה, מקדש השם געוועזן פון רבס כפאָדיק אַש געמאַכט.

— איר פאַרשטייט? פון חיי אָדם האָט ער געפּסקעט! דער רב-שלחן-ערוך, זאָגט ער, איז גאָרניט! עפרא לפומיה, איר הערט! עולם הבא זיכער! הערסט, ביילע, אָבער זיכער!!

ביילע ענדערט זיך אויפן פנים פאַר שרעק. עס רייסט זיך איר אַ געוויין פון טיפסטן האַרץ צום האַלז צו, זי האַלט זיך איין, זי זאָל שמעיהן און די קינדער ניט איבערשרעקן.

זי שטאַמלט:

— צו עולם הבא, שמעיה, איז נאָך ווייט...

— אָבער הערט ווי אַזוי עס איז געוועזן.

און שמעיה דערציילט באַריכות די שאלה, וואָס מען האָט געפרעגט דעם רב, וואָס דער רב־שלחן־ערוך זאָגט, וואָס דער חיי־אָדם זאָגט, און וואָס דער רב האָט געזאָגט, און וואָס פאַר אַ וויכוח עס איז געווען אין שטיבל, און ווי דער עולם האָט געשריען, און ווי ער איז געלאָפן צום רב, וואָס ער האָט געטאָן, ווי ער איז צו־ריקגעקומען, ווי מען האָט אים געוואונטשן, לחיים געטרונקען.

די קינדער שווייגן אוןביילע פרעגט:

— און וואָס האָט דער אַלטער ברוך געזאָגט?

— דער אַלטער תרח, — שפּרינגט שמעיה אונטער ווי אַן אָפּגעבריטער — ימח שמו, דער אַלטער תרח... געשאָלטן האָט ער מיך כ׳וועל דאָס יאָר ניט אויסלעבן—דער אַלטער כלב.

ביילע איז ווי געפאַלן אונטער זיך אויף אַ באַנק און האָט זיך שטיל און ביטער צעוויינט.

שמעיה גייט ברוגז צום פענסטער.

מ׳ילא זי, אַ יידענע... אָבער די קינדער! דער עלטסטער פון 5 יאָר, 5 יאָר און פאַרשטייט נאָך ניט! אַ שיינעם קדיש וועט ער איבערלאָזן.

די קינדער זיינען צוריק איינגעשלאָפן; ביילע ווישט זיך אויס די אויגן און גייט צו צום קוימען, זי בלאָזט אויף אַ ביסל פייער, גיסט אָן אַ טעפּל וואַסער און שטעלט צו אויף טיי.

אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אויפן עק קוימען, קאָן זי די אויגן ניט אָפּרייסן פון שמעיהס אַקסל.

ער שטייט מיטן שטערן אָנגעשפּאַרט אָן דער שויב און ציטערט, און די פּלייצע וואַרפט און וואַרפט זיך...

— שמעיה, רופט זי זיך אָן, כ׳וועל גיין נאָכן פעלדשער...

ער דרייט זיך צו איר איבער.

— נאָך וואָס? זע בעסער די לבנה זאָל ניט אַזוי קוקן... וואָס האָט דיר דער פעטער דוד געזאָגט... ער האָט געטייט אויף דיר מיטן גראָבן פינגער...

---

שמעיה איז שוין צו זיך ניט געקומען.

---

# דער בייער ניגון.

מען האָט געגעבן אַ בלאָז, דער עולם האָט אָנגעהויבן רעשן: „לשנה הבאה בירושלים!“ ווייסע חברה האָט זיך שוין צוגעכאַפּט צום וואַקס פּונם שלחן,ביים עמוד איז שוין געשטאַנען אַ וואָכעדי־קער חזן, מען האָט געדאַוונט שוין דעם וואָכעדיקן מעריב מיטן וואָכעדיקן ניגון.

פייל פון בויגן האָט זיך געדאַוונט, פייל פון בויגן אָפּגעלייגט קיטל און טלית און אָנגעהויבן אָנטאָן די שטיוול — ווער האָט צייט?

קיינער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו באַמערקן דעם בלאַסן יונגנמאַן, וואָס האָט געדרייט זיך אַרום עולם און נאָכגעשלעפּט אַ שוואַך און נאָך אַ בלאַס קינד. דאָס דריטע מאָל גייט ער שוין אַרום די שטעט; קיינער זעט אים ניט. דער ליגט אונטער אַ באַנק און זוכט אַ שטיוול, יענער איז פאַרנומען, מען האָט אים אַ קאַלאָש פאַרטוישט, אַ היטל פאַרשמירט מיט חלב און — אַלע זיינען הונ־געריק...

אומזיסט קוקט ער יעדן אין פּנים, ער קאָן קיינעמס בליק ניט כאַפּן.

— טאַטע קום שוין אַהיים! בעט זיך דאָס קינד.

— נאָך איינמאָל וועלן מיר אַרומגיין, האָט ער געענטפערט, איך וויל נאָך דורכגיין פאַרן פעטער...

דערוויל אָבער האָט זיך דער עולם אַ ריר געטאָן. דער לעצ־טער קדיש, דער לעצטער „אמן!“

דער עולם יאָגט און שלעפּט מיט דעם יונגנמאַן מיטן קינד.

אויפן שול־הויף שטעלן זיך די מענער מקדש זיין די לבנה. די ווייבער ציען זיך איןביידע זייטן פון שול־גאַס, ווי לאַנגע ווייסע שניר.

אהיים גייענדיק, האָט מען צייט אויסצורעכענען, וויפיל וויי־בער עס האָבן געחלשט, וויפיל שיר־ניט געחלשט; צו ריידן אַ ביסל מכוח דעם חזן, וואָס איז היינט געווען הייזעריק מער ווי אַלע יאָר.

ביי יעדן הויז געזעגענען זיך צוויי דריי און פאַרשווינדן... בשעת ווען אויפן שול־הויף שטייט נאָך דער גרויסער עולם און טאַנצט קעגן דער לבנה. צווישן עולם דרייט זיך ווייטער אַרום דער בלאַסער יונגערמאַן מיטן בלאַסן קינד. דער עולם הייבט אָן ווערן קלענער און זיין פנים — פינסטערער; אָפּגעזאָגט, דער לעצטער פאַר־שווינדט ערגעץ אין אַ עק. דער יונגערמאַן שטייט נאָך.

— קיינער... נו מילא, מוז מען זיך באַגיין... איך וועל ניט בעטלען אויפן נייעם יאָר; באַלד מוצאי יום־כפור... האָבן זיינע ליפן געציטערט.

דאָס קינד האָט געמיינט, אַז ער איז מקדש די לבנה.

— גענוג שוין, טאַטע! האָט ער אים געשלעפּט ביי דער פּאָלע, קום שוין אהיים! — זיין קול איז געווען אָנגעזאָפּט מיט טרערן.

— נאַריש קינד, וואָס יאָגסט דו דיך אהיים?

— עסן! איך בין הונגעריק

— פשיטא! אַוודאי ביסטו הונגעריק... שוטה איינער! מאַי קא משמע לן? וואָס דערציילסטו מיר, אַז דו ביסט הונגעריק... אַניט, וואָס וואָלט איך געמיינט, אַז דו פאַסט אָפּ אַ יום־כפור און דו ביסט ניט הונגעריק?

— קום שוין אַהיים, האָט זיך ווייטער געבעטן דאָס קינד.

— הער, דודל, אינדערהיים איז אויך ניטאָ וואָס צו עסן...

— כאָטש אַ שטיקל ברויט.

— קיין ברעקל ברויט!

דאָס קינד איז געבליבן שטיין דערשראָקן.

— דודל, מאַכט צו אים דער פאָטער, דו ווייסט וואָס היינט איז געווען?

דאָס קינד שווייגט און כליפּעט שטיל.

— היינט, דודל, איז געווען יום־כפור... יום הקדוש.

— יאָ, האָט קוים דאָס קינד געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, זאָג דודל, וואָס האָבן מיר געטאָן?

— געדאַוונט — וויינט דאָס קינד.

— גוט! און השם יתברך וואָס האָט געטאָן?

— מוחל געווען, האָט קוים דאָס קינד אַרויסגעכליפּעט.

— ווייסטו וואָס, דודל, אז גאָט ברוך הוא, האָט מוחל געווען אונזערע זינד, דאַרפן מיר, דאַכט זיך, זיין פריילאַך! וואָס?

דאָס קינד ענטפערט ניט.

— דו געדענקסט, דודל, פאַראַיאָרן, ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָבן מיר געזונגען נאָך דער וועטשערע אַ נייעם ניגון, געדענקסט דעם ניגון?

— ניין!

— איך וועל דיר דערמאָנען, נאָר העלף מיר אונטער!

און דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבן זינגען מיט אַ הייזעריקער שוואַכער שטימע אַ ניגון; ניט קיין סיני, ניט קיין וואָלאַך, נאָר עפּעס אַ גריילאַכן נגון, וואָס האָט געשניטן אין האַרץ.

דאָס קינד האָט וויינענדיק צוגעהאָלפן.

# אַז מען זאָגט: משוגע, גלויב!

איר פרעגט אויף משה יוסעלעס? וועגן אַ שידוך פרעגט איר? אַדרבה! וועמען דען זאָלט איר פרעגן, אַז ניט מיך? מיין חבר געווען, ווי דען! איך האָב אַפילו זייער גוט זיין פאָטער, דעם דיין, געקאָנט; לסוף ימיו ביי אונז דיין געווען. אַוודאַי, ער זאָל מיר עס מוחל זיין, אַ מתנגד געווען, נאָר אַן אייזערנער מוח! אַזוינער מעג זיין אַ מתנגד, אַז אַ מענטש איז אַליין ביים צאַפּן!

אויס קבלה האָט ער אַפילו חוזק געמאַכט, נאָר איך גלויב אים זייער! אַ פּאַרצייטיקער ייד, האָט ער אונז, יונגעלייט, געוואָלט אָפּסטראַשען!

צו קיין גוטן ייד איז ער טאַקע ניט געפאָרן, נאָר ער איז אַליין געווען אַ גוטער ייד.

זיין זיצן און לערנען! מיט אַ נאַס האַנטוך אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ (אַ ניט, זאָגט ער, וועט אים דער מוח פּלאַצן), מיט איין פוס אונטער זיך... און פון אונטער די לאַנגע, בייזע ברעמען האָט זיך טאַקע ממש פייער געשיט! וואָס קלערט איר, אויב משה ר׳ יוסעלעס איז אַ מיוחס? איינגעטונקט אין יחוס! נאָר גלאַט, ער אַליין איז קיין לייט ניט! עס טוט מיר דאָס האַרץ וויי, נאָר וואָס אמת איז אמת—אַ פּלוט איז ער, אין מוח פעלט עפּעס!

ייִנגלווייז אויך אַן אייזערנער מוח געווען; זונטאָג האָט ער שוין געקענט דעם שיעור אויסווייניק! באַלד זונטאָג!

נאָר משוגע! זיינע תנועות, זיינע הוויות. און אויך אַזוינע לאַנגע ברעמען, און ברענענדיקע אויגן, ווי דער פאָטער, עליו השלום. נאָר דער פאָטער איז געווען מיושב און ער—משוגע. אַ יונג מאַכט זיך אַ מאָדע צו קוקן אין הימל אַריין! עס גייט, למשל, דורך—אַ וואָלקן, זעט ער אין אים אַ געשטאָרבענעם פעטער, אַ כהן גדול, אַ צאַפּ... וואָס איר ווילט נאָר אַליין, זעט ער אין

דער כמארע! איז דער הימל לויטער, זאָגט ער, אז עס איז א ראש-השנהדיק פּרוכת!

ווינטער פּלעגט ער אָפליגן גאנצע טעג אין פענסטער און ארויסקוקן אויפן שניי. ברילי‍אנטן, זאָגט ער, זעט ער אין שניי! ווי, עס איז דען נאָכצודערציילן? איך וועל אייך לאנג ניט בריי‍ען, נאָר די מעשה איז אזוי געווען:

מיר האָבן ביידע אין איין וואָך חתונה געהאט; איך בין געפאָרן צום שווער קעסט עסן, און ער האָט זיך געזוכט א מעמד.

ביים שווער, ווי דער שטייגער איז, האָב איך גאָר אָן משהלען פארגעסן; אין שטעטל דאָרט איז געווען א מחלוקת, האָב איך מיך שטארק ארייגעלאָזט...

דערנאָך האָב איך מ י י נ ע צרות געהאט! א קינד איז מיר, לא עליכם, געשטאָרבן, און מיט איר האָב איך אויך ניט גוט געלעבט; אהין — אהער, מיר האָבן זיך געגט, און מען הייבט מיר אָן צו ריידן שידוכים פון דער היים!

איך לאָז איבער דאָרט די קינדער; זי ו ו י ל ניט, האָבן מיר א דין-תורה; דער רב פּסקעט, זי זאָל זיי האלטן ביז צו דריי יאָר; קום איך אהיים, גיי אין בית-המדרש אריין און טרעף משהלען:

„וואָס מאכסטו גוטס?"

— אזוי... ענטפערט ער.

„האָסט שוין עפּעס קליינוואַרג?"

— ניין, מאכט ער.

„פאַרוואָס?"

— איך ווייס, פארוואָס?

„און וואָס טוסטו דערצו?"

— גאָרניט!

איר הערט א תשובה!

„פאָרסט ערגעץ?"

— מיין טאטע איז אויך ניט געפאָרן.

איר הערט אַן עסק! אז דער טאטע איז ניט געפאָרן, פאָרט ער אויך ניט! ווי הייסט? „איך האָב, זאָגט ער, א צוואה!" איך

גלויב ניט מיינע אייגענע אויערן! אז עס גייט וועגן קינדער, פאָרן קריסטן צום רבין!

ביי מיינעם, זאָל לעבן, האָב איך געזען איבער דער צייט, איך זאָל קיין גוזמא ניט זאָגן, איבער צוואַנציק געגאָלטע בערד... איינער האָט דעם רבין אַנידערגעלייגט 50 זילבערנע טאָלער! עס האָט אים אַפילו געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס! וואָרים טאַקע, העלף אַזוינעם, וואָס איז איינגעטונקט אין עבודה-זרה; נאָר — ער האָט זיינס געטאָן! און דער—גאָרניט! מען זאָגט, עס פּאַרט ניט אַ גראָבער יונג, אַ טרעגער, אַ שוסטער—אָבער ער, משהלע?! וואָס איז, ער ווייס ניט, אַז גאָט, ברוך־הוא, איז אַמאָל אַמישנע גוזר, דער צדיק זאָל האָבן וואָס מבטל צו זיין? וואָרים אַז ניט, טאַקע, וואָס פאַר אַ וועלט וואָלט זיך געפירט? אַלץ על־פּי דין... שטענדיק גלייך ווי אַ ווירע? נאָר, גיי, טענה מיט׳ן! —

דערווייל האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט; איך בין גע־שטאַנען אין אַ סך שידוכים אויפן אָרט, און געמאַכט האָט זיך, אַז איך האָב חתונה געהאַט פון דער פרעמד...

וואָס קלערט איר? מ׳האָט מיך אָפּגענאַרט, אַז עס איז מיר אַ חרפּה און אַ בושה געוועזן אויסצוזאָגן; אַהין און אַהער, איך קום צו פאָרן— מיין משהלע איז שוין אַן אַלמן צום מזל, און דאָ הייבט זיך אָן אַ נייער שגעון! ער לאָזט זיך קיין שידוך ניט ריידן...

על־פּי דין מעג מען ריידן אַ שידוך אין דער שבעה, וויל ער טאָן לפנים משורת הדין! דערנאָך וויל ער איבערוואַרטן שלשים; דערנאָך איז אים די ספירה ניט מזלדיק; דערנאָך פאַלט אים איין צו וואַרטן אַ גאַנץ יאָר! און נאָך דעם אַלעם, אַז איך האָב שוין קוים דערלעבט און דאָס יאָר איז אַריבער, זאָגט ער ערשט, אַז ער איילט זיך ניט! אַן אַנדערער, זעסט, אַז דו קענסט זיך באַגיין אָן אַ ווייב, מהיכא תיתי, האָב חתונה, נעם אַ פּאָר גילדן נדן און פאָר ערגעץ אַוועק און ווער אַ פרוש!

ניין, דאָס וויל ער ניט, דאָס דאַרף ער ניט—ער האָט גלאַט צייט! ער וויל זיך פּשוט מישב זיין!

וואָס קלערט איר, ער האָט אָפּגעלעבט אַ פּאָר יאָר טאַקע, ניט פאַר אייך געדאַכט, ווי אַ כּלב אין דרויסן! וואָרים טאַקע

באמת, וואָס איז ווערט אַ מענטש אָן אַ שטיקל יידענע? אָן אַ ביסל ווארעמס, אָן אַ געקאָכטע קאַרטאָפל? מיט הערינג האָט ער זיך געשפייזט; געזופּן און געקנעלט און געגעסן הערינג! אַ שיין לעבן?

אָט, קוקט מיך אָן, וואָס פאַר אַ פּנים איך האָב! און ווי לאַנג איז, אַז מיין דריט ווייב איז נפטר געוואָרן? אפשר אַ האַלב יאָר!

נו? תהו ובהו אין אַלע ווינקעלאַך: אָן אַ העמד אויף שבת, די מחיה אין שענק איז אין דער ערד! קיין גאַנצע פּאָר פלודערן ניט! און ער זיצט און קנעלט, און גאָרניט!

איר קאָנט פאַרשטיין אַ לעבן? איינדערפרי אַ ציבעלע מיט ברויט, מיטאָג אַ שטיקל הערינג, ביינאַכט די רעשט פונם הערינג, וואַשן—וואַשט מען זיך מיט אַ קוואָרט ביים פּלומפּ אויפן הויף, מע ווישט זיך אָפּ אָן די פּאָלעס, און מע קייט הערינג מיט ברויט! וואָס קלערט איר, אַ שיין פּנים האָט ער געהאַט, צו גרונט איז ער געגאַנגען! קיין אויגן האָט מען ניט געזען, נאָר צוויי שוואַרצע לעכער אין קאָפּ! איינגעבויגן—כּפול שמונה, און אַ הולך, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

ער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ שאָטן, ווי אַ מת, רחמנא ליצלן, און האָט דעם גאַנצן קאָפּ פאַרלוירן; איינמאָל שבת, לויפט ער אין בית-המדרש אַריין מיט טלית און תפילין אונטערן אָרים! אַ מענטש גייט דורך דער גאַס, זעט שטריימלאַך, אַטלאַסענע קאַ-פּאָטעס, פאַרמאַכטע געוועלבער און גאָרנישט, ער לויפט מיט טלית ותפילין!

— משהלע! שרייט מען אים נאָך—ער הערט ניט און דאָ איז שבת, מע טאָר קיין גרויסע שפּרייז ניט מאַכן און גלאַט — מע צעלייגט זיך פאַר געלעכטער! אַ מערכה, וואָס אַ שניידער-יונג האָט אים נאָכגעוואָרפן אַ שטיין, געטראָפן אין פּלייצע אַריין און ער איז אומגעפאַלן...

און אַ וואונדערלאַכע זאַך: כּל-זמן ער לערנט, לערנט ער, איז ער כּאחד האדם, ניט צו דערקענען; ער דערהיצט זיך, רעדט, חזרט איבער—און דערביי איז ער פאַרט משוגע. מע האָט דערזען, אַז ער איז אַזוי פאַרטיפט אין לערנען, אַז ער פאַרגעסט אַמאָל

אַ קינד אַ קלאַפּ צו געבן; דעם קאַנטשיק האָט ער שוין לאַנג ער־געץ פאַרוואָרפן! און, וואָס קלערט איר, די קינדער האָבן אַ גן־עדן אין חדר!

מע וואָלט אים צוגענומען דאָס מעמד, לערנט ער אָבער אַזוי וואויל, אַז די קינדער קענען אָן אַ קניפּ, אָן אַ ריר; אַזאַ כּוח האָט ער שוין געהאַט. פאַר דאָס, קוים פאַרמאַכט ער די גמרא, ווערט ער אויס מענטש, ניט צו גאָט, ניט צו לייט. ער פאַרגעסט צו עסן, צו שלאָפן, צו דאַווענען אפילו; אַ מערכה, וואָס ער האָט אַ מזל געהאַט צו די קינדער, דאָס לעבן האָבן זיי אים ליב געהאַט, זיי האָבן זיך פאַר אים מקריב געווען! אַלץ דערמאָנט און דערלאַנגט.

„רבי, וואַשט אייך״—זאָגט אים אַ תלמיד, וואַשט ער זיך.

„רבי, עסט!״ דאָס ניט: „עסן—זאָגט ער—וועט ער ניט; ער וויל וואַרטן, ער האָט פיינט אַליין צו עסן!״ טאָמער ווייסט איר, אויף וועמען ער וויל וואַרטן? ער וואַרט און זיצט אַזוי מיטן עק פון הערינג אין דער האַנט און שאָקלט זיך און קוקט אין דער טיר אַריין, גלייך אליהו הנביא דאַרף אַריינקומען.

פלוצלונג דערמאָנט ער זיך, אַפּנים, אַז אליהו הנביא קומט נאָר צום סדר, הייבט ער אָן צו עסן און צו וויינען צוזאַמען. „וואָס וויינט איר, רבי?״ פרעגן אים די דערשראָקענע קינדער — ענטפערט ער ניט. דרייט זיך איבער צו דער וואַנט, און די קינ־דער הערן, אַז ער וויינט! טיילמאָל גייט ער צו צו דעם קליידער־שאַנק, וואָס איז אים פון ווירטשאַפט געבליבן, עפנט זי אויף, שטעלט זיך אַנידער און קוקט, און קוקט, גלייך ער וואָלט דאָ דער גרויסער גביר געווען, און שטייט און קלערט, וואָס פאַר אַ קאַפּאָטע ער זאָל אָנטאָן, אַן אַטלאַסענע אָדער אַ זיידענע; מיט־אָדער אָן־סטראָקעס! און דאָ, שווער איך אייך בנאמנות, איז אין שאַנק, אויסער אירע עטלאַכע שמאַטעס, וואָס קיינער האָט צומאָל ניט געוואָלט אָפּקויפן, קיין לעק ניט געווען!

אין שטעטל, באמת, האָט יעדערער זיינס אין זינען, יעדע־רער האָט מיט זיך צו טאָן. איך האָב אויף אים יאָ רחמנות געהאַט, בין איך פונקט דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַן אַלמן געוואָרן!

איך האָב אייך שוין דערמאָנט, אַז מיטן צווייטן ווייב

האָב איך מיך גאָר אָפּגענאַרט, אָבער גאָר אינגאַנצן! זי האָט, לא עליכם, געקרענקט און געקרענקט, ביז זי איז, ניט פֿאַר אייך גע־דאַכט, געשטאָרבן, און איך האָב ווייטער געמוזט זיך אַרומקוקן וועגן אַ שידוך און חתונה האָבן. וואָרים, באמת! האָב איך שוין געהאַט, ווי מען זאָגט, „מײַנע, אירע און אונזערע” קינדער. און וואָס קען אַ מאַנספּאַרשוין טאָן מיט קינדער? אדרבא, וואָס? זייגן וועל איך זיי? איינשלעפֿן? וואַשן און קאָרמען? עס איז מיר אוודאי ביטער געווזען ווי די גאַל, און האָב צו משהלען קיין צייט ניט געהאַט! נאָר קיין שלימזל, ברוך השם, בין איך ניט, איך האָב געזען ווי צו טאָן און האָב חתונה געהאַט צום דריטן מאָל, טאַקע מיט דעם דריטן ווייב, וואָס איז, לא עליכם, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, ניט פֿאַר קיין שום יידן געדאַכט, ערשט ניט לאַנג געשטאָרבן. זי איז אַפּילו אַ בריה אַ יידענע געווען, צו דעם שענק ווי געוואַונטשן און דווקא ניט געקינדלט.

וואָס טוט גאָט? פֿאַרקילט זי זיך — אײַנמיטן זומער, אין חודש תמוז! — אין מקוה... קריגט אַ לונגען־אָנצינדונג. קאָסט אָפּ אַ מטמון מיט גאָלד, און שטאַרבט אַוועק! הכּלל, וואו האַלט איך? יאָ, מיט דעם דריטן ווייב האָב איך דעמאָלט חתונה געהאַט און קוים האָט זי איבערגענומען דעם שענק, און איך האָב געזען, אַז איך האָב מיך אויף וועמען צו פֿאַרלאָזן, האָב איך מיך באַלד גענומען משהלען פֿאַרזאָרגן!

„דו מוזט חתונה האָבן” — זאָג איך — „דיין טויט וועט זיין און חתונה האָבן מוזטו!”

ער הערט מיר ווי־ן רבי! אַזוי, טראַכט איך, וואָרט? איך האָב אָפּגעשטעלט מיט די באַלעבאַטים. מען האָט אים מכלומרשט דעם חדר צענומען! איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — אַ מלמד מוז האָבן אַ ווייב! מיין משהל — גאָרניט; אָן תלמידים איז אָן תלמידים!

ער גייט זיך אַרויס אונטער דער שטאָט שפּאַצירן, וואַלגערט זיך אַרום אויפֿן לאָנקע ביים טייך... ניט זיין זאַך! ווערט ער הונ־געריק, קומט ער אין שטאָט אַריין און כאַפּט ערגעץ אַ שטיקל ברויט, וואַשט זיך, עסט און בענטשט, און גייט אַוועק. איך מיין שוין, אַז עס וועט דערפֿון גאָרניט זיין, נאָר צום דריטן טאָג,

משהלע איז דאָ אין בית-המדרש! ער וויל שוין חתונה האָבן! אפשר מיינט איר, ער איז צום שכל געקומען? ער האָט אַ ישוב געהאַט אַז אַ מענטש אָן אַ ווייב איז קיי און שפּיי? חס ושלום! נאָכן קנעלן בענקט ער! די קינדער פעלן אים!

נו, זאָל זיין פון קאָזאַק אַבי צ'ם לעבן! ער גיט האַנט-תקיעת-כף, אַז ער וועט חתונה האָבן, מיר מאַכט מען פאַר אַן עומד, איך זאָל אים אויסזוכן אַ שידוך, און ער קריגט צוריק די תלמידים!

און וואָס קלערט איר, אַז איך האָב גענומען די זאַך אין דער האַנט אריין, האָט אוודאי געברענט אונטער די פינגער! נאָר איך קען ניט זאָגן—אַ גאָט-זאַך איז עס אויך געוועזן! פּונקט מאַכט זיך אים אַ וואוילער שידוך! פריער האָט מען אים אַפילו מיר אָנגעשלאָגן, נאָר אַ שדכן, אַ ימח שמוניק, האָט מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט. שטעלט אייך פאָר, אַ יידענע, אַ שמאַלץ-גרוב, אָנגעזאַפּט מיט עשירות: אַ בעל הלוואהניצע, אַן אַלמנה, אויף משכנות פלעגט זי לייען, און אַ בריה נפלאה געוועזן; אויפן קאָפּ דאָס גאַנצע געשעפט געפירט, און קיין איינציק מאָל אויף איר היזק, אויף דער האָר זיך ניט טועה געוועזן. און זי האָט אים דווקא געוואָלט, אַזאַ מזל האָט ער שוין געהאַט! איך קלער אים צוזאַמענצומאַכן אויף מלבושים, כאָטש אַ שטריימל קויפן... אַ טלית קטן; שיקט זי זאָגן, אַז זי וויל ניט, זי גיט אַ פּיפּאונצוואַנציקער, און מען האָט אים מלביש ומנעיל געוועזן כיד המלך... פון אַלעם גוטן: אַ שטריימל, שיך און זאָקן, צוויי טליתים קטנים, צוויי צי דריי פּאָר פּלודערן... מען האָט קיין שהיות ניט געמאַכט, באַלד אַ חופה געשטעלט און מיין משהלע שיינט אונטער דער חופה ווי אַ שררה, נאָר וואָס דאָס משוגענע פּנים רוט ניט אַ רגע, גלייך ער וואָלט וויינען געהאַט. די ליפּן ציטערן ווי ביים אָפּשפּרעכן אַן עין-הרע, און די אויגן ברענען עפּעס ניט היימלאַך... אמת משוגע! נאָר באַלד האָט זיך גאָר געמאַכט אַ נייער שגעון!

ערשטנס וויל ניט די יידענע, ער זאָל קנעלן. זי פאַרדינט אפשר 10 רובל אַ וואָך, וואָס טויג עס איר? וואָס דאַרף זי עס? זיץ און לערן און שמעלק זיך אין מילך און פּוטער! וויל ער

ניט! ער מוז קנעלן. ער איז שוין געוואוינט צו די קינדער, ער קאָן אָן זיי ניט לעבן! וועסט האָבן דיינע אייגענע קינדער! ניין, דערווייל מוז ער האָבן אַ מעמד.

נו, אַ שיינע כפרה, האַלט זיך ביי דעם מעמד; ווערט ער אָבער אויפסניי פאַרטראַכט, הערט ממש אויף צו ריידן, אויסער ביים לערנען מיט די קינדער... און אַזוי האָט ער ניט מער ווי צוויי ווערטער אין מויל: ס'איז ניט דאָס! וואָס „ניט דאָס", וועד „ניט דאָס", ווייסט מען ניט.

די יידענע, נעבאַך, האָט זיך דאָס לעבן געשטרעקט, טאַקע מקריב געווען פאַר אים; געקאָכט און דערלאַנגט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און ער הייבט אַלעמאָל אויף די אויגן, קוקט אויף איר, גלייך ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען, כאַפּט אַ שווערן אָטעם און זיפצט: ניט דאָס! ס'איז גאָר ניט דאָס!

ער פאַרזיצט זיך אַמאָל ביינאַכט אין בית־המדרש, ניט ער דאַווענט, ניט ער לערנט, נאָר גלאָט, ער זיצט אַזוי איבערן שטענדער אָדער שפּרייזט אַרום פון איין וואַנט צו דער צווייטער. דער לעצטער, וואָס גייט אַרויס, קריגט אויף אים רחמנות, רופט אים מיט: „משה, גייסט?" ער ענטפערט ניט. „פאַרוואָס גייסטו ניט אַהיים?" ער שווייגט. מען כאַפּט אים אָן ביים אַקסל און שאָקלט מיט אים, כאַפּט ער זיך אויף ווי פון דער הינער־פלעט און זאָגט: „ס'איז גאָרניט דאָס!"

שלעכט! דאָס ווייבל, נעבאַך, האָט מיר דעם קאָפּ פאַרווייטנט, וואָרים טאַקע, איך האָב דאָך זי אַריינגעפירט, איך בין דאָך דער ערב קבלן געווען...

און עס שניידט מיך טאַקע ביים האַרץ; אַ יידענע נעבאַך, אַזויפיל הוצאות געמאַכט, אַזויפיל גאָלד אָפּגעקאָסט און איינגע־האַנדלט זיך אַ „גאָר ניט דאָס!" מילא, וואָס קאָן איך העלפן? איך גיב איר אַן עצה, זי זאָל אים פאַרנאַרן צום רבין... מען מאַכט אַ פּלאַן אויף ראש־השנה, וואָרים טאַקע, ראש־השנה!—האָבן מיר אַ קימא לן, אַז דער כוח פון צדיק איז אויף גרעסער. נאָר פאַר ראש־השנה טרעפט זיך אַזאַ מעשה! איינמאָל, אָונט־צייט, זאָגט אים דאָס ווייבל פאַר דער וועטשערע, ער זאָל אַרויסגיין פאַרמאַכן

די לאָדן. וואָרים טאַקע, זי וויל ניט עסן צוזאַמען ביי אָפענע פענ־סטער; זי נעמט די שרויף אין דער האַנט אַריין, ער גייט אַרויס, אויפן וועג זיפצט ער: „ס׳איז ניט דאָס!" ער שפּאַרט אונטער דעם לאָדן, זי פאַרשרויפט, נאָר קומען—קומט ער שוין ניט אַריין; ער איז נעלם געוואָרן.

וואָס קלערט איר, עס האָט זיך געטאָן אין שטעטל! מען האָט גערעכנט: אַ משוגענער, איז ער זיך אין דער קעלט גע־גאַנגען באָדן און איז דערטרונקען געוואָרן, אָדער ער איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָט און האָט פאַרבלאָנדזשעט. אַ דאגה אויף אַ משוגענעם! מען האָט געדונגען פויערן, געזוכט אין טייך, אין דער געגנט, קיין זכר פון אַ מענטש: אויף אַנטלויפן איז ניט צו רעכענען, וואָרים טאַקע, עס טרעפט זיך, אַ מענטש אַנטלויפט פון אַ ווייב, מהיכא תיתי, ניט איינער אַנטלויפט, נאָר— אַ מענטש, עסט אָפּ וועטשערע, נעמט מיט אַ קאַפּאָטע! ווער לאָזט עס שטיין אַ שיסל קליסקעלאַך מיט ביבערלאַך און לויפט אַוועק אין אַן אַלטער, וואָכעדיקער תכונה?! און עס איז אַ האַרצרייסנ־דיק רחמנות אויף דער עגונה נעבאַך! עס האָט זי ווייניק גע־קאָסט? אַ לייטישע חתונה, מלבושים, רח״ש... און פאַרוואָס? פאַר־וועגן? פיר וואָכן געלעבט מיט אַ מאַן! און וואָס פאַר אַ לעבן! אומשטיינס געזאָגט—אַ לעבן! מען קען ניט זאָגן, ער האָט איר אַפילו קיין שלעכט וואָרט ניט גערעדט, נאָר קיין גוטס אויך ניט, אַלץ די משוגענע ווערטער: „ס׳איז ניט דאָס!" עס איז איר, נעבאַך, אַזוי אויך טאָג אויף טאָג דער מאַמעס מילך איינגעפאַלן, דאַרף זי נאָך ווערן אַן עגונה!

וואָס טוט מען? מע שרייבט צו רביים; עס העלפט ניט! האָט מען געפרעגט אַ שאלה, צי מע מעג שרייבן אויפן „מגיד"...

איינער האָט יאָ געהייסן. דער צווייטער — ניט געהייסן; מילא מתיר צו זיין אַן עגונה, האָט מען יאָ געשריבן, נאָר לעבן זאָל ער אַזוי, דער „מגיד", ווי ער ווייסט עפּעס! און פון וואַנען זאָל ער וויסן? אַז די רביים האָבן ניט געוואוסט!

גאָרניט, ווי אין וואַסער אַריין!

דאַכט זיך, שוין פאַרפאַלן? ניין! פּאַלט פּלוצלונג ווי פון

הימל אַראָפּ אַ שליח מיוחד מיט אַ גט! אפשר מיינט איר פון ווייט! גיין, דוקא פון 5 וויערסט אונטער דער שטאָט, פון פּיטשעווקי.

נו, האָט גאָר געקענט עמיצן איינפאַלן, אַז אַ משוגענער וועט אַנטלויפן אינגאַנצן אויף פינף וויערסט? עס איז גאָר קיינעם אויף דער מחשבה ניט געקומען, אַזוי נאָענט צו זוכן!ביים גט שיקט ער איר נאָך צו אַ חרם-קוויטל אויף 200 גילדן פאַר אירע הוצאות. אויסצאָלן, שרייבט ער, וועט ער אַ גילדן אַ וואָך, און איז איר משעבד דערויף אַלע זיינע נכסים! דעם ערשטן גילדן האָט איר דער שליח געבראַכט!

אַ'ן אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער אַליין געקומען און האָט זיך ווייטער אויסגעזוכט אַ מלמדות.

— משוגענער — פרעג איך אים, — נאָך וואָס ביסטו געקומען, האָסט ניט געקענט דאָרטן קנעלן?

— איך האָב געבענקט! זאָגט ער.

— צו וועמען?

— צום היגן בית-עלמין! זאָגט ער. און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַז אַ גרויל גייט דורך די ביינער! איר האָט געהערט, אַ מענטש זאָל בענקען צום בית-הקברות? ער בענקט! און ער זאָגט קיין שקר ניט!

נאָך מעריב גייט ער נאַכט אויף נאַכט אַרויס אונטער דער שטאָט און דרייט זיך אַרום בית-עלמין! אַ כהן איז ער, אַריינ-גיין טאָר ער ניט, דרייט ער זיך אַרום צוים און קוקט פונווייטן אויף די מצבות!

וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר, קלער איך, איז דאָס? צי איז עס ניט אַמאָל אַ סגולה אויף קינדער? צי איז ער ניט אַ מקובל געוואָרן? אפשר גאָר אַ כישוף-מאַכער.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס זיינען מיר שוין געקומען הוריות אין קאָפּ אַריין, אַ קשיא אויף אַ מעשה! אָדער ער איז אַ באַהאַלטענער צדיק, אָדער ער האָט פאַרקויפט די נשמה אין גיהנום אַריין, ווייס איך? קליינערהייט האָב איך געהערט, אַז אויב מען ציט אַ ליכט מיט חלב פון אַ נפלע אויף אַ פאָדים פון אַ ציצה — ווערט מען אַ רואה ואינו נראה — און גלויבט מיר, ווען איך ווייס

ניט, אַז ער איז אַ כּהן, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז ער האָט זיך מתחבר געווען מיט אַ חברה גנבים און זוכט אַ נפלע אונטערן צוים! גנבענען, פאַרשטייט זיך, וועט משה ר׳ יוסעלעס ניט, אָבער ליכט צוטיילן, אפשר יאָ... אַ דאגה — וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב פּרנסה?!

עס איז אָבער נישט! ער קוקט שוין וואָכנלאַנג און קוקט, און גאָרניט: מע הערט ניט און מען זעט ניט! און גיי פאַרשטיי?

פאַרשטייט איר שוין, וואָס מע מיינט „שגעון?” אַז מען זאָגט „משוגע”—גלויב!

אַזוי, אַזוי, רב קרוב, משהל איז מיין חבר, איך האָב אים ליב דאָס לעבן... נאָר משוגע, נעבאָך, איז ער... חתונה מאַכן איז אים שווער, זייער שווער... מילא, איך זאָג אייך ניט „ניין”... איר ווילט דאָך אוודאי עפּעס פאַרדינען, טוט וויר איר פאַרשטייט...

זעט איר, אויב איר האָט פון מיינעט װעגן אַ שידוך...

# דער משוגענער בטלן.

## I.

ער איז געלאָפן אויף און אָפּ בייטאָג איינער אַליין אין בית־המדרש און פּלוצלונג זיך אָפּגעשטעלט.

— רבונו של עולם, ווער בין איך?

— ווער בין איך?... מען רופט מיך: בערל חנהציעס... נו, בין איך דען בערל חנהציעס? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך ניט די קלייט! דאָס הויז, וואו דער רב וואוינט, הייסט: „פּאָד־קאַרפּיעם" און איך — בערל חנהציעס!

אין ציאַכנאָווקע קען מען מיך: מען ווייסט, ווער בערל חנהציעס איז; אָבער אין אַמעריקע? ווען איינער למשל גיט אַזוי' ראַפּטום אַ זאָג אַרויס אין אַמעריקע, אין בית־המדרש: „בערל חנהציעס"... נו, וואָלט עמיץ געוואוסט, אַז מען מיינט מיך?

שאני הכא! דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכל, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, מאַכט אַזוי אַ תנועה... „אַ באַ־קאַנטע זאַך, בערל חנהציעס!" איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער: — דער משוגענער, דער דריטער — כ'ווייס וואָס; דער פערטער ווערט זיך דערמאָנען, אַז איך הייס נאָכן פעטער בערל. — טויבעלע, אמת, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווייל זי ווייסט, אַז איך בין נעבאַך אַ יתום. אָבער אין אַמעריקע, וואו מען קען ניט חנה די זיצערקע, און וואו מען ווייס ניט, אַז עס איז געוועזן אויף דער וועלט אַ בערל חקרן, דער מאַמעס אַ ברודער, וואו מען ווייסט ניט, אַז איך בין, וואָס מען רופט מיך: אַ משוגענער, אַ בטלן, אַ יתום און אפשר גאָר אַ חקרן אויך. (איך בין, דאַכט זיך, געראָטן אין פעטער אַריין), וואָס פאַר אַ רושם וואָלט דאָרט געמאַכט: בערל חנהציעס? !

עפּעס ווייס איך דאָ יאָ ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ משוגענער, אַ בטלן... נו, דאָס בין איך!

— בין איך דען ניט משוגע? וועלכער מענטש שטעלט זיך אנידער קלערן, ווער ער איז! אַ מענטש איז אַ מענטש! איך בין אַ מענטש און הייס: בערל חנהציעס... וואָלט איך געווען אַ הויז, וואָלט איך אפשר געהייסן: פאָד=קאָרפּיעם, — אָן אַרעסטאַנט — וואָלט איך געהאַט אַ לאַטע אויף די אַקסל און אַ נומער... וואָלט מיין טאַטע, ניט די מאַמע, געווען דער פאַרזאָרגער, דער „פרנסה=געבער", ניט דער בטלן, וואָלט איך געהייסן, „בערל שמערלס". עס וואָלט אַפילו שווער געווען אַרויסצוזאָגן: „בערל שמערלס", נאָר מען וואָלט שוין געמוזט! און אפשר וואָלט איך דעריבער ווייניקער געווען ביי מענטשן אין די מיילער—ווען מיין נאָמען זאָל זיך ניט אַזוי גלאַטיק אַראָפּקאָלערן פון דער צונג.

— אָבער, ווי איך וואָלט געהייסן — אַ מענטש בין איך...

אַ מענטש! נאָר אַ בטלן דערצו... מאַלע אַ מענטש בלייבט אַ יתום, נו, וואוינט ער אין בית=המדרש? קראַנק בין איך עפּעס צו טאָן? אין שליחות גיין, האַלץ האַקן, אַ משרת ווערן און גיין אָנגעטאָן אַ בגד, ניט קרועה בלויה, עסן ברויט, ניט זיין ביז דרייסיק יאָר ישיבה=בחור, עס זאָל מיר פעלן צוויי טעג אין דער וואָך און אַרומדרייען זיך אַלץ און קלערן: ווער איך בין?!

איך וואָלט כאָטש געוואוסט, ווער מיין קאַפּאָטע איז; צינד=אָסור אויב איך ווייס! — אַ שטיק בענדיט, אַ שטיק חיים, אַ שטיק יונה, דריי פּערטל פון מיסט! אַ מערכה, טויבעלע קען נייען, אַ ניט וואָלט איך געווען אָדם נאַקעט.

— איז דען דאָס אַליין ניט קיין שגעון? אַזאַ מין בטלנות, אַזאַ מין בטלנות! גאָרנישט... שמערל, חיים, יונה... עס האָט אַ שיעור וויפיל בית=המדרשניקעס איך האָב איבערגעלעבט!... איינער איז שוין אַ סוחר, איינער — אַ טרעגער, איינער — אַ שענקער; אַ דאגה, איינער איז שוין אַן אַלמן אַפילו, שמערל האָט שוין דאָס דריטע ווייב; נאָר אַלע האָבן קינדער, געשעפטן, עסקים; גוט, שלעכט, נאָר פאַרנומענע מענטשן, עסן ניט קיין טעג, זיינען ניט קיין בטלנים... מענטשן! איך וויל אויך זיין אַ מענטש!

— וואָס הייסט אַ מענטש?

— ווי איך בין אַ ייד, איך בין קיין מענטש ניט!

— ווי איך בין אַ ייד, איך בין אַ ייד! אמת, איך בין אַ ייד, נאָר גאַנץ ציאַכנאָווקע זיינען אויך יידן און זיינען ניט איך! הלמאי, איך בין אַ מאַנספאַרשוין, (כאָטש אַ קלאָג צו מיין מאַנספאַרשוין, אַ ווייטאָג צו אים!) נו... אַלע מענטשן, וואָס זיינען ניט קיין נקבות, זיינען מאַנספאַרשוינען, הכלל, זיינען אַלע בערל חנהציעס!

— ניין, ברודער בערל, נאַר דיך ניט! דו ביסט אַ מאַנס-פאַרשוין, דו ביסט אַ ייד, אמת; נאָר ניט דו ביסט דער מאַנס-פאַרשוין, ניט דו ביסט דער ייד!... דו ביסט עפּעס אַנדערש; דאָס אַלץ איז נאָר אַ צולאָג, צוגעגעבענע זאַכן; אָבער ניט דו אַליין...

— איך רייד מיר איין, אַז איך בין אַ בטלן, אַ משוגענער אַ יתום, אַ אומגליקלאַכער מאַנספאַרשוין... נאָר בטלנים, משוגעים, יתומים זיינען דאָ אַ סך, אפשר אַזוינע מאַנספאַרשוינען ווי איך בין — וויניקער; נאָר דאָ איז, אַ דאגה, אפשר אין אַן אַנדערער שטאָט, אפשר אין אַמעריקע, נו, זיינען אַלע איינס? חס ושלום, יעדערער פאַר זיך!...

— נו, ווער-זשע בין איך, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אַריין אַ דבוק, עס מוז עמיץ זיצן און קלערן איבער מיר, און מיר דאַכט זיך: איך אַליין קלער! אַ והא ראיה, ווען איך האָב כוח (אַ גאַנצע וואָך, אויסער מאָנטאָג און דינסטאָג) האָט יענער אויף מיר קיין שליטה ניט; קלער איך וויניקער! און באמת, די חקירה איז, אַז קיין שום מענטש אין דער וועלט קאָן ניט איבערקלערן זיך אַליין! — ווי הייסט, איך וויל מיך משיג זיין? איך וויל מיך אַרויסרייסן פון מיר אַרויס, אַוועקשטעלן זיך אָדער אים אין אַ זייט, „ער" זאָל קוקן אויף מיר! איך-ער זאָל קוקן אויף ער-איך!...

כאַ, כאַ, כאַ! ווי הייסט! זאָל איך מיר נאָר באַרעכענען!... עפּעס ווערט מיר וואַרים אין קאָפּ...

(ער לויפט צו צום כיור, גיסט זיך אָפּ מיט קאַלט וואַסער;

שלעפּט אַרויס פון אונטערן אויוון אַ שמאַטע, און בינדט זיך שטייף אַרום דעם שטערן).

— צינד וועט עס גיין. נאָכאַמאָל!... איך וויל וויסן, ווער איך אַליין בין...

— וואו זאָל איך קוקן, אַראָפּ צי אַרויף? רעכטס — צי לינקס?... איך בין דאָך אין מיר. ווען איך, למשל, קריך אַרויף אויפן ארון קודש, בין איך אינגאַנצן אויבן; איך וועל אונטן גאָרניט איבערלאָזן. לאָמיך לויפן אין קעלער אַריין, וועל איך זיין אינגאַנצן אונטן... נו אַזוי ווי קען איך קוקן אויף מיר?

— היכי דמי?!

— וואָס דען זיצט אין מיר און קלערט פאַר מיר?

— און עפּעס זיצט דאָך פאָרט... האַ?...

— איך ווייס דאָך, אַז ווען עס זיינען געלעגן ביי דער שמשטע אומגעציילטע קיכלאַך און איך האָב שוין דריי טעג קיין מאכל ניט געהאַט אין מויל, האָב איך גאַנץ שטאַרק חשק געהאַט אַראָפּצושניפּן אַ קיכל... נאָר איך האָב געזאָגט: ניין! מען טאָר ניט! ניט מיין... דערנאָך האָב איך געפונען טויזנט תירוצים... „די שמשטע האָט גענוג פאַרדינט אָן מיר, זי מעג מיר געבן אַ צולאָג", „איך זאָל זי בעטן, וואָלט זי מיר אַליין געגעבן", „איך וועל איר מיט גאָטס הילף אַמאָל באַצאָלן"... נאָר איך האָב אַלץ געזאָגט: „ניין, מען טאָר ניט"... און עס איז געבליבן — ניט!... פריער איז עס געגאַנגען איינס נאָכן אַנדערן: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך אַליין פרעג און איך אַליין ענטפער, נאָר דערנאָך, שפּעטער אַ ביסל, כאָטש תוך כדי דבור, נאָר דערנאָך, איז עפּעס אַנדערש געוואָרן, עס איז געוואָרן צוזאַמען: יאָ און ניין-ניין און יאָ און ווייטער ניין! עס איז געוואָרן אַ מחלוקת, און נישט איז געוואָרן, ניט ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אָדער דעם חשק פאַרלאָרן; ניין, נאָר די האַנט האָט זיך ניט געקענט רירן; זי האָט ניט געוואוסט וועמען צו פאָלגן... אַ והא ראיה, איך בין דערנאָך שטאַרק מיד געוועזן, טאַקע ווי נאָך אַ גרויסע מחלוקה, ווי נאָך אַ הייסן וויכוח מיט יונה לאָקש, וואָס וויל מיר

אַלץ אײַנריידן, אַז דער גאון, ז״ל, זיצט אין גן־עדן מיט אַ פּאַר ראָצטער באָרד, ווייל ער האָט ניט געהאַלטן פון חסידות!

— אַזאַ פערדו!... נאָר מיד בין איך געווען; איך דערמאָן מיך גאַנץ זיכער, ־זיכער! דאָס אייגענע איז געווען פורים, ווען איך האָב געטראָגן פון פרץ פײַנהאָלץ, פון גביר, דעם רב, שלח־מנות. איך האָב געהאַט אַ פול מויל מיט וואַסער, די צונג איז מיר אַרומגעלאָפן אין מויל ווי משוגע, ווי איך לויף צינד אַרום אין בית המדרש. די הענט האָבן מיר געציטערט; אַ שטיק טאָרט, מאַקאַראָנען, עפּעס נאָך עטלאַכע מינים... איך נאַשער האָב גע־וואָלט, איך ערלאַכער מאַן האָב ניט געוואָלט!...

— מען זאָגט: „יצר טוב״, זאָל זיין אַזוי! אָבער סיי־ווי־סיי בין איך דאָך נאָר אַ דירה, וואו עס וואוינען צוויי שכנים, איינער הייסט: יצר־טוב, דער צווייטער — יצר־הרע. ניט אַזוי? ווייטער די מעשה מיט די נעמען... אָבער ווער זיינען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין אַ דירה, איך בין אי דער גוטער שכן, אי דער שלעכטער שכן. אַלץ איך, און דערצו וויל איך וויסן ווער איך בין?! כאַ, כאַ, כאַ! — שאַ! נעכטן ערשט, דער עולם האָט געלאַכט, וואָס איך בין געבליבן שטיין אויף איין אָרט, אפשר אַ שעה! איך ווייס, וואָס איך בין געשטאַנען! איך האָב ניט געקענט גיין: מען האָט געהאַקט האָלץ אויפן שול־הויף, האָב איך געוואָלט גיין פּרובן, צי איך קען אַ שייטהאָלץ צעהאַקן, צי קען איך אַרבעטן... איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין; שטייען צוויי בענק: אין דער זייט אַ באַנק, אין יענער זייט אַ באַנק. דאָ דער־ציילט מען, אַז מען הייצט אין באָד, הייבט מיך אָן בייסן דאָס גאַנצע לייב און איך וויל צוגיין צום קעסטל, אַרויסשלעפּן דאָס בעזימל און גיין אין באָד אַריין... קעגנאיבער האָט זרח מלמד דערציילט יענקל קעצלען, אַז אין „בעל־עקדה״ איז דאָ אויף דער היינטיקער סדרה אַ פּלאַי־פּלאַימדיקער דרוש! וויל איך וויסן, וואָס זרח מלמד איז געפעלן, צולויפן צו דער מזרח־וואַנט און אַראָפּכאַפּן דאָס ספר... נו, בין איך טאַקע געשטאַנען! די פיס האָבן ניט געוואוסט וועמען צו פאָלגן: צי דעם בערל חנהצי׳עס,

וואָס וויל גיין האָלץ־האַקן, צי דעם בערל הנהציעס, וואָס וויל גיין אין באָד אריין, ווייל עס בייסט אים, צי דעם בערל חנה־ציעס, וואָס וויל וויסן, וואָס זרח מלמד איז געפעלן!... איך בין טאַקע אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איך האָב נאָך קיין מנחה ניט געדאַוונט!

— נו, על כן? וואוינען אין מיר שוין פיר פאַרשוין! אַ האָלץ־העקער, אַ בעל־עקדהניק, אַ בעדער און דער לעצטער — אַ מנחה־דאַוונער, וועלכער האָט אַלע אַרונטערגעיאָגט אונטערן איוון, זיי זאָלן קיין פּיפּס ניט געבן, נאָר ער האָט צו שאַפן, און די פיס מוזן אים פאָלגן. אַ והא ראיה, בין איך טאַקע צו־געגאַנגען צו דער וואַנט און האָב געדאַוונט!

אַ שטיקל אמת שטעקט דערינען... וואָרים זיי זיינען ניט פאַרלוירן געוואָרן; זיי האָבן זיך נאָר באַהאַלטן אונטערן איוון, זיי האָבן פון דאָרטן אַרויסגעקוקט... זיי האָבן געוואונקען צו מיר, און האָבן מיך מבטל געווען! אינמיטן שמונה־עשרה האָב איך אַלץ אין זינען געהאַט: האָלץ־האַקן, שמייסן זיך אויף דער העכ־סטער באַנק אין באָד, און דעם בעל־עקדהס דרשות אויך!...

— נו, אַ כלל? וואָס העלפט דער יצר־טוב מיטן יצר־הרע, אַז איך בין אַמאָל דריי, און אַמאָל פיר!

— אָט ציינד פיל איך, אַז „איך" אַליין בין עפּעס אַ גאָר־ניט! איך אַליין וואָלט גאָרניט געלעבט. איך אַליין, ווען איך לעב אַפילו, וואָלט איך מיך אינדערפרי אַפילו פון דער באַנק ניט אויפגעהויבן, איך וואָלט געלעגן ווי אַ גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאַקע אַ גולם, איך האָב גאָר קיין נשמה ניט; וואָס דען? אַלץ אַרום לעבט, אַלץ אַרום האָט נשמות, די נשמות זייערע לאָזן אַרויס פון זיך אַזוינע לאַנגע, דינע, שפּיציקע פעדימלאַך, אַזוינע שטראַלן, און זיי כאַפּן זיך און ציעפּען זיך אין מיר, קריכן אין מיר אַריין, רירן מיך, שטעלן מיך אויף די פיס, הייסן מיך גיין, טאָן, לויפן... אָבער איך אַליין בין גאָרניט!

ווער דען פאָרט קלערט? האַ? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער אַ פרעמדער? ניט איך?

— נו, זאָל זיין אַ פרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צי בין איך אַ שטייג און ער — אַ פייגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאָגט: יונתי, הייסט עס מיין טייבעלע! — וויל דאָס טייבעלע האַלץ־האַקן, אין באָד אַריין גיין, אַראָפּ־גנבענען פון שלוח מנות, אַוועקשניפן אַ קיכל ביי דער שמשטע, און תוך כדי דבור זען דעם בעל־עקדהס דרשה?... פו, טייבעלע, ניט שיין! ביסטו עס, מעגסטו זיך שעמען!

— כאַ! כאַ! בערל חנהציעס איז אַ טייבעלע, אַ פייגעלע; בערל חנהציעס האָט אַ קליין פיסקעלע מיט פליגעלאַך, בערל חנהציעס וועט אַמאָל אַרויספליען פון דער שטייג...

— נו, בערל חנהציעס, דעמאָלט וועסטו אויך קלערן ווער דו ביסט? אויך זיין אַ יתום, אויך זיין אַ בטלן, אויך זיין משוגע?

אוודאי! ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז אַ יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פאַרט?

## II.

עס קומט אין בית־המדרש אַריין וואָלף סוחר.

בערל חנהציעס דערזעט אים, און אַנטלויפט אין אַ זייט. וואָלף סוחר וואַשט די הענט, ווישט אָפּ אין דער פאָלע, נעמט אַרויס פון דער שאַנק אַ ספר און זעצט זיך אַריינקוקן. בערל חנהציעס לאָזט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ...

— ווער איז ער? פרעגט ער זיך און ענטפערט זיך באַלד:

— וואָלף סוחר! ער גיט זיך דערביי אַ שטאַרקן קניפּ אין באַק אַריין...

— בהמה! חמור! וואָלף סוחר איז אַזוי ווי בערל חנהציעס! אַזוי הייסט ער; נאָר ווער איז ער?... צי איז ער איינער, צוויי, צי דריי? וויפיל פייגעלאַך פישטשען אין זיין שטייג, פאַרשטייסטו, וויאַטעק! ?

ער האָט זיך נאָך שטייפער צוגעצויגן דעם קאָפּ.

— לאָמיך קלערן...

— אַצונד איז ער איינער, איין װאָלף סוחר... ער זיצט און לערנט! פּאַרטיפּט, ער זעט מיך ניט. ער לערנט אוודאי נדרים, זיין פּרק, מער קען ער ניט... אַצונד איז אַ קונח קונם קונס... אַצונד איז ער אַ „לשון שבדו חכמים", אַצונד ווייס איך וואָס ער איז, אַ פּרק נדרים... דערנאָך? דערנאָך וועט װאָלף סוחר אַראָפּ־גיין אין גאַס אריין, וועגן תּבואה אויף אַ פֿאַלשער וואָג, אָפּנאַרן גאַנץ קרוינפּוילן און אַהיים גיין געבן דער ווייב, דער אָרעמער, דערשלאָגענער טויבע, צוועלף פּעטש מיט פיר דזאָך! זעסט דאָס לעמעלע, בערל חנהציעס! זעסט דאָך שעפּעלע, זעסט ווי עס קנייטשט איין דעם שטערן, זעסט די פרומע אייגעלאַך, זעסט, זעסט! און דו שוטה, דו בערל חנהציעס, דו חמור, ווילסט מיר איינריידן, אַז דאָס איז דער אייגענער גנב פון גאַס, דער אייגע־נער רוצח פונדערהיים? ניין, בערל חנהציעס! מיר וועסטו דאָס ניט איינריידן! ניין, ניין! — ניט אַזוי קוקט אַ גנב, ניט אַזוי זעט אויס אַ רוצח!... שוטה!...

— איך זאָג דיר, בערל חנהציעס, אַז עס זיינען דאָ דריי װאָלף סוחרס... איינער איז אַ לעמעלע, אַ פרום לעמעלע, וואָס זיצט און לערנט נדרים און וועט אויף יענער וועלט אויך לערנען נדרים, און טאַקע מיטן רבונו של עולמס פּירוש... דער צווייטער — איז אַ גנב און וועט דאָרטן אויך כאַפּן פון די טעלער; דער דריטער איז אַ רוצח, וואָס הרגעט דאָס ווייב מכּות רצח...

— אַ רחמנות אויף איר!... עס שניידט מיך ביים האַרץ, אָפּט חלומט זי זיך מיר... זי בעט מיך אַמאָל, ביינאַכט אין שלאָף, איך זאָל איר העלפן... דאָס הייסט: זי בעט ניט מיטן מויל, זי רעדט ניט, חו"ש, אַ יידישע טאָכטער רעדט ניט מיט אַ מאַנס־פּאַרשוין... נאָר זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ... מיט עפּעס אַזאַ... מין קוק...

— רבונו של עולם! קוקן מעג זי דאָך! זי מעג קוקן אויף אַ מאַנספּאַרשוין!...

— כאַ, כאַ, כאַ! איך אַ מאַנספּאַרשוין... װאָלף סוחר איז אַ מאַנספּאַרשוין, פוילן זאָל ער, װאָלף סוחר! איך בין אים אַ שונא אויפן לעבן. איך האָב ביי אים אַ טאָג; נאָר אַ שונא בין

איך אים! שנאת חנם טאַקע, נאָר אַ שונא... איך וואָלט אים גע־
שטאָכן! יאָ!... נאָר ניט דעם וואָלף סוחר, וואָס זיצט און לערנט,
אַפילו דעם גנב ניט, נאָר דעם רוצח! אים וואָלט איך געשטאָכן...
איך אַליין קען ניט, איך אַליין האָב ניט צו שאַפן, איך בין נאָר
אַ שטייגל... איך האָב אַפילו אַ קניפּיק, אַ שאַרפן קניפּיק, גאָר
אַ שאַרפן, מען קען מיט אים נעגל שניידן, אַ קאָפּ גאָלן...

— איך מאַך מיר אַפילו קיין לאַמטערן ניט, ווייל עס איז
מיר אַ שאָד דער קניפּיק, ער זאָל ניט שטומפּיק ווערן...

דאָך איך אַליין קען ניט... מען דאַרף, עס זאָל מיך עמיץ
הייסן; עפּעס אַ בת־קול, עפּעס איינער, אַפילו זרח מלמד! זאָל ער
אַליין מיך הייסן! ווער שמועסט ווען זי זאָגט מיר, אַזוי שטיל,
ביינאַכט אין חלום; נאָר זי וועט ניט זאָגן, אַ יידישע טאָכטער
וועט ניט זאָגן. חס־ושלום! איך וואָלט זי פיינט געהאַט, זי זאָל
מיט מיר ריידן.

— אַזוי איז בעסער, קוקן זאָל זי, און שטענדיק, און
אַ גאַנצע נאַכט; ביי טאָג קען נאָך עמיץ דערזען, חס־ושלום! עס
איז גענוג יעדע נאַכט...

— אָ! ווי שיין וואָלט עס געוועזן! איך וואָלט אַרויסגע־
נומען דעם קניפּיק, איבערגעגאַנגען די כאַליאַווע, איין מאָל,
צוויי מאָל, דריי מאָל. און בוך!...

— כאַ, כאַ, כאַ! עס וואָלטן אַרויסגעלאָפן געדערים און
געדערימלאַך. כאַ, כאַ, כאַ! און בלוט, רויט בלוט... כאַ, כאַ, כאַ!

— ניין. וואָלף סוחר, נדרים־לערנער, ניט דיך מיין איך!
יענעם, יענעם, דעם רוצח... נאָר ניט דיך!

— הערסט, בערל חנהציעס, ווען דו ביסט אַ מענטש, ווען
דו ביסט ניט קיין יתום, קיין בטלן, קיין משוגענער, קיין חקרן,
וואָלט שוין אַלץ גוט געוועזן... טייבעלע וואָלט אַפילו געוויינט,
זי וואָלט דאָך געוואָרן אַן אַלמנה, נאָר איך וואָלט איר אין
חלום געזאָגט: טייבעלע, גענוג דו האָסט צוויי מאַנען, איינער
גנבעט, דער צווייטער זיצט און לערנט, וואָס טויג דער דריטער,
ווילסט דווקא דריי? דווקא מען זאָל דיך, טייבעלע, שלאָגן. דווקא
דו זאָלסט וויינען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט...

— אין אפשר איז ער פּאָרט נאָר איינער?...

— בערל חנהציעס! דריי זיינען זיי, לאָמיר זיך וועטן. קום אַמישנע, ווייל ער זיצט דאָ און לערנט, קום אין גאַס אַריין, וועסטו זען, ווי יענער גנבעט דערווייל אין גאַס... דערנאָך ווי ער שלאָגט, קום! וועסט זען!...

ער הויבט זיך אויף, לויפט אויף די נעגל צו דער טיר, שלעפּט אַרויס דעם שליסל און פאַרמאַכט פון יענער זייט...

## III.

ער קומט צוריק, בלאַס און אין כעס...

— זיי האָבן זיך באַהאַלטן, די גנבים! וואָס האָבן זיי צו טאָן? עס איז היינט ניט קיין טאָרג! עפּעס אַ יום־טוב, עס הענגען פּענער, מען קען ניט גנבענען... טייבעלע איז ניט אינדערהיים... זי האָט געמוזט גיין צו אַ שכנה. די טיר איז צו... זיי האָבן זיך אפשר ביידע באַהאַלטן! איך האָב אַריינגעקוקט דורכן פענסטער. אונטערן בעט, האָט זיך מיר געדאַכט, רירט זיך עפּעס, אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך דער שאָטן געהוידעט, געוואָרפן, געצאַפּלט! אַ קשיא אויף אַ מעשה, ער זיצט דאָ און לערנט, און זיי ליגן אונטער די בעטן... וואו דען זאָלן זיי ליגן! —

— און וואָלף סוחר, דער תם, דער נדרים־לערנער האָט אפילו ניט געהערט, אַז איך האָב אויף־ און צוגעשלאָסן די טיר! ער איז אַזוי פאַרטיפט אין לערנען!

— און אפשר לערנט ער גאָרניט? אפשר זיצט דאָ דער גנב און וויל אָפּנאַרן מיך מיטן רבונו של עולם?

— וואָלף! רופט ער אים פּלוצלונג.

— וואָס איז?

— גאָרניט!

— בטלן! —

אין אַ מינוט שפּעטער.

— וואָלף!

— וואָס איז?

— איך האָב אַ קניפּיקל!

— וואויל דיר!
— ווילסט זען?
— ניין!
— דאַרף מען ניט!
אין אַ פּאָר מינוט אַרום
— וואָלף!
— וואָס?
— דו לערנסט, צי דו מאַכסט נאָר אַזוי?
— וואָס גייט עס דיך אָן?
— איך דאַרף נייטיק צו וויסן, כ׳לעבן, נייטיק!...
— שטיל, משוגע!
אין נאָך אַ פּאָר מינוט:
— וואָלף!
— וואָס איז?
— וויפיל ביסטו?
וואָלף סוחר ווערט בייז, מאַכט צו די גמרא און גייט אַרויס פון בית־המדרש; בערל חנהציעס בלייבט אַליין.
— צי האָב איך גערעדט מיט וואָלפן? און וואָס האָב איך מיט אים אַזוינס גערעדט? וואָס איז ער אַנטלאָפן? ווי בין איך אַרויסגעגאַנגען? הא? וואָס טוט ביי מיר אין האַנט דאָס קניפּיקל?
ער וואונדערט זיך שטאַרק, און נאָך מער, בפרט אַז ער דערזעט, אַז ער האָט זיך דורכגעשניטן די כאָלעווע. ער ווערט בייז.
— בערל בטלן! דו אַליין האָסט צעשניטן דיין כאָלעווע! דו האָסט אַנדערע כאָלעוועס? טויבעלע וועט דיר ווייטער שענקען אַ פּאָר שטיוול? זי האָט ווייניק געלייזט פאַר יענע שטיוול! זעסטו, בטלן, זעסטו, משוגע, זעסט, עס איז עמיץ אין דיר און ניט דו! זעסט?
— לאָמיך נאָר אַליין זען, ווי דו זעסט אויס, חמור, וואָס לאָזט זיך די שטיוול צעשניידן! לאָמיך דיך אָנקוקן, בטלן!
ער לויפט צום כיור, כאַפּט די שמאַטע אַראָפּ פון קאָפּ און הייבט אָן רייבן און פוצן דאָס מעש.

— איך זע דיך שוין אַביסל, בטלן, — וואַרט, וואַרט, איך וועל דיך נאָך בעסער זען. איך וועל דיין גאַנץ טרפה פּרצוף זען, דיין חמור-קאָפּ!...

ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער קני און רייבט מ׳טן גאַנצן כּוח. ער בלייבט דאָך פּלוצלונג שטיין.

— ווער פּוצט דעם כּיור? ווער? איך? איך האָב כּוח? איך האָב דען היינט געגעסן, נעכטן געגעסן? וואָס איז היינט? דינסטאָג! מאָנטאָג און דינסטאָג האָב איך דאָך ניט קיין טעג. ווער רייבט? !

ער האָט זיך צוריק צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט.

— זאָל רייבן ווער עס וויל, איך, צי דער פויגל, צי די טויב, דער יצר-הרע, צי דער יצר-טוב, נאָר דיין בטלניש טרפה פּרצוף מוז איך זען! באַלד, באַלד! און אויף אַמאָל!

ער פאַרמאַכט די אויגן און רייבט ווייטער אַ ווײַלע מיט כּוח. דערנאָך עפנט ער די אויגן און דערזעט זיך.

— כאַ, כאַ, כאַ! אַזוי זע איך אויס, אַ מת, אַ ריינער מת! צו נעמען אויף דער טהרה-ברעט, צו לייגן שערבלאַך אויף די אויגן!

— זעסט, טויבעלע, ווי איך זע אויס! זעסט! און אַזוי זע איך אויס, ווען דו דערלאַנגסט מיר אַלע מאָל אַ שטיקל ברויט... אַ ניט, ווי וואָלט איך נאָך אויסגעזען? —

ער פאַרטראַכט זיך, און דערמאָנט זיך ווייטער.

— אַ מת! דאָס בין איך, יאָ, יאָ! דאָס איז בערל בטלן, בערל יתום, בערל משוגע! אָט דאָס! דאָס! און ווער בין איך פאָרט?

ער קוקט אויפן כּיור און קוקט אויף זיך.

דאָרטן זעט מען ניט די צעריסענע כאַלעוועס! וואונדערט ער זיך און ווערט בייז.

— אַ מכּה דיר! — שרייט ער פּלוצלונג אויס — אַ מכּה דיר, דו כּיור-מענטש! דו דאַרפסט אויך האָבן צעריסענע כאַלעוועס! אַז איך האָב, דאַרפסטו אויך האָבן!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מער אויף דער פּאָדלאָגע, אָנ-

געשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער ערד און אַרייַנגעשטופּט די פּיס אין כיור.

— איך זע ניט, נאָר דו האָסט, דו האָסט צעריסענע כּאַלעוועס! זעסטו!... אויפצוהויבן זיך איז אים שוין שווער. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער מענטש אינם כיור האַלט אים צו בּיי די פּיס; ער האָט זיי דאָך אָפּגעריסן, אויפגעהויבן זיך, אַ ביסל פּאַרוואונדערט, אַ ביסל דערשראָקן.

— כיור-מענטש! בטלן! האָט ער זיך געררייצט און פאָרט מורא געהאַט צו קוקן אין כיור אַריין. ער איז צוגעלאָפן צום אויוון, אָנגענומען אויף די הענט קאַלך און פאַרשמירט דעם כיור.

— ליג דאָרט אין דער קרענק, קוק ניט אַרויס!

דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק ווי טאָן און די פּיס האָבן אים געבראָכן, ער האָט זיך ווייטער פאַרטראַכט.

לאָמיך נאָר עפּעס דערמאָנען...

— אַצינד טוט מיר ווי דער קאָפּ... אַז דער רוצח שלאָגט טויבעלען, טוט מיר ווי דאָס האַרץ... עס ברעכן מיר די פּיס. אַז איך גיב מיר אַ קניפּ אין באַק, פּלאַמט מיר די באַק, ווייל איך האָב אַ באַק, איך האָב הענט און פּיס, איך האָב אַ קאָפּ מיט אַ האַרץ און האָב אפשר אַ נשמה אויך — אַלץ האָב איך, נאָר וואָס בין איך אַליין? ניט די באַק, די פּיס, ניט דאָס האַרץ, ניט דער קאָפּ, ניט די נשמה. וואָס דען? גאָרניט...

— איך זאָל מיך קענען מאבד עצמו לדעת זיין, און אַליין זען וואָס עס וועט זיין, וואָס עס וועט בלייבן, אַז עס וועט אַוועקפאַלן דער קאָפּ, די הענט, די פּיס, די בעק, די צעריסענע כּאַלעוועס... דעמאָלט וואָלט איך אפשר עפּעס געוואוסט? צי וואָלט ניט אַ יושר געוועזן צו פּרובן...

— ווען זי זאָל נאָר הייסן! אפשר וואָלט איך עס ביי אים געפּרובט.

# דער כעלמער מלמד.

„אַמאָל איז די וועלט אַזוי פאַרפלייצט געוואָרן מיט תאוות"— דערציילט שכנא פאַר אַ גאַנצן רעדל יידן אין בית־המדרש — אַז מען האָט מורא געקריגן, דער רבונו של עולם זאָל ניט, כביכול, פאַרגעסן פאַר גרויס גרימצאָרן די שבועה און ניט עפענען די טויערן פון הימל און ברענגען אַ מבול, גאָר אָן נחן און אָן דער תיבה. עס איז, רחמנא ליצלן, געווען באו מים עד נפש —וויי זאָגט ער, ביז אַהער! עס איז אַזוי ווייט געקומען, ביז די למ"ד וא"ו צדיקים האָבן מורא געקריגן פאַר זיך אַליין און זייַנען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַן אסיפה קיין בראַטקעוו. זיי זייַנען געזעסן און האָבן געקלערט זיבן טעג און זיבן נעכט; עס איז שוין ביי זיי געווען אַ סברא, מען זאָל מאַכן כלו חייב, זאָל משיח קומען וועט נעמען אַן עק. ס'איז אָבער אינמיטן געווען אַ פראָסטער ייד, אַ וואַסער־טרעגער, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין. ס'איז אַראָפּגעקומען אַ בת־קול, דער מלאך גבריאל האָט זיך באַוויזן, מען האָט געזאָגט, אַז מען וויל אַזוי אויפן הימל, אין די עולמות העליונים; אונזער וואַסער־טרעגער קוקט ניט אויף די אַלע זאַכן, ער וויל ניט קיין עבירה טאָן! מען האָט זיך אַזוי לאַנג געהאַמפּערט, ביז עס איז געבליבן, מען זאָל צורעכט מאַכן דעם יצר־הרע.

אַלע למ"ד וא"ו צדיקים זייַנען געווען פּראָסטע אָרימע יידן; אַ חוץ וואַסער־טרעגער זייַנען נאָך געווען שוסטער, האָלץ־העקער, שטיינער־קלאַפּער וכדומה. נאָר איינער פון זיי האָט פּונקט פאַר אַ קורצער צייט אָפּגענומען אַ גרויסע ירושה פון אַ מומען, וואָס איז געשטאָרבן אין אַלכסנדריא של מצרים, און ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט נכשל צו ווערן אינם גאָלדענעם עגל. אָט פאַר זיין געלט האָט מען אַראָפּגעבראַכט, און טאַקע פון מצרים, אַ סריס.

מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַ סריס, מען האָט אים פאַרשטעלט פאַר אַ גוטן יידן, מיט באָרד און פאות, מיט אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, שיך און זאָקן, מיט אַן אָפּן האַרץ און מען האָט זיך אָנגעהויבן רייצן מיטן יצר-הרע: אָט דאָ, ביי דעם צדיק, ווייז דיין גבורה!

דער יצר-הרע איז געקומען; וואָס זאָל ער וויסן? ער זעט אַ ייד מיט באָרד און פאות און צעלאַכט זיך אויף אַ קול: כאַ, כאַ, כאַ! אַ גרויסע זאַך אַרויסצובריינגען צו אַן עבירה.

אים איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ סריס. ער זעצט זיך לעבן אים אַנידער, הייבט זיך אָן מיט אים צו ווערטלען, ריידן אַ ביסל חנופה, חכמהלאַך, עזותקייט, נבול-פה; דער סריס אָבער פאַרשטייט ניט קיין וואָרט און גיט אַפילו ניט קיין שמייכל. דער יצר-הרע איז אַזש הייזעריק געוואָרן: דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך אים אַזויפיל אַרבעט ביי אַ גוטן יידן! ער גיט אַ פייף: רחמנא ליצלן! עס באַווייזן זיך אַלערליי נשים: גבאיטעס, פּראָסטע ווייבער, יונגע ווייבלאַך און אַזוי נקבות. זיי קומען אָן פאַרלאַכוויז, ווי די עופות טמאים אין נחס תיבה אַריין, אָנגעטאָן אויף פאַרשיידענע אופנים: מיט קרינאָלינעס, אָן קרינאָלינעס, פאַרהאָנגענע, פאַרשטעלטע, האַלב-נאַקעטע, און מיט פאַרשיידענע מדות: לאַכנדיקע, וויינענדיקע, שעלטנדיקע, שרייענדיקע—אָבער עס העלפט ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט! אַ טייך מיט שוויס האָט שוין דעם יצר-הרע באַגאָסן, ער איז אַזוי מיד געוואָרן, גלייך ער וואָלט אַ גאַנצע וואָך האָלץ געהאַקט. און דער סריס רירט זיך אַלץ ניט! דער יצר-הרע גיט נאָך אַ פייף און ברענגט אַרויף רחב-הזונה—עס גייט ניט, כאָטש צעררייס זיך! „איך וועל נאָך מאַכן די לעצטע פּראָבע — זאָגט דער יצר-הרע — מאַסאַזש! איך וועל נאָך פּרובן אים אַ ביסל איינרייבן!" ער כאַפּט דעם סריס און קנייטשט אים, בייגט אים, רייבט אים און גלעט אים. ווער, וואָס? דער יצר-הרע האָט אַזוי לאַנג אומזיסט געאַרבעט איבערן סריס, ביז ער האָט אָנגעהויבן סאָפּען ווי אַ גאַנז; עס האָבן אים געבראָכן הענט און פיס און האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו חלשן.

די למד־וא״ו צדיקים האָבן נאָר דערויף אַרויסגעקוקט. זיי האָבן געגומען דעם יצר־הרע, געבונדן מיט דרייסיק בינטלאַך כפול־שמונה ציצית, געקוילעט מיט אַ מוהל־מעסער, אַריינגערוקט אין אַ הייסן באַק־אויוון און פאַרברענט אויף קויל. נאָך דעם האָבן זיי גענומען דאָס אַש, און, אַז עס איז געוואָרן אַ שטאַרקער שטורים־ווינט, האָבן זיי עס פאַרשפּרייט און צעזייט אויף די פיר ווינקלען פון דער וועלט.

אין הימל איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, אויף דער ערד אַ גוט יאָר; אַ לעבן ווי אונטער דער זון: די אומות העולם האָבן אויפגעהערט צו האַלטן מלחמה; מאַן און ווייב האָבן זיך ניט גע־קריגט און די קאָטשערעס מיט די לאָפּעטעס האָט מען נאָר באַ־נוצט צו חלה באַקן; אַלע מלכים האָבן אַהיים געלאָזט דאָס חייל, די ביקסן האָט מען אַוועקגעשענקט קליינע קינדער אויף ל״ג בעומר, און די האַרמאַטן האָט מען גענומען אין די דערפער אַריין און געשטעלט פאַר סטראַשאַקעס אויף די פעלדער. דעמאָלט האָט מען געמעגט טייטלען מיט די פינגער אויף יעדער האַרמאַט, לאַכן און חוזק מאַכן, וויפיל עס וועט אַריין. עס איז געווען אויף דער וועלט שלום ושלוה, לעבעדיק, פריילאַך.

עס וואָלט אַלץ גוט געווען, נאָר די חופה־שטאַנגען, אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען אין שול אין אַ ווינקעלע, אַזוי האָט זיי קיינער ניט גערירט. אַלע מאַנסבילן זיינען געוואָרן פרושים, אַלע ווייבער גבאַיטעס און צנועות — אַ גאַנץ יאָר ימי הגבלה! רבנים, שמשים, חזנים, שדכנים און כלי־זמר זיינען אַרומגעגאַנגען פוסט־און־פּאַס: אויס חתונה־הוצאות, אויס חתונה־קליידער, אויס נדן, אויס חופות—הכלל, נאָר מען זיצט און מען לערנט!

די וועלט האָט זיך פאַרזאָרגט: ס'טייטש? שטאַרבן שטאַרבט מען און קיינער ווערט ניט געבאָרן! עס איז אַזוינס נאָך ניט געהערט געוואָרן! — און גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען ניט דער כעלמער מלמד!

אָט הערט אויס אַ מעשה:

נאָך פאַר די למד־וא״ו צדיקימס אסיפה האָט אַ כעלמער

מלמד דערפילט, אַז דער יצר־הרע דלובעט אים שטאַרק דעם מוח... ער האָט אים געשלעפּט אין בית־המדרש אַריין — אָך איז מיר! — ער גייט מיט; ער איז מיט אים געפאָרן צו אַ גוטן ייד, מהיכא־תיתי, ער פאָרט גאַנץ גערן; ער גייט מיט אים אין מקווה אַריין, דער ימח־שמוניק האַלט צו די נאָז — נאָר גיין גייט ער. דער מלמד האָט געזען, אַז עס איז שלעכט, ער קען פאַרלירן דאָס מלמדות, האָט ער זיך מישב געווען און איז אַנטלאָפן העט, העט אין וואַלד אַריין...

זיבן יאָר איז ער געווען אין וואַלד, געשלאָפן אויף דער גאָלער ערד, געגעסן פוילע וואָרצל און געזאָגט תהילים מיט זוהר. ער איז אַזוי אויסגעדאַרט געוואָרן, אַז מען האָט אים געקענט דורכציען דורך אַן אויערל פון אַ נאָדל, און אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען האָט אים גאָרניט געזען. ער איז כּמעט געוואָרן אַ רואה ואינו נראה, איר פאַרשטייט?

אַז ער איז געקומען צו דער מדרגה, האָט ער זיך אויפגעהויבן צוריק צו גיין אין ישוב אַריין; אים האָט זיך געדוכט, אַז אַצינד איז ער שוין אויף אייביק באַפרייט פונם יצר־הרע, אַז ער מעג שוין פאָרן אַהיים.

נאָר קוים איז ער אַרויס פונם וואַלד — כאַפּט זיך אויף פלוצים אַ שטורימווינט, און קערט איבער וועלטן! דאָס איז געווען פונקט דעמאָלט, ווען די למד־וא״ו צדיקים האָבן צעשפּרייט דעם יצר־הרעס אַש אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט. און עס האָט אים, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַריינגעפּרושעט אַ שטויב אַש אינם לינקן אויג. אַ שיינע מעשה! דאָס לינקע אויג האָט אָנגעהויבן צו זען אַזוינע זאַכן, וואָס, רחמנא ליצלן, מען זעט עס ניט אויף דער גאַנצער וועלט. פונם לינקן אויג האָט זיך באַלד אָנגעשטעקט דאָס רעכטע אויג, באַלד איז עס אים געקראָכן אין מוח, נאָך דעם אין האַרצן אַריין; איך וועל אייך ניט לאַנג בריען — דער כעלמער מלמד איז געוואָרן פול מיט יצר־הרע, און אַז ער איז געקומען צוריק אין ישוב אַריין, האָט ער, וואָס טויג אייך מעשיות, צוריק אָנגעשטעקט די גאַנצע וועלט.

מיין זיידע, עליו השלום, וואָס האָט מיר דערציילט די מעשה, פלעגט אַלץ זאָגן, אַז ווען ניט דער כּעלמער מלמד, וואָלטן מיר שוין לאַנג ניט געווען אויף דער וועלט! און ווען ער, דער זיידע, עליו השלום, האָט געזען אַ חתונה, אַ ברית, אָדער אַ פּדיון הבן, פלעגט ער אַלץ זאָגן: „דאָס איז דעם כּעלמער מלמדס מלאָכה; אין יעדן פון אונז שטעקט אַ שטיק כּעלמער מלמד!...“ —

# עלנט.

סענדער האָט געהאַט זעקס ווייבער און וויל דאָס זיבעטע!

דאָס ערשטע ווייב זיינע געדענקט ער קוים. זיין פּאָטער, עליו השלום, ר׳ פּתחיה, האָט אים אַמאָל אַהיים געבראַכט אַ זייגערל, דערנאָך האָט מען אים אָנגעטאָן אַ פוטער מיט אַ שטריימל, דערנאָך האָט ער געגעסן אַ גאָלדענע יויך!.. ער קען זיך ניט דערמאָנען, ווי דאָס ווייבל האָט אויסגעזען; ער געדענקט אַ קלייד מיט אַ זילבערנעם פּאַס, אַ שטערנטיכל, אַ פּאָר אויערינגלאַך, קיין פּנים ניט; זי האָט דאָך געמוזט האָבן אַ פּנים!

פאַר דאָס געדענקט ער, אַז פאַר דער חתונה, אַ חודש, העכסטנס צוויי, איז ער געוואָרן בר-מצוה, דעמאָלט האָט דער פּאָטער, אַ בעלזער חסיד, גענומען ביי אים פאַרן גאַנצן עולם האַנט-תקיעת-כף, אַז ער וועט זיך ניט אויסלערנען קיין פרעמדע מנהגים ביים שווער אין הויז, ניט גיין אין שווערס דרך, ניט ווערן קיין קאָצקער, קיין מאָל ניט עובר זיין זמן קריאת-שמע, און יאָר ביי יאָר עולה רגל זיין קיין בעלז.

דער שטעטישער רב, אויך אַ בעלזער, האָט אים געגעבן אַ קניפּ אין בעקל פאַר דער דרשה. דערביי האָט ער אים געזאָגט, אַז תורה אַליין איז ניט מציל מדינו של גיהנום, אַ והא ראיה—דער גאון, ער איז דאָך געווען אַ למדן מופלג, טאַקע אַ גאון, און איז היינט פאָרט אין אַ קליינער מדרגה... ער זיצט אין פּעדערהויז פון גן-עדן איבער אַ ש״ס גמרא און לערנט, און דאָס האַרץ טוט אים וויי זעענדיק, ווי פּראָסטע מענטשן, וואָס קענען קוים עברי, שפּרינגען איבערן אַריבער גלייך אין גן-עדן; וואָרים באמת, זאָגט ער, דער עיקר איז כוונה און אמונה... אמונה, זאָגט ער, אין זיין ליבן נאָמען, און נאָך מער—אמונה אין דעם ייד וואָס...

וואָס... געדענקט ער שוין ניט, נאָר עס איז אויסגעקומען, אַז עס איז שוין גלייכער צו עסן טריפות ונבלות איידער צו פאָרן קיין

קאָצק. גלייכער צו זיין אַ כלב, אַן אפיקורס, איידער דעם בעלזער און גאָט ברוך הוא להכעיס, טאָג אויף טאָג עובר צו זיין זמן קריאת שמע, און אַזוי ווייטער...

און באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גהינום!.. ער איז שיר ניט געשטאָרבן פאַר הונגער; ער פלעגט אָפּדאַווענען אַכט אינדערפרי און עסן גייט מען צווי ביינאַכט, ווען ער איז שוין געלעגן און געשנאָרכט ערגעץ אויף אַ באַנק...

ער האָט אָנגעהויבן גנבענען עסן, אויסטרינקען, מיט דער הילף פון אַ שטרוי, די מילך, אַרויסכאַפּן פליש פון טאָפּ; גנבענען געלט און קויפן עסן. דער שווער האָט אָנגעהויבן פּאַטשן, די שוויגער — צו שאָקלען איבער אים מיט אַ קאָציובע, מיטן בעזים, מיט וואָס זי האָט געקריגן אין דער האַנט אַריין, ביז ער האָט זיך איינמאָל מישב געווען און איז בייגאַכט אַנטלאָפן...

מען האָט אים געכאַפּט.

— דו שייגעץ, שרייט דער שווער, אַ ווייב גייט צו קינד— אַנטלויפט מען.

ער האָט זיך קוים געגלויבט! סטייטש?

צום דריטן טאָג איז דאָס ווייבל, נעבאַך, געשטאָרבן אין קינפּעט. עס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן; דאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אויסצווויינען, האָט אים דער שווער אַראָפּגעכאַפּט דעם ספּאָדעק, אויסגעטאָן דאָס זייגערל, אָפּגעצויגן די יופּיצע און קעגעבן אַ טאָלעץ אַרויס, אַז ער האָט אַזש די ציין געקליבן.

ער געדענקט שוין ניט אַפילו, ווי אַזוי ער איז אַהיים געקומען. באַהילפיק זיינען אים געווען בעלזער חסידים. דעמאָלט איז ער אַלט געווען 14 יאָר. געזעסן איז ער שוין ביז 16. אין די צוויי יאָר האָט דער פאָטער פאַרלאָזט אַלע געשעפטן (ער איז געווען אַ תבואה-מעקלער) און אַלץ געהאַט דין-תורות מיטן מחותן. גע- לעבט האָט מען פון דער מאַמעס שטעל. דער פאָטער האָט זיך געריכט פונם „קאָצקער חזיר" אַלע האָר אויסרייסן! און האָט אַלע מאָל גענומען אויף הוצאות, אויף אַנדערע טוענים, אַנדערע רבנים. פלעגט שטענדיק אַהיים צו קומען מלא כעס, און אַריינוואַרפן סענדערן 14 פּעטש:

— אזא נבלה ווי דו לאָזט זיך ארויסוואַרפן! אַז די מאַמע האָט זיך גענומען, איז געוואָרן ערשט חושך. סענדער האָט גאָט געדאַנקט, אַז ער איז נאָכאַמאָל געשטאַנען אונטער דער חופה. איידער מען האָט געברענגט די כלה, האָט ער מיטן גאַנצן האַרץ מתפלל געווען, דער שידוך זאָל שוין עולה יפה זיין. געוואוסט האָט ער, אַז דער נייער מחותן איז שוין אַ בעלזער, אַז ער וועט שוין ניט דאַרפן גנבענען און כאַפן פון די טעפ. נאָר, „רבונו של עולם", זאָל זי ניט שטאַרבן אין קינפעט, זאָל זי שוין בעסער זיין אַן עקרה.

ער ווייסט, אַז ווען ניט וואָס יענע איז געשטאָרבן, וואָלט ער פאָרט אויסגעהאַלטן די צוויי יאָר קעסט! דערנאָך וואָלט געווען קעסט ביים טאַטן. אַלע מכות וואָלטן זיך אויסגעהיילט... ער וואָלט ניט אַהיים געפאָרן נאַקעט און בלויז, ווינטער אין גרעסטן פראָסט...

אַז ער האָט זיך דערמאָנט אין דער קעלט, האָט ער אונטער דער חופה אָנגעהויבן אינערלאַך שטאַרק צו וויינען. ער האָט ניט געהערט, ווי מען האָט אים באַוואָרפן מיט שניי, געשטאָכן מיט שפּילקעס, ווי די כלי-זמר האָבן געשפּילט, ווי מען האָט מיט דער כלה אַרום אים זיבן רעדלאַך געמאַכט, ווי דער חזן האָט געזונגען... און, אַז מען האָט אים מקריא געווען דעם „הרי אַת", האָט ער אין האַרץ אויסגעשריען:

— רבונו של עולם, בעסער אַן עקרה!

און ער האָט עס געבעטן אין אַ בייזער שעה.

געווען איז זי אַפילו, דערציילט ער, אַ חנוודיק ווייבל, אַ גאָר נישקשהדיק ווייבל! אַ בריה, אַ גוטע... זי איז אים געקראָכן אונטער די נעגל. און אַ לוסטיקע יידענע, קיין שמייגער, ניט קיין, ווי רופט מען עס, ניט קיין טשמאַי, נאָר פאַרקערט! אַ לאַך, אַ שטיף ביי דער וועטשערע — דעם שווער האָט עס אַפילו אַמאָל געאַרט.

— נאָר איך, דערציילט ער, איך האָב באמת שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. טאַקע, עס איז ליכטיקער געוואָרן אין שטוב! איך ווייסט ניט, אַ גוט ווייב איז פריילאַך. נאָר וואָס קומט אַרויס—

אַן עקרה! און אפשר וואָלט איך מיר מיט איר פּאָרט ניט געגט; אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מע קניפּט זיך צו עמיצן צו, איז שווער זיך אָפּצורייסן, און צוגעקניפּט בין איך געווען, אמת, ניט צו איר, זעסטו, אַ יידענע איז אַ יידענע, נאָר צו דער שמחה! צו דעם שמייכעלע, פון וועלכן עס פלעגט מיר וואַרים ווערן אין אַלע אברים... אָבער ערשטנס האָט מיך די מאַמע באַשיט מיט בי־טערע בריוו, זי וויל אַן אייניקל! צום שלים־מזל בין איך אַ בן יחיד; די מאַמע, עליה השלום, האָט קיין אַנדערע אייניקלאַך ניט געקענט האָבן! עס איז איר ממש געגאַנגען אין לעבן. יעדער בריוו איז אויסגעווייקט געווען מיט טרערן. דער טאַטע האָט פאַר כּעס גאָר אויפגעהערט צו שרייבן; ער האָט מיר גאָר פאַרמסרט פאַרן רבין... אין דער לעצטער צייט איז זי גאָר אַנדערש געוואָרן, פאַרלוירן די שמחה, עפּעס די אויגן האָבן איר אָנגעהויבן רויט צו ווערן, און וואָס זי האָט מיך אָנגעקוקט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ בעטש... זי האָט, אַ פּנים, מורא געהאַט פאַר אַ גט.

געוואוינט האָבן מיר צוזאַמען מיטן שווער. דער נדן איז נאָך געווען איינגעלייגט, דער שווער האָט מורא געהאַט אַרויסצו־געבן דאָס שלישית; איך האָב אים ניט וואָס פאַראיבל צו האָבן: אָן קינדער רייסט זיך עס ווי אַ פּאָדים... געלעבט האָט מען פון פּראָצענט. געזעסן צוזאַמען אין איין שטוב; עס איז אַפילו ניט מעגלאַך געווען אַוואָרט צו ריידן... און זי האָט מיך נאָר אָנגע־קוקט און געקאַפּעט מיט טרערן. עס איז אויף איר, רחמנא לצלן, אַן איבערקערעניש געקומען... אַ העלפט איז פון איר, רחמנא לצלן, געבליבן, און די געבליבענע העלפט איז, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, גרין און געל און איינגעשרומפּן... פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט שטאַרק רחמנות, שטאַרק רחמנות... עס האָט מיר געשניטן ביים האַרץ...

טרערן קומען אים אין די אַלטע אויגן אַריין.

„נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טאָן! דער רבי האָט גוזר געווען! דער שווער איז באַשטאַנען (אמת, ער האָט דעם גאַנצן נדן צוגענומען), דער טאַטע איז געקומען... מען האָט מיך אָפּגעגט".

„איך בין שוין דעמאָלט געווען קרוב לשלשים, אַ זיבן, אַכט און צוואַנציק יאָר, און בין צוריק געפאָרן צום טאַטן...״

דער מסחר דערווייל איז געפאַלן, קיין געלט איז ניט געווען, און אונזער סענדער ווערט אַ מלמד.

אַ מלמד קאָן ניט זיין אָן אַ רביצין.

6 יאָר איז ער געווען מלמד, און 3 ווייבער האָט ער געהאַט אין די זעקס יאָר: איינע האָט אים געגט, צוויי האָט ער געגט; איינע איז גלאַט געווען רחמנא לצלן אַ שלים-מזלניצע. ער האָט זיך איינגאַנצן געגאַרט: מען האָט אים איינגערעדט, אַז זי איז אַן אלמנה, צום סוף איז זי געווען דאָס פערטע מאָל אַ גרושה, ער איז געווען איר פינפטער מאַן, אַ קלייניקייט! מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט איין קינד, געבערענגט האָט זי פינף! נאָך אַ מערכה, וואָס די רעשט האָט זיך ביי איר ניט געהאַלטן, וואָרים געהאַט האָט זי מיט יעדן מאַן דריי און אפשר פיר.—

און „עס איז זי שווער געווען, דערציילט ער, צו גטן. אַזאַ שלים-מזל, אַזאַ מחוסר דעה, אַז עס איז כמעט ניט מעגלאַך געווען, ניט מיט איר צו לעבן, ניט צו געבן איר אַ גט.

„וואָס קלערט איר, איך בין גוט אַריין אין דער בלאָטע! אַ יידענע דאַכט זיך, וואָס איז דער חילוק? וואָס איז? עולם הזה דאַרף איך? באמת, אַ מלמד, ווער האָט צייט דערצו? נאָר אַ גולם, רחמנא לצלן! מע מוז מיט איר קאָמאַנדירן: שטיי אויף, שטייט זי אויף, טו דיך אָן—פאָלגט זי. לייג אָן אַ פייער, קאָך דאָס און דאָס... איז זי אַלץ מקיים, נאָר אַליין—גאָרניט. אַז איך האָב פאַרגעסן איר צו זאָגן וואָס צו טאָן, האָט זי זיך אַליין קיינמאָל ניט דערמאָנט! וואָס קלערט איר? איך האָב דורך איר דאָס מעמד פאַרלוירן. „איך האָב געמוזט גיין אויפן טאָרג, קויפן עסן, אָנטאָן די קינדער; ניט מיינע, פרעמדע קינדער! איך האָב נאָך אַזאַ גולם ניט געזען! זי האָט גאָר קיין נשמה ניט געהאַט, רחמנא לצלן, אַז מע האָט זי געדאַרפט דערמאָנען צו עסן! אַ רוח אין פייטל שדכנס טאַטנס טאַטן אַריין! דאָס האָט ער מיר די מציאה אָנגעהאָנגען.—באשר — זי האָט געהאַט 250 רו״ב פון די מאַנען, וואָס האָבן זי געגט, יעדערער האָט זיך ממש אויסגעטאָן ביז צום העמד!

און ווייטער דאָס אייגענע, דאָס געלט איז געלעגן איינגעלייגט בי׳ אַ פעטער און ער האָט קוים געגעבן דרייצן פּראָצענט.

איך האָב געמיינט — עס איז מיין עק. רייד צו איר, ענט־פערט זי ניט; זי ווייס גאָרניט וואָס מען רעדט צו איר! און אַ טבע האָט זי געהאַט, אַז זי האָט ניט געקענט ליידן אירע איי־גענע קינדער. וואָס איינס איז צו איר צוגעגאַנגען, אַ טראַך, אַ זעץ, אַ קניפּ. די קולות זיינען געגאַנגען עד לב השמים... איך האָב איר אַמאָל פּאַר כּעס געוואָרפן אַ לייכטער, עס טוט מיר עד־היום באַנג, באמת, וואָס איז זי שולדיק געווען? רחמנא לצלן, עס האָט עפּעס געמוזט זיין אַ קרענק אַזוינע. מען איז מיט איר אויסגעפאָרן צו אַלע רביים, און קיינער האָט איר ניט געקענט העלפן".

און סענדער האָט דאָס פאַרשטאַנען על־פּי דרך הטבע: אַ דאָקטאָר, להבדיל, קען אויסהיילן אַ קראַנקן פוס, אָבער, אַז עס איז גאָר קיין פוס ניטאָ? לאָמט מען טאַקע ביז אין טויט אַריין. אַ רבי! להבדיל, היילט אַ קראַנקע נשמה; אָבער גאָט זאָל היטן, אַז מען האָט איר, כּביכול, פאַרגעסן אַריינצובלאָזן די נשמה, קען קיין גוטער ייד ניט העלפן, בלייבט מען אַ חיה, אַ בהמה ביז אין טויט אַריין.

„און איידער איך בין אירער פּטור געוואָרן! אַ סך רבנים האָבן זי גאָרניט געוואָלט צולאָזן צו אַ גט. באשר — זי האָט ניט קיין שכל צו וועלן אַ גט. הערסט אַ מעשה! זי זאָל האָבן שכל, וואָלט זי זיך דאָך נאָך געעלטערט מיטן ערשטן מאַן! און אַז איך האָב שוין יאָ אַזאַ רב געקראָגן, וואָס איז באַשטאַנען, האָט גע־דויערט פון פּסח ביז סוכות, איידער מען האָט זי אויסגעלערנט וואָס זי זאָל זאָגן.

„און זי וואָלט באמת ניט געקענט, ווען ניט די רביצין, דעם רבס ווייב. אַזאַ ווייב אַ חכמה, איז טאַקע אַ קרוין פאַרן מאַן, אַ מחיה. זי איז געפאַלן אויפן שכל, האָט זיך איר געשטעלט קעגנ־איבער, געשאָקלט מיטן קלוגן קאָפּ אויף יאָ, איז געווען יאָ"!

פאַרדעם האָבן אים שוין אָפּגעגט די אַנדערע צוויי: איי־נער איז ניט געפעלן זיין קאָלטאָנעוואַטע באָרד; זי האָט, זאָגט זי, פיינט אַ קאָלטן.

„און וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אַ קאָלטן? איך ווייס איר, ווי איך לייג יעדער אַרויסגעפאַלענע האָר אין דער גמרא אַריין, איך גיב צו פאַרשטיין, אַז אַ באָרד איז אַ דבר שבקדושה; אַז יידן שווערן ביי דער באָרד ווי בנקיטת חפץ; זי זאָגט אָבער, אַז מיין באָרד גודזיעט זי, אַז זי קען ניט עסן, אַז זי גיט צוריק יעדן ביסן!

— נו וואָס טוט מען מיט אַ באָרד? פרעג איך זי.

— שלאָג דיר, שרייט זי, מיט איר קאָפּ אין דער וואַנט אָדער גט מיר.

און איך האָב מיר איינגעשפּאַרט: באין אופן! עס איז מיר אין איר ניט געגאַנגען... עס איז מיר פּשוט נמאס ומאוס געוואָרן דאָס גטן מיטן חתונה האָבן. ווער האָט צייט און קאָפּ דערצו? איידער איך האָב געקריגן תלמידים, איידער וואָס, גיי ווייטער גט זיך, האָב חתונה און פאַרליר פון דאָס ניי דאָס מלמדות! און צום שלים־מזל איז אין שטעטל געווען אַ טייך אָן אַ נאָמען, מוז מען זיך פּאָרן גטן. אַ שיין עסק! און די באַלעבאַטים זוכן נאָר אַ תירוץ אָפּצורייסן פון מלמדות. זי וויל אָבער אַ גט און איך שריי: געוואַלד, וואַרט מיר אַ יאָר, אַ זמן, — זי וויל ניט הערן און געדענקען, אַ גט און אַ גט!

איך האָב מיך מישב געווען און דער אַרורה ניט געענט־פערט; איך זיץ און לערן... שטעלט זי זיך איבער די תלמידים און שרייט: אַ גט! אַ גט! הייבט גאָר אָן צו וואַרפן אין דר׳ערד די אָנדערטהאַלבן טעלער!

מיין מערכה איז נאָך געווען, וואָס זי האָט זיך געמיאוסט צו מיר צוצוגיין, אַזוגסט וואָלט זי מיר ניט איינמאָל די באָרד אויסגעריסן! עס איז געווען אַ ווילדע חיה, אַ קצבס אַ טאָכטער, אַן אלמנה נאָך אַ שניידער! פאַרשטייט איר דעם יחוס!

איך האָב קוים געפּועלט ביי די באַלעבאַטים, זיי זאָלן מיר לאָזן קנעלן אין בית־המדרש, קומט זי אין בית־המדרש און שרייט אין מקום קדוש: אַ גט! אַ גט! טו עפּעס!

זי לאָזט שבת אין שטיבל ניט אויסנעמען!

די צווייטע וואָך האָב איך שוין געקנעלט ביי די באַלעבאַ-טים אינדערהיים, עס איז געבליבן—אַ וואָך אום אַ וואָך. די באַלע-באַטים האָבן שוין אויף מיר רחמנות געהאַט, פון שטיבל האָט מען זי שוין אַ פּאָר מאָל אַרויסגעוואָרפן. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זי האָט זיך מישב געווען און אויפגעהערט צו קאָכן, צו וואַשן גרעט! אויסצוקערן די שטוב און צו גיין טהרה... וואָס קלערט איר, זי האָט מיר דערדליבעט, איך האָב איר געמוזט געבן גט!

די צווייטע, וואָס האָט מיך געגט, איז עפּעס געווען גאָר אַ נייע מאָדע שלים-מזל. איך האָב שוין אַ גליק צו ווייבער! רחמנא לצלן, אַלע בלאָטעס טשעפּען זיך צו מיר! מענטשן האָבן מזל צו אַלעם, אַפילו צו ווייבער. ביי לייטן איז דאָ ווייבער ווי גאָלד! נאָר איך, נעבאך! וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס ניט. און אַלץ פייטל שדכן! די ערד זאָל אים אַרויסוואַרפן, עס איז נאָך אַזאַ פושע ישראל ניט געווען! און ער—גאָרניט, דער פושע ישראל!.. וואָס בין איך, זאָגט ער, שולדיק? איך זע אַ ווייבל, רייד איך איר אַ שידוך! איך ווייס, וואָס עיי איר אין הארצן איז? פונוואַנען זאָל איך וויסן, אַז זי וועט באַראָוווען? מיר געפעלט דיין באָרד! און ער האָט מיך ווייטער אַריינגעפירט אין אַ צרה, וואָס פרעגט איר, ער האָט מיר געגעבן אַ שטומע! רחמנא לצלן, ממש אַ שטומע. די ערשטע פּאָר טעג האָב איך מיך מחיה געווען; באמת, אַ יידענע אָן לשון, אויף אַלע צדיקים געזאָגט, פאַרוואָס ניט, כצפיחת בדבש! אַ ווייב האָסטו און קיין אייגציקע קללה, אַ קליינינקייט! זי איז אָבער אויך געווען פון געמיינעם שטייגער, פון בעלי-מלאכות, און איך בין איר אויך ניט געפעלן; איר הערט אַ מעשה! נו נו! הייבט זי אָן איבער מיר צו בלאָזן שופר, אַזאַ קול האָט זי געהאַט—זי האָט זיך אויס-געריסן דעם האלז! וואָס איר איז ניט געפעלן, ווייס איך ניט עד היום, נאָר זי האָט געבלאָזן שופר, געדראַפּעט, געקאָפּעט, גע-פּאַטשט, ביז זי האָט מיך אָפּגעגט!...

עס איז ניט געווען אַזוי געשווינד ווי מען זאָגט; זי האָט איין מאָל פאַר כעס געקריגן דאָס חולי נופל אינמיטן שטוב, יאָ יאָ!

איינע נאָר איז מיר געשטאָרבן. דער אייגענער קעלבאַסניק פייטל פאַרקויפט מיר אַ צעקראָכן מלבוש — אַ סוכאָטניצע: אַפילו אַ נישקשהדיק פון אַ ווייבל, כלעבן... נאָר געשפּיגן האָט זי מיט בלוט און דער געווען... ווייס איך...

זי האָט, נעבאַך, ניט געהאַט קיין פּרעטענסיע. אַ פּשוט, ערלאַך ווייבל, אַן אמתע אשה צנועה, ווי אַ ווייב דאַרף צו זיין, נאָר די קרענק האָט זי נעבאַך אויפגעגעסן; ווי איך זאָג אייך: אַ צעקראָכן מלבוש! זי איז אַפילו ניט מעוברת געוואָרן און איז איינגעשלאָפן ווי אַ הון. איך האָב געמיינט איך פאַרגיי פאַר צרות! וואָס דאָס האָט מיך אָפּגעקאָסט, — אַ הון! און וואָס? גאָרניט! כמעט גאָרניט! איך האָב שוין אַזאַ מזל! זי איז געווען אַ גברא קטילא, און באַלד אין דער שבעה, — פייטל איז דאָ! דער שטן, ימח שמו!

— איך האָב געוואוסט, זאָגט ער, איך האָב געטראַכט, זאָגט ער, קיין ווייב וועט ער ניט האָבן, נאָר ירושה, זאָגט ער, וועט ער נעמען... אַצוגד וועסטו ערשט חתונה האָבן ווי אַ מענטש.

— 50 טאָלער איז קיין קליינִיקייט! וואָס דען, זאָגט ער, האָסטו געמיינט? אַ שיין ווייבל, 50 טאָלער, אָן קינדער, און אָן אַ פעלער! הע, פאַרוואָס קומט דיר דאָס? באשר, — האָסט שיין געדרשנט?

אין האַרצן האָב איך אים געשאָלטן, נאָר על פּי שכל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז גערעכט; איך בין פאַרנאַרט געווען אין דעם מענטש! איך בין געווען מלמד און ער וואָלט מיך ווייטער געפירט אין חדר אַריין!

ווי דער אמת איז, בין איך שוין, אָט אַפּנים, פאַר צרות אַזוי דערשלאָגן געווען, אַז איך בין ממש אָן שכל געבליבן. און פייטל האָט מיר ווייטער געדולט מיין קאָפּ מיט אַ ירושה, מיט אַ זיכערע ירושה, און שוין הונדערט טאָלער... ער וואָלט מיר זיכער איבערגעדייבערט, ער האָט שוין אַזאַ כּוח געהאַט יעדן איבערצודייבערן, נאָר די מערכה איז געווען, אַז ער אַליין איז געשטאָרבן.

פונדעסטוועגן, זאָגט סענדער, איך בין דאָך אַ ייד אַן אכזרי, קער, פונדעסטוועגן, ווען עס טרעפט זיך מיר אַ גוטער שידוך,

וואָלט איך נאָכאַמאָל געפּרובט התונה האָבן! היינט איז אָבער אַלץ אין דר׳ערד! עס איז קיין רעכטע יידענע און קיין רעכטער שדכן ניטאָ... איר מיינט, יונגעלייט, אַז אַן אַלטן מאַן איז גוט צו זיין אַליין; גאָר אַליין, גאָר גאָר אַליין, ווי אַ, ווי אַ וויאָרסט למשל אינמיטן וועג?... גייט שוין גייט... און אָן אַ קינד! איך ווינטש דאָס קיין יידן ניט, קיין שונא אַפּילו אויך ניט...

און דער גרייז-גרויער קאָלטן האָט אָנגעהויבן ציטערן און די ברוין-בלויע ליפּן האָבן געציטערט, די ברילן זיינען פאַרגאַנגען און ער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: פאַרפאַלן! —

# ער, זכרונו לברכה, און זיינע מקורבים.

(פון פראָסט חסידישן שטייגער).

## א) זכרונו לברכה, זיין התנהגות.

### I.

איר פרעגט וועגן זיין התנהגות, זכרונו לברכה?

איר ווערט אפשר לאַכן, נאָר עס איז געוועזן א התנהגות פון אַ פּשוטן ערלאכן ייד; דער גאַנג זיינער איז געוואָרן גאָר אין פשטות אריין!

און דאָס איז ביי מיר די העכסטע מדרגה!

אין יעדער זאַך איז דאָ אַ יצר-הרע; אַ קיימא לן האָבן מיר, אַז וואָס גרעסער דער בוים, איז גרעסער זיין שאָטן, אַזוי אויך — וואָס גרעסער דער מענטש, איז גרעסער זיין יצר-הרע; אַזוי זאָגט די גמרא!

און וואָס קען זיין דער יצר-הרע פון אַ גוטן יידן?

מדי שבת בשבתו זאָגן סתרי-תורה! טאָג אויף טאָג זאָלן מלאכים אַרומפליען איבער די קעפּ! דבוקים זאָלן זיך פּאַשען יאָרן-לאַנג ביים טיש; עקרות און עגונות זאָלן זיך אַרומוואַלגערן אין די ווינקעלאַך!

דאָס אַלץ איז ביי אונז ניט געוועזן!

ניט איינער איז מאַקע געקומען און אַוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט.

אויף פראָסט איז זיך שווער צו פאַרשטיין!

געלויבט איז אָבער השם-יתברך, וואָס איך בין אויף אים אַ מבין געוועזן!

עס איז מיר ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען אין דער פינ-סטערער נאַכט!

## II.

דער סדר עולם איז: „מעשה אבות ירשו בנים". וואוהין פאָרט אַ יונגערמאַן? אָדער מיטן טאַטן, אָדער מיטן שווער! פאָרןביידע צו איין גוטן ייד, איז מה טוב; האָט ער גאָר קיין ספקות ניט!

ביי מיר איז אָבער אַנדערש געווען: מיין טאַטע, עליו השלום, איז ניט געווען, ניט קיין חסיד, ניט קיין מתנגד, אַ כלי־קודש געווען — אַ שמש אין אַ בית־המדרש; האָט ער איבעריקע צייט געהאַט, איז ער געזעסן און געלערנט. מיין שווער ווייטער, אַ מליץ יושר זאָל ער זיין, איז דווקא אַ פאַרברענטער מתנגד געווען! פאַרשטייט זיך — בסתר, וואָרים בגלוי האָט מען שוין דעמאָלט אַביסל פחד געהאַט פאַר אַנשי שלומנו, נאָר, ווייסן ווייס איך, — ער זאָל מיר עס דאָרט מוחל זיין, אַז אַ ויצמח פרקניה האָט אים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ...

און פונדעסטוועגן בין איך צו דער דעה געקומען גאָר להיפך:

איך בין נאָך דעמאָלט אַ שנעק געווען, אינגאַנצן צוויי שטיקלאַך קינדער געהאַט, און האָב איינגעזען, אַז אַן ערלאַכער ייד צו זיין גאָר פון זיך אַליין איז זייער שווער! יעדער ייד זאָל מלחמה האַלטן מיטן יצר־הרע גאָר באַזונדער, ביחידות הייסט עס, יעדערער פאַר זיך, ניט אין ראַטעס און אָן אָפּיצירן, וואָלט גאָר ביטער געווען!

וואָרים באמת, דער יצר־הרע לאָקערט, דאָס נעץ איז פאַרשפּרייט, און אַ מענטש איז פאַריאָגט און פאַרזונקען אין וועלטזאַכן, ווער און ווען זאָל דאָ מנצח זיין?

דאָס איז טאַקע די כונה פון „עשה לך רב"! צי „נתנה ראש"!

אָרימע שעפעלאַך, הייסט עס, זוכט אייך אויס אַ פּאַסטוך: איר זאָלט ניט בלאָנדזשען אויף טאָל און בערג און די חיות רעות זאָלן אייך ניט אויפעסן!

און מיט דער צייט איז ביי מיר געוואָרן ברור כשמש, אז מען מוז פאָרן.

זוגתי איז אַפילו ניט זייער צופרידן געוועזן דערמיט... אַ נייע הוצאה, און זי איז די שפייזערין געוועזן — עס איז דאָך אָבער נאַריש, נאָכגיין אַן אשה!

## III.

הכלל — פאָרן, ווייס איך שוין, מוז מען; אָבער וואוהין פאָרן?

קיין עין־הרע, צדיקים איז, ברוך השם, דאָ אַ סך. זיינען דען אָבער אַלע צדיקי אמת?

עס גלויבט זיך ניט? עס וואָלט צו גוט געוועזן?

משיח וואָלט שוין לאַנג געקומען; על כל פנים וואָלטן די גזרות רעות בטל געוואָרן...

און אַז די גזרות רעות וואַקסן פון טאָג צו טאָג, און חבלי־משיח קריגן גאָר די דייטשן, איז אַ סימן, אַז עס איז ניט ווי מען דאַרף!

וועט איר דאָך פרעגן היכי־תמצא? עס פאָרן אַזויפיל יידן, אי לומדים מופלגים, אי ערלאכע יידן, אי גבירים — וועלט־מענטשן, — ווי געשיקט זיך עס, אַז זיי זאָלן ניט זען, וואָס עס טוט זיך?

מילא, אַ נאַרישער דייטש וועט אייך זאָגן: כלם גנבים, אַלע גוטע יידן שפּילן קאָמעדיע און די חסידים זיינען שאָף און רינדער, וואָס לאָזן זיך שערן, מעלקן און קוילן... ניט איינער זאָגט אַזוי!

מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז אַ חסיד וועט נאָך אַריינגנאַרן צען דייטשלאַך אין אַ זאַק אַריין! —

אלא מאי?

די זאַך דערפון איז אַזוי:

עס ווערט נסתלק, למשל, אַ צדיק הדור, טאַקע אַן אמתער צדיק; נו, לאָזט ער איבער אַ זון... קיין פושע ישראל, חלילה

איז דער זון ניט; דאַוונען ערנסט דאַוונט ער, אין מקוה אַריין גייט ער, זיצן זיצט ער און לערנט — פאָרט טאַקע דער עולם צום זון... מען איז שוין צוגעווײנט צום הויז, צו דער שטאָט, צו דער אַכסניא, מען ווייסט שוין, וואו אויס און וואו אײַן, — איז טאַקע הרגל נעשה טבע און מען פאָרט. אַ ביסל רעכנט מען אויף זכות אָבות — אַ טאַטנס אַ זון, אַ זיידנס אַן אייניקל!

ער אַליין איז אוודאי ניט שולדיק... וואָס מען זאָגט דערויף אין די עולמות העליונים, ווייסט ער ניט. היגנטן הערט זיך שרייט אַן עולם: קדוש, קדוש, קדוש! גלויבט ער!

קיין גרויסער שאָדן איז דערביי אפילו ניטאָ. קודם-כל — רייסט זיך אַ ייד פונדערהיים אַרויס, פון עולם-הזה, צי פון גיהנם און פאַלט אין אַנדערן עולם אַריין, — אויס פרנסה, אויס דאגת-פרנסה, און מען דאַוונט ברוב עם, צעהיצט זיך פון זיך אַליין!... און טרעפן טרעפט זיך, אַז מתּוך שלא לשמה בא לשמה — זכות אבות פון צדיק אַליין, דער זכות פון אַ כּלל ישׂראל... און ער ווערט טאַקע אַן אמתער צדיק!

נאָך וואָס אָבער זאָל איך מיך לייגן אין אַ קראַנק בעט אַריין?

האָב איך מיר געטראַכט: איך וועל אויספּרובן.

איך וועל אַזוי לאַנג פאָרן, ביז מיין האַרץ וועט זיך ערגעץ צוקלעפּן!

אַי וואָס, איך בין דער גרויסער למדן ניט, דער בעל-מקובל אוודאי ניט — שומר פתאים ה'! אַ מענטש דאַרף האָבן בטחון!

און זיין ליבער נאָמען האָט מיך ניט פאַרלאָזט!

## IV.

אָנגעהויבן האָב איך טאַקע ביי אים, זכרונו לברכה!

ראשית — איז מיר נאָענט געוועזן, און אַ באַן דערצו, איך פאָר מיר אַרויס אפילו אין קורצן פרייטאָג אינדערפרי און קום מיר פאַרן מרחץ!

שנית: איז געפּאָרן פון אונז וואָלף-בער, אַ ייד אַ מופלג בתורה און אַ ירא-שמים באמת, וואָס איז טאַקע ווייט צו זוכן; היינט-ישע — נאָסקע — אַ ייד אַ גביר, אַ בעל-צדקה — על כל פנים, מעג מען דאָך ביי אַזאַ רבין אָנהייבן!

שלישית איז עס טאַקע, אין איין וועגס, געוועזן אַ גאָט-זאַך!

וואָרים ווייטער דאָס אייגענע. דער יצר-הרע פון אַ חסיד איז „ממרחק יביא לחמו" — צו פאָרן ווייט; למדינת הים וואָלט נאָך שענער געוועזן! דעריבער האָבן דאָך טאַקע די רביים אַזוי וויניק היימישע חסידים! און איך בין דווקא געפאָרן, וואו נאָענט, און האָב, ברוך השם, אָנגעשלאָגן! געקומען בין איך, — געדענק איך ווי היינט—אויף אַ שבת שלפני ראש חודש; דער רבי, זכרונו לברכה, אַליין האָט, כמנהגו, ראש-חודש געבענטשט, און אַזוי ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט: „חיים שיש בהם יראַת שמים ויראַת חטא!" האָבן מיך אָנגעהויבן די טרערן צו ווערגן אין האַלז, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן צאַפּלען, גלייך עס האָט געוואָלט צו אים אַרויס-שפּרינגען! האָב איך געוואוסט, אַז איך בלייב!

## V.

דערנאָך ערשט האָב איך מיך צוגעקוקט צו זיין התנהגות.

אַן אמתער ערלאַכער ייד געוועזן! אַ גרויסער ירא חטא!

פאַרצייטישע יידן — פלעגט ער זאָגן — זיינען גרויסע גבורים געוועזן, אַקעגן גיין און מלחמה-האַלטן מיטן יצר-הרע און מכריע זיין, איז ביי זיי אַ שפּילכל געוועזן; היינטיקע צייטן, זאָגט ער, איז גענוג, אַז מען קען אַנטלויפן פאַרן יצר-הרע.—

און ער איז אַנטלאָפן צען מיילן ווייט פאַר אַ חטא.

עס איז דען נאָכצודערציילן?

יין קדוש, למשל, גיסט מען אָן מבעוד יום!

פאַרוואָס?

גאָר פּשוט: אָנגיסן מוז מען פול מיטן אויג, טרעפט זיך, אַז מען גיסט איבער און מען נעצט איין דאָס טישטוך אום שבת; ביים ווייסן ווין איז מען אַ וועשער, ביי רויטער משקה — אַ פאַרבער!

אין זיין בית-המדרש איז די שבתדיקע תפילה אויפגעשריבן געווען מיט געדרוקטע גרויסע אותיות אויף טאָוולען, וואָס האָבן געהאָנגען אַרום דער וואַנט. מאי טעמא? אַ קיימא-לן האָבן מיר, אַז מען דאַרף ניט מתפלל זיין אויסנווייניק, און אַז מען עפנט אַ גע-בונדענעם סידור, קנייטשט מען אום שבת דעם בונד ביים רוקן!

זכרונו לברכה, ער מאַכט זיך אַמאָל אַ מלבוש. און דער מנהג איז אַזוי געוועזן, יעדן פסח גיט דער רבי פון זיך אַראָפּ דאָס מלבוש איינעם פון די גרויסע מקורבים, דאָס רוב וואָלף-בערן, און ער איז מחדש אַ ניי בגד...

מיינט איר דאָך, אַז אַ בגד מאַכן איז אַ פשוטע זאַך! מען נעמט אין געוועלב סחורה און מען גיט אַוועק אַ שניידער, ער זאָל אויפנייען?

אָבער גאָר לאָ!

ערשטנס, זיינען שוין יענע שניידערס ניט געוואָרנט גע-וועזן אין יתיר! פאַרצייטנס פלעגט אַ שניידער פאַר דער פטירה הייסן זיך מאַכן אַן אָרון פון טיש און געבן זיך די אייל אין דער האַנט אַריין, צוויי עדות זאָלן זיי זיין פאַרן בית-דין של מעלה, אַז ער איז קיינמאָל ניט נכשל געוואָרן אין יתיר! היינט, בפרט די שניידער-יונגען, מאַכן זיך פון גאַנצן לא תגנוב אַ סך! וויל טאַקע דער רבי ניט, אַז דורך זיין מלבוש זאָל אַ ייד נכשל ווערן!

צווייטנס, איז דער חשש פון שעטנז.

אין שעטנז איז נאָך אַ גרעסערע סכנה!... אַז מען דאַוונט אין אַ מלבוש מיט שעטנז, — האָב איך פון פיו הקדוש אַליין גע-הערט און דערנאָך אין קב הישר געזען — קריגט די תפילה צעבראָכענע פליגלען, קען זיך ניט אויפהייבן און וואַל-גערט זיך דאָ, לא עליכם, אַרום אין שער האשפה! און הני מילי בשוגג, במזיד, פאַלט זי גאָר אַראָפּ אין שאול תחתיה, און ווערט אַ קרוין צום קאָפּ פון יענעם בחור, רחמנא ליצלן...

דאָס וויל ער דאָך אַוודאי ניט! העדסטו, זיין תפילה דאַרף דאָך אויפהויבן און פירן מיט זיך אין שערי דמעות אַריין די תפילות פון, קיין עין-הרע, אַן עדה יידן!

נייט מען טאַקע דאָס מלבוש ביים רבין, זכרונו לברכה, אין שטוב; חסידים האַלטן וואַכטע: צוויי אויס, צוויי אַיין, און אַפילו דעם פאָדים צום מלבוש דרייט מען אויך ביים רבין, זכרונו לברכה, אין שטוב, אונטערן גבאי ראשונס השגחה!

עס איז דען אויסצודערציילן? הרים וגבעות!

## VI.

דער עיקר שאַרף איז ער אָבער געווען בנוגע צו נשים; איינמאָל פאַר אַלע מאָל קיין נשים לאָזט מען ניט אַריין.

אַ שומר הבית איז דעריבער טאַקע געווען אַן ערל...

אַ ייד, להבדיל, חכמהט זיך, פאַר צוויי מאָל ח״י מאַכט ער זיך אַ היתר און לאָזט אַריין אַן אשה... הלמאי אַנדערע גוטע יידן לאָזן אַריין; טייל האָבן סאַמע נשים!

אַן ערל אָבער פאַרשטייט קיין חכמות ניט. אַז מען זאָגט ניין, טרייבט ער מיט אַ בעזים; ממיתט ער, אַז מען קומט צו צום טירל.

און אַ טביעת-עין האָט ער אים איבערגעגעבן, ער זאָל אינמיטן דער נאַכט מבחין זיין בין זכר לנקבה! אַ מייל ווייט דערקענט ער שוין דאָס קול, די טריט...

און עס האָט ניט געשאַדט.

האָט ער דעם ערל אָפגעשאַפט, האָט ער אים תוך-כדי-דבור צוגענומען דעם טביעת-עין!

ער האָט אַפילו אַ גרויסן היזק געהאַט דערפון, נאָר, זעסטו שוין!

הלמאי מען האָט ניט אַריינגעלאָזט קיין קאַפעלוש, קיין שטייפן קאָלנער אַפילו!

אַז ער גיט שלום-עליכם, קריכט ער אַריין מיט אַ פינגער אין אַרבל, צי ער וועט ניט דערטאַפן אַ מאַנקעט!

האַלב וואַרשע האָט ער דאָך היזק געהאַט דעריבער! די וואַרשעווער ווערן דאָך געבאָרן אין קאַפעלושן!

נאָר נשים איז געווען סכנות-נפשות! ער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, — מיטן יאַמפּאָלער האָט ער געטאָן... די חתונה

איז געווען ביי אים, זכרונו-לברכה, האָט מען דאָך דעם טאָג געמוזט אַריינלאָזן נשים. נאָך כּעלות-הבוקר דעם צווייטן טאָג האָט מען אַלע בענק, וואו ווייבער זיינען געזעסן, אָפּגעהובליוועט כּדי קליפּה!

און דערביי, זעט איר, בין איך שוין אַליין געווען!

מען האָט ביים רבין, זכרונו-לברכה, די קיך פאַרריכט.

דאָס קאַליע ווערן פון דער קיך איז ניט געווען כּשוט! מען ווייסט ניט פונוואַנען און פון וועַן האָט אין קיך געטאָן אַ שטאַרקן בלאָז, ווי פון אַ שטורימווינט; דערנאָך האָט געגעבן אַ קנאַק, גלייך אַ דונער וואָלט אַריינגעשלאָגן; מען לויפט אין קיך אַריין — אַראָפּגעפאַלן דער שיבער און אַ האַלבע קיך איז צעלייגט! דער רבי, זכרונו-לברכה, איז אויך אַריינגעקומען!

— מעשה-נסים — האָט ער געזאָגט — וואָס קיינער איז ניט ניזוק געוואָרן. נאָר די סיבה פון דער זאַך האָט ער ניט מגלה געווען!

מילא, רופט מען אַן ערל, ער זאָל פאַרריכטן די קיך!

בין איך דאָך אַ בעל-עסקן אויף אַזוינע זאַכן, שטיי איך און קוק ווי דער ערל פאַרריכט, און אַ קליין שייגעצל קנעט אויס ליים אין אַ שעפל. דער גבאי, וואָס מען האָט געשטעלט פאַר אַ משגיח צו דער אַרבעט, פאַרלאָזט זיך אויף מיר, און דרימלט איין אַ ביסל.

פּלוצלונג באַווייזט זיך דער רבי, זכרונו-לברכה, נאָכאַמאָל! ער וואַרפט אַ בליק אויפן שעפל און פרעגט:

— מילכיק צי פליישיק?

איך בין נבהל ומשתומם געבליבן, דער גבאי אָבער האָט זיך דערוויל אויפגעכאַפּט און ענטפערט אים:

— דעם ערלס שעפל!

ווערט ער, זכרונו-לברכה, אש-להבה, הייסט אָפּהאַקן די קיך, אַרויסוואַרפן דאָס געקנעטענע ליים, קויפן אַ ניי-פאַרווע שעפל און אויפסניי קנעטן און פאַרריכטן!

קיין ניי שעפל האָט מען ניט געקריגן (שוין לאַנג קיין

יריד ניט געווען), האָט מען געמאַכט אַ גריבל אין דער פּאָדלאָגע און געקנאָטן ליים!

דער גבאי האָט געקראָגן אַ נזיפה.

## VII.

און דאָס אהבת־ישראל איז ביי אים געווען אין־לשער.

דאָס זיינען זיינע ווערטער:

— „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" — מען דאַרף טאָן פאַר זיי... אַרבעטן פאַר כל ישראל!

— „אשר יצא ואשר יבא לפניהם" — פאַר יעדן איש מישראל דאַרף דער מנהיג־הדור אויסגיין און אונטערגיין; זיך מוסר נפש זיין הייסט עס!

און אַז עס האָט זיך געהערט אַ נייע גזרה, ווי ער, זכרונו לברכה האָט געזיפצט, ווי ער, נעבאַך, האָט געקרעכצט — — —

און וואָס האָב איך געדאַרפט מער?

## VIII.

אַן עצה אויף פרנסה האָט מען ביי אים אוודאי געקריגן.

אַ פּאָר וואָכן איידער ער איז נסתלק געוואָרן, האָב איך מיך פאַר אים געקלאָגט, באשר בכן, זוגתי לייזט זייער ווייניק! זאָגט ער מיר: פאָר אַמאָל אַריין קיין וואַרשע.

מיין איך, אַז איך ווייס, וואָס ער מיינט!

אין וואַרשע, פאַרשטייט איר מיך, האָב איך אַ קרוב, אַ ייד אַן עושר, אפילו אַן איש מכובד ביי יענע לייט — אַ גאַנצער מאַכער אין קהל־שטוב. קלער איך מיר, ער מיינט, איך זאָל צו אים פאָרן און זיך משתדל זיין מיט זיין הילף, זיך צו עפּעס צו־צושלאָגן.

וואונדערט מיך אפילו. וואָרים געלט בעטן ביי אים איז אַ ברכה לבטלה; אַ קמצן אַ גרויסער, קיין האַרטן דריירער גיט ער ניט אומזיסט, האַלט זיך פאַר אַ חכם־עתיק, ווייל די וועלט פאַר־זאָרגן און פרעגט באַלד אויף אַ תכלית; פאַר אַ האַרטן דריירער וואָלט ער געוואָלט זיך קויפן עולם־הבא און מיך באַוואָרענען

מיט עולם-הזה כאָטש אויף א יאָר צוואַנציק! בעטן אַ שטעל, האָב איך שוין געפּרובט! האָט ער מיך געפרעגט, דער שוטה, צי איך קען פּויליש!

נו, מילא, אַז ער הייסט אָבער פאָרן, פאָר איך. איך וועל שוין זען וואָס צו טאָן, איך וועל שוין עפּעס אויסקאָשפּערן!

ווייזט זיך אָבער אויס, אַז ער, זכרונו-לברכה, האָט גאָר עפּעס אַנדערש געמיינט.

איך זיץ אויף דער באַן, איך גיב אַ קוק, זיצט לעבן מיר אַ ספּאָדיקל. אַ וואָרט צו אַ וואָרט: וואו פאָרט אַ ייד? לכתחילה שווייגט ער; צי איך אים ביי דער צונג, קומט ארויף ווי בוימל אויפן וואַסער, אַז דאָס איז אַ קליינשטעטלדיק רבל, און ער פאָרט אַריין קיין וואַרשע, און וויל דאָרט ווערן דין...

וואָס קלערט איר? איך כאַפּ אַ פינף-און-צוואַנציקער, איך זאָל ריידן פאַר אים אַ גוט וואָרט ביים קרוב.

נאָר אַן ערלאַכער מאַן בין איך! בפירוש התנה, אַז איך דאַרף נאָר ריידן, צי עס וועט פועלן, איז שוין ניט מיין זאַך.

דעם סוף פון דער מעשה, ווייס איך ניט עד-היום, נאָר אַ פּסח האָב איך געמאַכט, אויף כל-ישראל געזאָגט!

---

## ב) זכרונו-לברכה, דעם רבינס מקורבים.

## IX.

דעם רבין, זכרונו-לברכהס, מקורבים האָב איך שוין דערמאָנט.

ערשטנס: וואָלף-בער!

ער, זכרונו-לברכה, פלעגט זאָגן: וואָלף-בער איז אַ ייד!

דערנאָך ערשט איז געגאַנגען נאָסקע!

און עס איז קיין וואונדער ניט.

וואָלף-בער האָט די זכיה געהאַט צו לערנען מיטן רבין אין איין חדר. מען זאָגט אַפילו, אַז וואָלף-בער איז מער עלוי געוועזן, און פלעגט דעם רבין מבייש זיין! נאָר איינמאָל איז ער דערפאַר געשטראָפט געוואָרן; יינגלאַך, האָבן זיי אַמאָל געקלעטערט אויף

אַ דאַך, און וואָלף-בער מאַכט צו אים: זעסט, קלעטערן קאָנסטו, קיין מעשה ניט, אָבער לערנען?... תּוך-כּדי-דבור איז ער אַראָפּ-געפאַלן און געמאַכט זיך אַ לאַך אין קאָפּ. ער האָט זיך אפילו אויסגעהיילט, נאָר דער התּוך-הדבור איז אים קאַליע געוואָרן, און ווען ער האָט געוואָלט ווייזן זיין חריפות, האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען און שטאַמלען, און האָט ניט געקאָנט אויספירן, וואָס ער האָט געוואָלט. ער פלעגט מער ריידן מיט די הענט, ווי מיטן מויל...

נאָר געוואוסט האָט מען, וואָס פאַר אַ כּלי דאָס איז.

ער האָט אַ גוטן שידוך געטאָן, נאָר אָן מזל, האָט ער אָנ-געוואָרן דאָס געלט, און איז געקומען צום רבין פאַר אַ מלמד!

אַז דער רבי האָט ביידע זין חתונה געמאַכט, האָט ער אין וואָלף-בערן ניט פאַרגעסן.

עס איז געווען חול-המועד-סוכּות. גייט דער רבי צו צו נאָס-קען, גיט אים אַ קלאַפּ אין פלייצע אַריין און זאָגט אים:

— ביסט טאַקע אַ בעל-צדקה, נאָסקע, ווייסט האָבן עולם-הבא, נאָר לערנען קענסטו ניט; און אויף יענער וועלט, וועט מען דיך ערשט שיקן אין חדר אַריין!

— וואָס זאָל איך טאָן, רבי?

— נעם דיר—זאָגט דער רבי—אַהיים וואָלף-בערן. מאַך אים דאָרט אַ מעמד, און מיט דיר זאָל ער לערנען יעדן טאָג פאַרן דאַווגען אַ ביסל משניות.

וכך-הוה: וואָלף-בער האָט זיך באַזעצט אין אונזער שטעטל.

X.

לאַנג געזעסן איז ער דאָך ניט.

אין עטלאַכע יאָר אַרום איז נאָסקע געווען מיט וואָלף-בערן צוזאַמען אויף ראש-השנה. געקומען זיינען זיי אַפילו ניט צוזאַמען. נאָסקע פאָרט, גלייך מיט אַלע, מיט דער באַן, און וואָלף-בער וויל ניט היזק האָבן זיין שכר-הליכה און גייט צו פוס. מיר זיינען זיך נוהג און פאָרן מיט דער באַן, און אויף שכר-הליכה לויפט מען איבער די וואַגאָנעס! וואָלף-בער אָבער וויל ניט! דערפאַר צוריק

נעמט אים נאָסקע אויף זיין חשבון; צאָלט ער פאַר אים עטלאַכע קאָ יקעס דעם קאָנדוקטאָר. טרעפט זיך, אַז וואָלף-בער שטעלט זיך דאַוונען, און עס קומט אָן דער קאָנטראָלער—עס איז דאָך נאַריש. ער וועט דאָך ניט וואַרפן מיט טלית-ותפילין פון וואַגאָן – צאָלט נאָסקע פאַר אים קנס!

אַז זיי ווילן צוזאַמען כּאַרן, גייען זיי צוזאַמען אַריין זיך געזעגענען.

נאָסקע לאָזט איבער אַ מתּנה, כּמנהגו—דעמאָלט, דאַכט זיך, אַ ווייס-אַטלאַסענע קאָלדרע—און רעדט וועגן פּרנסה.

שמייכלט דער רבי:

— ביסט אַן עניו, נאָסקע; רעדסט וועגן פּרנסה און מיינען מייגסטו עשירות.

— וואָלט אויך ניט געשאַדט — ענטפערט נאָסקע — אָרימע-לייט איז דאָ אַ סך, אַז מען קען מער צדקה געבן, איז בעסער!

איך וועל אייך שפּעטער דערציילן, וואָס פאַר אַ בעל-צדקה נאָסקע איז געווען...

און דער רבי זאָגט: מהיכא-תיתי! אויף מזל וועל איך צו-געבן אַ שותף!

וואָס מיינט נאָסקע?

עס קומען אַ סך גבירישע יונגעלייט אַן עצה פרעגן, צו וואָס זיי זאָלן זיך נעמען, וויל אים דער רבי אַזוינעם צושאַנצן פאַר אַ שותף.

מהיכא-תיתי! געשעפטן האָט נאָסקע געהאַט אַ סך, אַפילו גרויסע געשעפטן, נאָר קיין מטמונים האָט ער נאָך דעמאָלט ניט געהאַט, און געלט פלעגט אַמאָל פעלן! און אפשר גאָר—טראַכט ער ווייטער—וויל דער רבי אַליין זיין אַ שותף!—דער גערער און אַנדערע גוטע יידן זיינען זיך אויך אַזוי נוהג! טאַנצט ער טאַקע אונטער פאַר שמחה.

דער רבי האָט אָבער גאָר עפּעס אַנדערש געמיינט:

— איך גיב דיר—זאָגט ער—וואָלף-בערן פאַר אַ שותף! עפּעס זעט ער מיר שלעכט אויס! האָב אויף אים השגחה, און אין זיין זכות קען אַ ייד ווי דו נתעשר ווערן!

נאָסקע באַשטייט, וואָלף־בער אָבער וויל ניט!

און ער בייזערט זיך:

— וואָס קענט איר מיך אַליין ניט בענטשן? אַז איך וועל זיין אַן עושר, וועל איך זיין—זאָגט ער – אַ גרעסערער בעל־צדקה פאַר נאָסקען!

איז דאָך די מעשה ווי ביי אליהו-הנביא, אַז עס איז דאָ אַ ביסל ביימל אין קריגל, איז חל די ברכה, אָבער אַז דאָס קריגל איז ליידיק?

און וואָלף־בער האָט שוין פאַר חולשת אַפילו דאָס מלמדות אוועקגעוואָרפן! מיט איין נאָסקען וואָס ער האָט נאָך געלערנט!

האָט ער אָבער זיך איינגעשפּאַרט! „אַז מתנת בשר ודם", זאָגט ער, וויל ער בעסער ביים רבינס טיש...

— וואָס רעדסטו, וואָלף־בער?!

וואָלף־בער שרעקט זיך ניט:

— כל־זמן איר וועט מיך אַליין ניט בענטשן מיט פּרנסה, כבוד און עשירות, הייסט מיין נאָמען—זאָגט ער—ניט וואָלף־בער, אויב איך ריר מיך פון אָרט!

ווען אַן אַנדערער זאָגט עס, ווייסט איין בורא-עולם, וואָס פון אים וואָלט געוואָרן, איז עס דאָך אָבער וואָלף-בער, פאַרשווייגט דער רבי, און וואָלף־בער בלייבט!

## XI.

און יאָרן לאַנג איז ער געזעסן.

אַז איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען, האָט ער מיר אויסגעוויזן אַ זקן־מופלג. און אַ גבור־חלש געווען. אַ הויכער, הויט און ביין, אַראָפּגעלאָזטע ברעמען און קוים וואָס ער האָט נאָכגעשלעפּט די פיס.

איינמאָל, מוצאי־שבת, איך געדענק ווי היינט, איז אַ ווינט געווען סכנות־נפשות, הייזער האָט עס איינגעלייגט, רופט דער רבי, זכרונו לברכה, צו זיך צו וואָלף־בערן און זאָגט אים:

— וואָלף־בער, מעגסט שוין אַהיים פאָרן! פאַר געזונטערהייט!

וואָס טראַכט זיך וואָלף-בער?

דער רבי, זאָגט ער, האָט אים צוליב געטאָן און גיט אים די ברכה.

אַי וואָס, ער רעדט ניט בפירוש; זיי פלעגן שטענדיק ריידן צווישן זיך אויפֿן וואונק!

נעמט ער, וואָלף-בער, טלית-און-תפילין, שאַפט זיך עטלאַכע זהובים און פאָרט.

דער רבי האָט אָבער עפּעס אַנדערש געמיינט.

ער האָט געזען, אַז וואָלף-בערן זיינען, לא-עליכם, די יאָרן אויסגעגאַנגען! האָט ער געוואָלט, ער זאָל קומען צו קבר-אבות ביי זיך אינדערהיים!

וכך-הוה — אַהיים געקומען איז ער אַ חולה, געלייגט זיך ביי נאָסקען אין שטוב אין בעט אַריין, איז אָפּגעלעגן אינגאַנצן אַ וואָך צוויי צי דריי און איז נפטר געוואָרן!

## XII.

נאָר זעט, ווי אַלץ פלעגט ביי אונז אַריינגיין אין פשטות!...

דער תוך פון אַ זאַך פלעגט קוים וואָס דורכשיינען, ווי דורך אַ שפּאַרע פון אַ לאָדן; פון אויבן אויף — בתכלית הפשטות, קיין נבואה, קיין רוח-הקדש, אַלץ על פי דרך הטבע... ווי אין פסוק שטייט: כבוד אלהים הסתר דבר!

און דעריבער טאַקע, אַז מיר זיינען צו אים געקומען אויפֿן צווייטן יום-טוב, ווייסט ער, זכרונו לברכה, פון גאָרניט, און פרעגט פון וואָלף-בערס געזונט.

זאָגט מען אים: נפטר געוואָרן.

ענטפערט ער: ברוך דין אמת!

און שטעקן שטעקט דערינען נאָך אַ זאַך. פאַרשטייט איר מיך: „ברוך דין אמת" מוז מען ענטפערן אַ בשר-ודם!

דאָס אייגענע איז געווען נאָך נאָסקעס פּטירה.

באַלד נאָך וואָלף-בערס קבורה איז נאָסקע אַוועקגעפאַלן. טייל זאָגן, אַז וואָלף-בער האָט זיך אים באַוויזן אין חלום און האָט אים גערופן צו אַ פרק משניות; אַנדערע זאָגן — מפני הרעה

גאסף הצדיק, דאָס צווייטע ווייב איז קיין גרויסע צדקת נים געווען... אין שטוב האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ליטוואַק — אַ זעל־נער... האָט מען אים צוגענומען, נאָר, ווי עס איז, אָבער אַז נאָסקע איז אוועקגעפאַלן, האָט מען ביים רבין, זכרונו־לברכה, געשטו־רימט! טאָג אויף טאָג אַ שליח, אַמאָל צוויי שלוחים... וואָס ענט־פערט אַ רבי? ווי דער מנהג איז: ער וועט מתפלל זיין, גאָט וועט אַוודאי העלפן. נאָר געזאָגט האָט ער עס מיט אַ האַלב מויל; קיין קלאָרע דיבורים האָט מען פון אים ניט געהערט! זעט מען דאָך בחוש, אַז ער האָט געוואוסט ווי עס האַלט!

דערנאָך האָבן די שלוחים אויפגעהערט; האָט ער דאָך פאַרשטאַנען, אַז מען האָט שוין ניט נאָך וואָס צו שיקן. און פונדעסטוועגן האָט ער דערנאָך אויף נאָסקען אויך געפרעגט; ער הייבט כלומרשט פון גאָרנישט אָן צו וויסן!

נאָר דעמאָלט האָט זיך שוין אַ ביסל אַרויסגעוויזן:

מען זאָגט אים, נאָסקע איז אויפן עולם האמת, ער מאַכט: ברוך־דיין־אמת, און ניט אַ פרעג, גלייך ער ווייס פון גאָרנישט, צי מען האָט נאָסקען געלייגט לעבן וואָלף־בערן.

זאָגט מען אים: ניין, וואָרים באמת, פאַר דער פטירה איז נאָסקע שוין געווען אין די גרויסע פעדערן, איבערגעלאָזט דעם צווייטן ווייב אַ וואַסער־מיל, צוויי נחלאות גרויסע, געלט מזומן, און אַחוץ דעם יעדעס קינד, הן זכרים, הן נקבות, צו 1500 רובל מזומן. אַ קרן קימת האָט ער אויך געלאָזט. מסתמא האָט מען נאָסקען געלייגט אויבנאָן... און וואָלף־בער, אַ קבצן נעבאַך, — וואָס האָבן די באַלעבאַטים פון וואָלף־בערן געוואוסט? געזען האָבן זיי אַ שטוב, אַ פאַרוואָרלעסיקט יידל, ווייטער נישט... איז טאַקע וואָלף־בער געלעגן כמעט ביים פלויט...

קרעכצט ער, זכרונו לברכה.

— אַ שאָד—זאָגט ער — נאָסקע דאַרף ליגן לעבן אַ תלמיד־חכם! און עס איז ניט אויסגעגאַנגען דריי חדשים, איז נסתלק געוואָרן ביי אונז אַ דין, אַ יונגערמאַן אַפילו, אַ מופלג בתורה און מאנשי שלומנו, און מען האָט אים געלייגט לעבן נאָסקען!

## XIII.

פאַרוואָס האָט נאָסקע זוכה געווען צו זיין פון זיינע, זכרונו-לברכהס, מקורבים?

צוויי מעלות טובות האָט נאָסקע געהאַט: בטחון און צדקה.

מילא ביים ערשטן ווייב איז די צדקה געווען אין לשער.

ער איז נאָך דעמאָלט קיין גרויסער עושר נישט געווען, נאָר געשעפטן האָט ער געהאַט גרויסע. דאָס קאָפּ-דרייעניש איז געווען גרויס, דאָס בטוחות זיינס האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבן צו וואַקסן, מזומנים האָבן גאַנץ אָפט געפעלט און נאָסקע איז שטענ-דיק געווען פריילאַך און לוסטיק און מען האָט קיינמאָל אָן פּנים דערקענט, וואָס אין קעשענע טוט זיך.

זיין התנהגות מיטן טאַבאַק איז אויך כדאי צו דערציילן.

וואָס איז אַ שמעק טאַבאַק? וועלכער ייד קאַרגט עס אַ שמעק טאַבאַק? נאָר וועלכער ייד קוקט עס ניט אין די אויגן אַריין, אַז מען נעמט ביי אים אַ שמעק טאַבאַק!

נאָסקע איז זיך אַנדערש נוהג: ער קומט אין שטיבל, צי אין בית-המדרש אַריין, שטעלט דאָס טאַבאַק-פּושקעלע אַוועק אויפן שטענדער, און אַליין דרייט ער זיך איבער צו דער וואַנט און זאָגט עפּעס, אָדער דאַווגט. נעם ווער עס וויל, און וויפיל ער וויל! קומט אַן אָרימאַן און שיט זיך אָפּ אַ ביסעלע — מהיכא תיתי, זאָל אים זיין צו געזונט! און אַ פּושקעלע האָט ער געהאַט — אַ צדקה-גדולה פּושקע! אויף אַ האַלב פונט טאַבאַק אוודאי!

דער עיקר איז ביי אים געווען הכנסת-אורחים.

אַזאַ ייד מיט געשעפטן, קיין עין-הרע, ווי נאָסקע, וואָס איז מיט זיין און פרעמד געלט צעשפּרייט און צעזייט געווען אויף שבעה ימים, האָט זיך כל ימיו אַזוי געקערעוועט, אַז ער פלעגט שטענדיק אַהיים קומען פרייטאָג פאַרן מרחץ, ער זאָל קענען מקיים זיין מצות הכנסת אורחים!

נאָסקע גייט ניט אַליין אין מרחץ אַריין, אַן עדה יידן גייען אים נאָך, דאָס זיינען אורחים און גלאַט אָרימעלייט, פאַר

וועלכע ער צאָלט באָד־געלט און בעזימלאָך־געלט, און קויפט ווי אויס קוויטלאָך אין מקווה אַריין אויף שבת אינדערפרי...

נאָך קבלת־שבת אײַלט זיך ניט נאָסקע אַהיים צו גיין. פריער לאָזט ער די באַלעבאַטים זאָלן זיך אויסקלייבן אורחים צום טיש. איינער וויל, זיך צוליב, אַ בן־תורה; דער צווייטער, דעם ווייב צוליב, אַ ריינערן מענטש, זי זאָל זיך ניט מיאוסן פון אים ביים טיש. נאָסקע לאָזט זיך דערנאָך אַראָפּ און נעמט צו די רעשט, אָפּגעריסענע, פאַרמושבטע חולאים, לא עליכם!

ביי אונז האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן אַלטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, אַ חולה־נופל לא־עלינו. וואו עסט ער משבת לשבת? ביי נאָסקען, מן־הסתם! און ער האַלט אים לעבן זיך! עסט מיט אים ממש פון איין שיסל! טאַנצט מיט אים נאָך דער סעודה!

טרעפט, אַז דער זעלנער פאַלט אַוועק אינמיטן עסן, איז מען מפסיק די סעודה, נאָסקע לייגט אים זיין אייגן קישן אונטערן קאָפּ, שטעקט אים דעם זילבערנעם לעפל, מיט וועלכן ער עסט, אין מויל אַריין, און העלפט אים צוהאַלטן ביז ער קומט ניט צו זיך, און מע נעמט זיך ווייטער מיט שמחה צו דער סעודה!

און אַזוי? וואו קריגט מען אַ גמילות־חסד, מיד ליד? ביי נאָסקען! ער אַליין לויפט אַרום געלט באָרגן, עס גייט אים לעבן, אויסצוקויפן אַ קאָנטראַקט, און אַז אַ ייד קומט צו און מאַכט אַ קרום פנים—גיט ער אַוועק! און לויפט ווייטער זוכן געלט!

נאָר דאָס גייט שוין אַריין אין דער מדה פון בטחון!

## XIV.

און די מדה פון בטחון איז גאָר אויף אַ הויכער מדרגה געווען.

איינמאָל, פרייטאָג איז עס געוועזן, קומט צו נאָסקען אַ שליח מיוחד פון דער ווייסל, באשר בכן—דאָס גאַנצע געהילץ איז צעשלאָגן געוואָרן, די ערלים צעשלעפּן און דער וואויט וויל זיך ניט רירן פון אָרט; מע דאַרף געלט!

וואָס טוט נאָסקע? עס איז פרייטאָג נאָך צוועלף, גייט ער

אין מאַרק אַריין, נעמט צוזאַמען די אָרימע חברה און לאָזט זיך אין מרחץ אַריין!

אין שטאָט דערהערט זיך דערוויל, אַז צו נאָסקען איז געקומען אַ שטאָפּעט, לויפט דער עולם צו קבלת־שבת אַ ביסל פריער, געוואָר צו ווערן, וואָס עס קען באַטייטן. אין בית־המדרש האָט מען געוואוסט—פון געהילץ איז געוואָרן אַש!

און אינם געהילץ האָט געשטעקט נאָסקע מיט אַ האַלבער שטאָט!

עס ווערן קולות.

ס'טייטש, אַנבאַרגן יידיש געלט, יידיש בלוט, אַוועקגעטרויען אַלץ דעם וואַסער! מוצאי שבת וועט מען אים באַפאַלן, דאָס הויצעשלעפן, די באָרד אויסרייסן, חרוב ונחרב מאַכן!

דער דין האָט דערוויל געהייסן, דער בעל־תפילה זאָל צוגיין מקבל שבת זיין—דער עולם האָט זיך צעדאַוונט...

דאָס ערשטע מאָל האָט מען אָנגעהויבן „לכו נרננה" אָן נאָסקען...

מיין נאָסקע—גאָרנישט!

ער קומט אָן, לאָזט זיך אַרויף צום מזרח, צו זיין שטאָט לוסטיק און טאַנצנדיק. נאָכן דאַוונען—דער עולם גאַפּט — נאָסקע זאָגט אַלעמען אַ פריילאַכן גוט שבת! און גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ און נעמט אַלע אורחים אויף שבת! קיין איינציקן ניט געלאָזט.

און ער האָט זיך אויסגעדרייט!

מוצאי שבת, האָט ער זיך איינגעשפּאַנט דאָס ביטקאַלע און איז ניט געפאָרן צו דער ווייסל, נאָר אַרויס צו אַ פריץ און אָפּגעקויפט די גאַנצע תבואה! אַ ביסל מזומנים האָט ער געהאַט, האָט ער געגעבן, פאַר דאָס רעשט האָט ער אויסגעשטעלט וועקסלען; גענומען אַ רייַנעם קאָנטראַקט אויף באַצאָלט ווייץ און קאָרן—און איז צוריקגעקומען, און האָט איבערגעגעבן דעם קאָנטראַקט די בעלי־חובות.

דערנאָך ערשט האָט ער זיך געלאָזט צו דער ווייסל זוכן דאָס געהילץ!

# XV.

און אַזוי איז אויך געווען זיין בטחון אין רבין, זכרונו לברכה!

דעמאָלט איז ער אויך נאָך ניט געווען אין די גרויסע פעדערן, און עס מאַכט זיך אַ מעשה, די נאָסקיכע גייט צו קינד, צום פערטן קינד און איז דווקא אַ מקשה לילד.

וויל נאָסקע לויפן צום רבין, לאָזט ניט דער רופא. נאָסקע אַליין איז קראַנק. ער האָט אים אָדער געשטעלט און אין בעט אַריינגעלייגט.

נעמט ער און שיקט וואָלף-בערן!

אַז עס איז סכנות-נפשות, פאָרט וואָלף-בער מיט דער באַן; איך האָב אים אַליין אַ בילעט געקויפט, אין וואַגאָן אַריינגעזעצט, און ער פאָרט.

קומט ער בשלום אַהין, זאָגט אים דער רבי: עס וועט אַלץ גוט זיין, נאָסקע וועט זיין געזונט, די נאָסקיכע וועט האָבן צו מזל אַ בן זכר, נאָר עס וועט קאָסטן: ארבע מאות; אַרבע מאות שקל כסף, האָט ער געזאָגט!

גאַפט ער, וואָלף בער.

דערנאָך זאָגט ער:

— רבי, דער עולם מיינט, נאָסקע איז אַ גביר, און ער איז אַפילו קיין עושר ניט, אַ בר-מזל איז ער, קיין געלט האָט ער ניט.

שמייכלט דער רבי, און ענטפערט.

— אַ שליח דאַרף טאָן זיין שליחות, פאָרט אַהיים אויפן ברית!

מילא, אַז ער הייסט פאָרן, פאָרט ער!

מאַכט זיך אים פּלוצלונג אַ פויעריש געלעגנהייט, פאָרט ער ניט מיט דער באַן, עס איז דאָך שוין אויס סכנות נפשות, און וואָס טויג אים דאָס שעטנז איז דער באַן! ער זיצט טאַקע ניט דערויף, ער זיצט אַפילו ניט אין וואַגאָן פון שעטנז, זיינען דאָך אָבער די וואַגאָנען צוזאַמענגעהעפּט מיט קייטן, און וואָלף-בער האָט ניט קיין חשק צו דאַווענען, וואו שעטנז איז...

פאָרט ער מיטן פורל; מיטן שליטן, מיין איך, עס איז ווינ־טער געווען און אַ וואוילער שליטוועגס.

עפּעס אַ חסיד, וואָס האָט אים געפונען דאָס געלעגנהייט, זעצט אים אין „פולקאָשיק” אַריין, וויקלט אים אַרום מיט אַ שאַל און מאַכט „וויאָ”! דער פויער פאָרט.

דער פויער פאָרט און, להבדיל, וואָלף־בער פארטראַכט זיך אין הוריות און איז זיך אַזוי מכין צו דאַווגען פון פאָרנט. ביי דער ערשטער קרעטשמע, טראַכט ער, וועט ער לייגן טלית־ותפילין.

אז עס איז מאָנאָפּאָל און עס איז קיין יידישע קרעטשמע שוין לאַנג נישטאָ, האָט ער דערוויַיל פארגעסן.

טראַכט ער אַזוי, און דער „פולקאָשיק” הייבט זיך דערוויַיל אָן אַראָפּצוזוקן; ער האָט זיך, אַ פּנים, אָפּגעבונדן, מע נעמט זיך אַ ביסל באַרג אויף, ער רוקט זיך אינגאַנצן אַרויס!

הכלל, וואָלף־בער בלייבט מיטן „פולקאָשיק” אין שניי און דער פויער ווייסט פון גאָרנישט, און פאָרט זיך וויַיטער!

וואָלף בער הייבט אָן שרייען; האָט ער פונקט געטראָפן אויף אַ טויבן פויער, הערט ער נישט — —

הכלל, ער האָט זיך קוים אַרויסגעגראַבלט פון פולקאָשיק און לאָזט זיך גיין צו פוס...

קומט ער טאַקע אין שטאָט אַריין אויפן ברית!

און ווי ער שטייט און גייט, קומט ער צו נאָסקען אין שטוב אַריין.

## XVI.

יאָ, קעגן וואָס האָב איך עס געוואָלט דערציילן, קעגן נאָסקעס בטחון.

קומט וואָלף־בער צו נאָסקען אין שטוב אַריין; דאָס קינד האָט מען שוין געיידישט, מע זיצט שוין ביי דער סעודה, וואַשט ער זיך, וואָלף־בער, און זעצט זיך בעניוות, צווישן כּלי־קדש.

נאָסקע גייט דערוויַיל אַרום אויבנאָן מיט דער פלאַש און טרינקט מיט די גבירים לחיים.

דערזעט ער וואָלף־בערן, לאָזט ער זיך צו אים אַראָפּ, דער־

לאַנגט אים שלום, נעמט אָפּ מזל-טוב, און וואָלף-בער הייבט זיך אויף און רוימט אים איין אין אויער וועגן די ארבע מאות!

— עס וועט זיין! זאָגט נאָסקע.

און עס איז אַזוי געוועזן!

וואָלף-בער האָט זיך פאַרזינדיקט מיט ווייניק אמונה אין רבינס ווערטער, ער איז מחויב גלות געוואָרן, און איז, מיט גאָטס חסד, אָפּגעקומען מיט נע-ונד זיין אין שניי, און נאָסקע האָט טאַקע באַלד נאָכן ברית געוואונען פיר הונדערט פּרייסישע טאָלער אויף אַ בראַנדענבורגער צעטל.

נאָר פאַרוואָס האָט דער רבי געוואָלט אַרבע מאות?

האָט זיך אויסגעוויזן פאַרוואָס!

דער רבי אַליין האָט אויסגעזאָגט דעם סוד.

נאָסקע איז אַ בר-מזל געוועזן נאָר אויף „יגיע כפּו", פון געווינען געלט וואָלט ער חרוב ונחרב געוואָרן, אַזוי ווי עס טרעפן זיך אַ סך אַזעלכע מעשיות מיט געוואונען געלט!

האָט ער אים טאַקע צוגענומען די ארבע מאות, אָנגעזאָגט זהיר וזהיר, ער זאָל מער קיין לאָטעריע-צעטל ניט קויפן, און פון דעמאָלט אָן האָט אָנגעהויבן נאָסקע מצליח און מצליח צו זיין, ביז ער איז געוואָרן דער אמתער נאָסקע!

---

# אַ מקורב—אַ ליטוואַק.

## XVII.

נאָר זעט, וואָס עס קען זיך אַמאָל טרעפן!

אַ ליטוואַק איז ביי אונז אַ מקורב געוואָרן.

ער לעבט נאָך אַפילו דער ליטוואַק—עד-היום!

די מעשה פון דעם ליטוואַק איז אויך נישט קיין פּשוטע, דאָס הייסט—ווי ביי אונז דער שטייגער איז געוועזן — יאָ פּשוט און פאַרט נישט פּשוט. אַ ראָטע זעלנער איז ביי אונז אין שטעטל געשטאַנען, און דער ליטוואַק האָט אין דער ראָטע געדינט. ביים ראָטנער האָט ער גאָר גושא חן געוועזן; „נאַשיוּקעס האָט ער אים

געגעבן", "סלוזשבע" האָט ער געקאָנט ווי אַוואַסער, וואָרים טאָ־
קע: "וואו תורה, דאָ חכמה", און לערנען האָט ער געקאָנט! פון
צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַפילו באַווייזן אין בית־המדרש;
געעפנט אַ ספר, געלערנט — אַזוי ווי די ליטוואַקעס לערנען: אין
דער ברייט, ניט אין דער טיף! פון קעסל, פאַרשטייט זיך, האָט
ער נישט געגעסן, פלעגט ער עסן שבתים... נו, אַהיים נעמען
אַ ליטוואַק אויף שבת האָבן די באַלעבאַטים קיין גרויסן חשק נישט
געהאַט, איז ער אַריינגעפאַלן, צו וועמען?

מן־הסתם — צו נאָסקען!

און דאָס איז דער אָנהייב פון דער זאַך!

## XVIII.

נאָסקע, פאַרשטייט איר מיך, האָט שוין דעמאָלט געהאַט
דאָס צווייטע ווייב.

דער צווייטער זיווג איז אפילו "לפי מעשיו", נאָך מער —
דער רבי ז"ל אַליין האָט מסכים געווען אויפן שידוך, טייל זאָגן
אַפילו, אַז ער האָט געהייסן טאָן, נאָר דאָס איז שקר — אָבער
מסכים געווען, דאָס איז אמת. האָט ער; און פונדעסטוועגן — אַ הימל־
זאַך — איז עס נישט געווען, ווי עס דאַרף צו זיין, ווי עס האָט
פאַר אַזאַ נאָסקען געפּאַסט.

איך קען נישט זאָגן, פון אויבן אויף — גאָר שיין! ערשטנס,
אַ בת תלמיד־חכם; אויף איר פאָטער, עליו־השלום, האָט דעם רבינס
פאָטער זצ"ל, דער וואָרקער, געזאָגט: דאָס איז אַ תלמיד־חכם!
צווייטנס, אַ יפת־תאר; דערצו אַפילו אַ באַלעבאָסטע, קיין גראָשן,
חלילה, נישט אויסגעבאָרגט, — נאָר פאַר נאָסקען האָט עס באַלד
אין דער התחלה נישט געפּאַסט; זיין צדקה האָט זי נישט פאַר־
טראָגן!

ווי דער שטייגער איז — אַ יונג ווייבל, אַן אַלטער מאַן, איז
זי געגאַנגען אין ספּאַדיק; האָט זי דאָס רעדל געפירט און טאַקע
איבערגעפירט. און נישט מיטאַמאָל, דערצו איז זי געווען צו קלוג,
נאָר פאַמעלאַך, גאָר פאַמעלאַך. פריער איז פאַר אָרימעלייט אָפן
די שטוב, נאָר פאַרשלאָסן דאָס האַרץ, דערנאָך איז די טיר נאָך
אָפן, נאָר אין שטוב קען מען שוין נישט אַריין! אַ יונג ווייבל איז

זי — לויפט זי דעם אָרימאַן אַנטקעגן, פּטרט אָפּ אויף דער שוועל מיט אַ פּרוטה, מיט אַ שטיקל ברויט און גיי ווייטער!

צדקה, זאָגט זי, אָך איז מיר געשען — מהיכא־תיתי! נאָר ווי קומט איינשמירן די פּאָדלאָגע?

און נאָסקע, נעבאַך, זיפצט און שווייגט.

דאָס אייגענע איז געווען מיט שבתדיקע אורחים!

טאַקע אַ מצוה, נאָר זי אַליין איז אויך אַ מענטש, דאַרף אויך האָבן שמחת שבת! און אַז עס קומען און זעצן זיך צום טיש חולאים, לא עליכם, אָדער אַזוי פֿאַרוואָרלעסיקטע, קען זי קיין שמחת שבת נישט האָבן! און אַז זי האָט נישט, האָבן זיי אויך נישט! שיקט זי אַזוינע אורחים אין גאָרקיך אַריין וכדומה!

זי איז בטבע נישט קיין גוטע געוועזן! און, זעט איר, דער ליטוואַק איז איר דווקא געפעלן! אים האָט זי דווקא פֿאַרבעטן אויף אַלע שבת!

ער האָט נושא־חן געווען!

## XIX.

פון נאָסקען איז דער ליטוואַק געקומען צום רבין, זכרונו לברכה!

ביי נאָסקען אין שטוב האָט ער זיך, אַ פּנים, אַזויפֿיל אָנגעהערט פון רבין, זכרונו לברכה, אַז עס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט און איינמאָל איז ער זיך מישב, בעט זיך אָפּ אויף עטלאַכע טעג און כאַפּט זיך אַריבער צום רבין!

איר קענט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ פּנים ער האָט דאָרט דעמאָלט געהאַט! ערשטנס, אַ סאָלדאַט, קיין זכר פון פּאות, און געפוצטע שטיוועלאַך, אַ מונדיר מיט קנעפּ און אַ ליטוואַק דערצו! אַ וואָרט יידיש האָט ער נאָך דעמאָלט נישט גערעדט, סאַמע ליטוויש!

נאָר גיי ציִפּע מיטן קייסערס אַ מענטש! מען לאָזט אים אַריין! דער רבי, זכרונו לברכה, גיט אים שלום, און משום דרכי השלום פֿרעגט ער:

— וואָס מאַכט איר?

בלשון רבים הייסט עס!

וואָרן אַ מנהג איז ביי אונז געוועזן, אַז דער רבי, ז"ל, האָט אַלעמען געזאָגט "דו"; נאָר אַז דער רבי, ז"ל, האָט געוואָלט עמיצן האַלטן פונדערווייטנס, צוליב אַ חטא, אָדער ווייס איך וואָס,—אַז ער האָט נישט געוואָלט עמיצן מקרב זיין, האָט ער גערעדט מיט אים בלשון רבים.

דאָס אייגענע איז געוועזן ביים געזעגענען.

—פּאָרט—זאָגט ער אים—לחיים ולשלום.

שטעלט זיך שוין דער ליטוואַק אָפּ און זאָגט:

— רבי, פאַרוואָס ווילט איר מיך נישט מקרב זיין ווי אַלע אייערע חסידים? וואָס איז? איך בין קיין ייד נישט, קיין בן-תורה נישט?

שווייגט דער רבי.

זאָגט אָבער דער ליטוואַק, אַז ער וועט זיך נישט רירן פון אָרט, ביז דער רבי וועט אים נישט מקרב זיין גלייך מיט אַלע חסידים. אַ ליטוואַק איז דאָך איינגעשפּאַרט...

האָט דער רבי, זכרונו-לברכה, אָפּגעזיפצט און געזאָגט כהאי-לישנא:

— איך האָב אַפילו אַ ביסל פאַר דיר מורא, נאָר, אַז דו ווילסט דווקא—פאָר לחיים ולשלום!

שוין בלשון אתה.

## XX.

וואָס דאָס זיפצן מיטן מורא האָבן אַ ביסל האָט באַטייט, האָט מען בשעת מעשה נישט געוואוסט. אונזערע לייט האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט פּראָסט, נאָר אין שטאָט (קיין איינציקער רבי האָט קיין גוטע פריינד אין זיין אייגענער שטאָט), אין שטאָט האָט מען געלאַכט!

ליצנים פעלן נישט, האָט מען געזאָגט, באשר, דער רבי האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט דער זעלנער אַ ביקס אונטערן מונדיר!

אַנדערע,—אַז ער האָט, חס־ושלום, גלאַט פּחד געהאַט פאַר אַ יידן אַ בן תורה; טאָמער מאַכט ער אַ שמועס וועגן אַ תוספות.

און נאָך אַזויגע נאַרישקייטן!

ווייל וואָס מער דעם רבי, זכרונו לברכהס, גאַנג איז אַריינ־געגאַנגען אין פּשטות אַריין, מער טעותים האָט מען אין אים געהאַט!

די מעשה מיט רש״י און מיטן מהרש״א!

דעם מהרש״אס „ודו״ק״ טרעפן הדר־יינגלאַך און איבער רש״יס פּשט אַמפּערן זיך די גרעסטע גאונים!

אויסגעוויזן אָבער האָט זיך, אַז עס איז געווען פון רבין, זכרונו לברכה, זייער אַ טיפער און זייער אַ ווייטער בליק!

דערווייל אָבער איז זיך דער ליטוואַק אַהיים געפאָרן און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית ביי נאָסקען!

דער איינציקער אורח, וואָס די נאָסקיכע האָט אויף די אויגן געלאָזט! אַפילו סעודת ראש־חודש פלעגט ער דאָרט עסן!

האָט מען טאַקע אָנגעהויבן אין שטעטל צו מורמלען: סטייטש, אַ ליטוואַק—אַ בחור (מען רעדט אים שידוכים, וויל ער ניט הערן און געדענקען!) דרייט זיך אַרום אין אַ שטוב!—איז אָבער נאָסקע אין איר אַזוי פאַרנאַרט געווען, אַז קיין שטויב האָט ער אויף איר נישט געלאָזט פאַלן!

איך וויל מיין מויל צו בייזן נישט ברענגען; געזאָגט האָט מען: „מפני הרעה נאסף הצדיק״—איידער עס האָט געזאָלט, חס־ושלום, קומען צו עפּעס שלעכטס, האָט מען נאָסקען צוגענומען!—נאָר גלאַט, ווי דערלאָזט מען אַזוינס „משום מראית עין?״ וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס פאַר מענטשן!

מען האָט שוין אַפילו געוואָלט פאַרמסרן צום רבין, זכרונו לברכה, מען האָט שוין אַפילו אָפּגעשריבן אַ בריוו, איין בחור — אַ ספרא רבה האָט אים געשריבן, נאָר איידער מען האָט אים אַוועקגעשיקט, מאַכט זיך אַ סיבה, איז דערווייל נאָסקע אַוועקגע־פאַלן!

לאַנג געקרענקט, לא־עליכם!

דערווייל האָט דער ליטוואַק אויסגעדינט...

מיינט מען—מען וועט זיינער פטור ווערן; ווייזט זיך אָבער אויס, אַז ער בלייבט שוין אין שטעטל; עס געפעלט אים דאָ!

און באַווייזט זיך באַלד ביים רבין, זכרונו לברכה, און שוין אין אַ יידישער קאַפּאָטע, אַפילו אין אַ שטריימל!

ווי ער האָט, דער ליטוואַק, אַזוי געשווינד פאות באַקומען, ווייסט איין בורא עולם. נאָר מיט פאות געקומען איז ער! דער־וויל—איז נאָסקע נסתלק געוואָרן!

## XXI.

איר קענט אייך שטויסן, וואָס דעם רבינס, זכרונו לברכהס, זיפץ האָט באַטייט, פאַרוואָס ער, זכרונו לברכה, האָט מורא גע־האַט, נאָר באַלד איז די גאַנצע זאַך קלאָר געוואָרן ווי דער טאָג:

נישט לאַנג נאָך נאָסקעס פטירה קומט מען אונז זאָגן, אַז די אלמנה זיינע, די נאָסקיכע, שטייט ביי דער צוים און פאַר־לאַנגט דווקא, מען זאָל זי אַריינלאָזן.

קיין נשים לאָזט מען נישט אַריין; איז עס דאָך אָבער די נאָסקיכע, איז זיך דער רבי, זכרונו לברכה, מישב און טוט לפנים משורת הדין, און גייט בכבודו ובעצמו אַרויס אויפן הויף, און שטעלט זיך פונדערווייטנס פון דער זייט צוים, און פרעגט זי, וואָס זי וויל.

זאָגט זי: זי וויל חתונה האָבן!

פרעגט ער: מיט וועמען?

רופט זי אָן דעם ליטוואַק!

זאָגט דער רבי: און ווי וועט זיין, אַז איך וועל דיר געבן אַ בעסערן און אַ שענערן שידוך?

זאָגט זי: זי וויל נישט; זי קען נישט, זאָגט זי.

אַ יידענע! גאָר אָן בושה האָט זי געזאָגט, אַז איר הארץ וועט זיך נישט קילן, ביז זי וועט ניט נעמען דעם ליטוואַק! זי גלוסט צום ליטוואַק!

מילא, האָט דאָך שוין דער רבי, ז"ל, נישט געהאַט וואָס צו טאָן!

איז ער באַשטאַנען.

ער האָט נאָר געהייסן אים שיקן!

XXII.

און — מויל און אויערן אויפצושטעלן — דער ליטוואַק איז אַ מקורב געוואָרן, און נאָך ווי הייסט אַ מקורב!

אַזוי ווי ער איז געקומען, זיינען זיי אָפּגעזעסן ביחידות, אָפּ־געשלאָסן חדר לפנים מחדר, אַ שיינע פּאָר שעה; צוויי מאָל לעקאַך און בראָנפן האָט מען דערלאַנגט!

וואָס מען האָט דאָרט אָפּגערעדט און מתקן געווען, ווייסט קיין שום בן־אדם נישט ביז הייַנטיקן טאָג, נאָר ביים געזעגענען זיך, האָט זיך דער רבי, שטייענדיק אויף דער שוועל, אָנגערופן:

— זע כאָטש, נאָסקעס טיש ניט פאַרשעמען.

געמיינט האָט ער די שבתדיקע אורחים; און דאָס האָט ער צוגעזאָגט!

XXIII.

שפּעטער איז דאָס קרובהשאַפט נאָך גרעסער געוואָרן.

אַז נאָסקעס יורשים האָבן נאָך דער פּטירה געוואָלט מבטל זיין דעם אַקט, וואָס נאָסקע האָט געגעבן דעם צווייטן ווייב אויף דער נחלה, און אייַנגעפירט אַ פּראָצעס, האָט אים ע ר, זכרונו לברכה, צוגעזאָגט, אַז ער וועט געווינען.

ער האָט נאָר ביי אים גענומען אַ תּקיעת־כּף, אַז נאָכן גע־ווינען וועט ער תּיכּף ומיד מיט די יורשים אַ דין־תּורה האָבן!

דער פּראָצעס איז נאָך נישט געענדיקט; ווער עס וועט גע־ווינען, ווייס איך נישט!

וואָרים ערשטנס, מוז איך מודה ומתודה זיין, איך גלויב נישט אַזוי שטאַרק אין אַ ליטוואַקס תּקיעת־כּף, און צווייטנס, איז דערווייל דער רבי אַליין נסתּלק געוואָרן...

XXIV.

און נסתּלק איז ער געוואָרן דורך אַזאַ סיבה.

עס איז געקומען אַ בשורה־רעה, אַז נאָכן מאָנאָפּאָל אויף י״ש, וויל נאָך דאָס מלכות אַוועקנעמען טיטין און טאַבאַק אויך— אַ פּאַל אין די הייזער צו גיין!

האָט ער, זכרונו לברכה, זיך אָפּגעשטעלט: כלו כל הקצין, זאָגט ער, מען טאָר עס נישט פאַרלאָזן! אַזאַ זאַך, זאָגט ער, איז שוין כדאי זיך מוסר נפש צו זיין!

געוואָלט האָט ער אַ׳ע גוטע יידן זאָלן מסכים זיין, מאַכן יד־אחת און אַנידערשטעלן זיך אויף ניין; ער האָט באַלד געהייסן שרייבן בריוו צו אַלעמען, אַליין געחתמעט, און מען האָט די בריוו אַוועקגעשיקט! — בעוונותינו־הרבים, האָט אָבער קיינער פון זיי נישט געענטפערט...

איז דער גאַנצער עול געפאַלן נעבאַך אויף אים:

און עס איז געווען מסירת נפש!

## XXV.

עיקר שכחתי:

איך וויל אייך נאָך זאָגן וואָס „באָסקע" איז טייטש.

אַ נאָמען געגעבן האָט מען אים: נתן, יינגלוויז האָט מען אים גערופן בלשון חבה: נתנקע, דערנאָך, מאהבת־הקצור: נתקע. נאָר איינמאָל, האָט אים דער רבי, זכרונו־לברכה, געשיקט אַ בריוול און אויפגעשריבן: להגביר, החסיד המפורסם מוהר״ר נאָסקע, — איז שוין אַזוי געבליבן. אַפּילו אויף דער מצבה שטייט: נאָסקע!

# דעם רבינס ציביק.

אַלע, ניט דווקא אַלטע יידן, געדענקען נאָך, ווי ביי שׂרה־רבקהן האָט אַמאָל געפעלט ניט דווקא קינדער, נאָר אפילו ברויט, רחמנא ליצלן! פשט־פשוט — ברויט!

חיים ברוך אַליין, דער מאַן אירער, איז שטענדיק געווען אַ גרויסער חסיד; טאַקע פון דער התחלה אָן, זייט דער שווער זיינער (עליו־השלום — אַן ערלאַכער ייד געווען!) האָט אים אַראָפּגעבּרענגט פון אונטער לובלין.

מען האָט באַלד געזען, אַז עס איז אַ כּלי, אַ ברכה פון זיין ליבן נאָמען; אַז עס איז אַזוינס, וואָס, אויב עס ברענגט ניט משיחן, צאַפּט עס, ווייניקסטנס, משקה פון דער וואַנט!

ער האָט שוין אַזאַ צורה געהאַט.

אין די טיפע, אונטערגעשלאָגענע אויגן האָט שטענדיק געציטערט אַ מין באַהאַלטן שיינדל, גלייך עמיץ דרייט זיך דאָרט אַרום מיט אַ ליכט אין דער פינסטערער שטוב!

אַ בלאַס פּנים, נאָר ביי וואָס־עס־איז, האָט עס אויפגעבליט ווי אַ רויז, אַזאַ דין הייטל האָט ער געהאַט.

ביי די שלייפן האָט שטענדיק זיך עפּעס געוואָרפן, געקלאַפּט —

און מיט אַ פשוטן יוזעפּאָווער גאַרטל האָט זיך די בריאה 10 מאָל אַרומגענומען, אפשר מער!

פאַרשטייט זיך אַליין, אַז פון פשוט לערנען איז ניט געווען וואָס צו ריידן. אַזוינס גייט טיפער און טיפער: זוהר, עץ חיים... וואָס איר ווילט נאָר אַליין!

מיטן רבין, זאָל לעבן, פלעגט ער אָפּזיצן שעהן־לאַנג, און זיי האָבן צווישן זיך אפילו קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר אַלץ אויפן אויג, מיטן וואונק! נו, רעדט מיט אַזוינעם מכּוח פּרנסה?

פאַרוואָס האָטן דער בית־המדרש גערופן „חיים ברוך שרה־רבקהס“, אָדער בקיצור: „שרה־רבקהס מאַן“? פאַרוואָס האָט מען אָנגעהאַנגען אַלע „שערי בינה“ אין טאַפּ אַרבעס מיטן ביסל הייוון, מיט וועלכע שרה־רבקה האָט געהאַנדלט? איז טאַקע ניט צום פאַרשטיין.

זי אַליין, שרה רבקה, האָט געהאַט ווילד עגמת־נפש דערפון.

עס איז טאַקע — האָט זי געפילט — אַ כבוד, וואָס ער הייסט אויף איר נאָמען, נאָר — זי האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז אַזוי־ערנאָך קומט זי אָפּ מיטן ביסל נחת אויף דער וועלט!

זי פלעגט גאַנץ אָפט, כמעט אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, קומען אין בית־המדרש אַריין מיטן טאָפּ אַרבעס.

„חיים ברוך!“ — שרייען די ישיבה־בחורים, — „דיין שפּייזערין גייט!“

חיים ברוך, זעט אויס, האָט נאָך געפילט איר גאַנג אויף די טרעפּ: ער האָט שוין לאַנג פאַרשטעקט די צורה אינם זוהר; איבערן שטענדער ציטערט נאָר דאָס פּעטע, פאַרפּעדערטע שפּיצל פון דער יאַרמולקע. נאָר אפילו אויף דעם שפּיצל קוקט זי אויך ניט; זי קוקט בכלל ניט אין זיין זייט אַריין, זי וויל ניט זען ווי די שכינה רוט איבער זיין לערנען. זאָלן זיך אירע אויגן ניט פּאַשען אויף דער וועלט, אַלץ — טראַכט זי — דאָרט! דאָרט, אויף יענער וועלט! אין האַרץ פילט זי דאָך אַ וואַרעמקייט, אַ נחת.

פון בית־המדרש גייט זי אַרויס ווי אויפגעוואַקסענער, גרעסער, מיט אַ העלערן, פרייערן בליק! עס איז גאָרניט צו דערקענען, אַז זי איז שוין אַ ווייבל פון עטלאַכע און צוואַנציק יאָר! — אָן אַ קנייטש אויפן שטערן, מיט אַ גערויטלט חנודיק פּנימל, גלייך זי איז ערשט פון אונטער דער חופּה אַרויס!

און פון דעם טאַקע, אַז זי דערמאָנט זיך — האָט זי עגמת־נפש.

עס וועט איר, — טרויערט זי אין האַרץ, — גאָרניט בלייבן אויף יענער וועלט. זי וועט אַרויפקומען ווי אַן אָפּגעפליקטע גאַנז, אָן אַ זכות אויפן לייב... און וואָס טוט זי דען? זי דרייט זיך אַרום מיטן טאָפּ אַרבעס אין גאַס, צעטראָגט, פון איין דאָ־

נערשטאָג צום צווייטן הייזער! וואָס האָט ער פון איר?

כל־זמן דער פאָטער, עליו השלום, האָט נאָך געלעבט און דאָס רעדל האָט זיך געדרייט, איז געווען אַ דירה און צו עסן, און צו טרינקען, טאַקע — כיד המלך. הײַנט? אויף אַלע שונאי ציון געזאָגט!

דער נדן איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, דאָס הייזל — פאַרקויפט!

אינדערפרי, פיש־גריץ — קאַרטאָפל מיט וואַסער!

בײַנאַכט אַ יאַיכיל מיט אַ נעכטיקן בייגל!

אָט, דאָס איז זײַן עולם־הזה!

שוין זיבן יאָר, האָט זי אים אפילו קיין קאַפּאָטע ניט געמאַכט...

פון פסח צו פסח — אַ היטל, אַ פּאָר שטיוול, ניט מער!

משבת לשבת גיט זי אים אַרויס אַ העמד; אומשטיינס געזאָגט — אַ העמד! שפּינוועבס!

זי טראָגט שוין אַ בריל דורך די העמדער: צערע און צערע און גאָרנישט...

„רבונו של עולם", — טראַכט זי, — אַז מען וועט נעמען אויף יענער וועלט איין אות פון זײַן תורה אויף איין וואָגשאָל, און אויף דער צווייטער וועט מען אַרויפלייגן אַלע מײַנע יאַיכלאַך מיט פיש־גריצן, מיט מײַנע אויגן צוזאַמען... וואָס וועט איבערוועגן?

זי ווייסט אפילו, אַז וואָס עס איז פאַרקניפּט אויף דער וועלט, איז פאַרבונדן אויף יענער אויך! אַז ניט אַזוי געשווינד טיילט מען דאָרט אָפּ אַ מאַן פון אַ ווײַב! און ער וועט דען לאָזן? אַזאַ בריליאַנט ווי ער איז? זי זעט דען ניט, ווי ער וויל דווקא, זי זאָל אויך טועם זײַן ביים עסן... עס איז דאָך נאַריש, — ער וועט דאָך ניט ריידן, נאָר מיט די אויגן ווינקט ער; און מאַכט זי זיך ניט־ווויסנדיק, ברומט ער, ווי אינמיטן שמונה עשרה... ביין! לאָזן וועט ער ניט — ער וועט ניט באַשטיין, ער זאָל זיצן אויף

דער פּאָטער-שטול צווישן צדיקים און אבות, און זי זאָל זיך ערגעץ אַרומוואַלגערן אין עולם התהו, אין וויסטע וועלדער...

וואָס העלפט עס אָבער? ערשטנס, ווערט איר גלאַט זיין אַ חרפּה די אויגן אויפצוהויבן צווישן די אמהות: די בושה וועט זי פּאַרברענען!

צווייטנס, האָט זי קיין קינדער ניט... און — „יאָרן ציען, יאָרן פליען"...

זיבן יאָר וואוינען זיי שוין, נאָך דריי באַשריגענע יאָר און — אַ גט!

זי וועט אים דען ריידן דאָס אַנדערע וואָרט?

אַן אַנדערע וועט זיין פוסבענקעלע אין גן-עדן זיין, און זי וועט זיך, גאָט ווייסט, מיט וואָס עס איז פאַר אַ שניידער פינס-טערן ערגעץ אין גיהנם...

וואָס? עס קומט איר מער?

ניט איינמאָל קומט איר אַ שניידער אָדער אַ שוסטער צו חלום און זי כאַפּט זיך אויף מיט אַ יללה.

ער וועקט זיך אויף דערשראָקן.

ביינאַכט אין דער פינסטער רעדט ער אַמאָל; ער פרעגט: וואָס איז?

נאָר זי ענטפערט: גאָרנישט!

זי וויינט, בעט גאָט, עס זאָל איר אַריין אַ ברכה אין די אַרבעס אָדער אין די הייוון.

און ער איז טאַקע געוועזן אַ בריליאַנט!

אַ נאַרישע יידענע, טראַכט ער, און וואָס איר גייט דאָ! פונדעסטוועגן — קלערט ער — דאַרף מען עפּעס צו טאָן דערינען! אפשר וועט זי גיכער אַמאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין, פאַר-גינען זיך!

ער האָט געזוכט אין די ספרים און געזוכט. נאָר אָפט מאַכט זיך, אַז וואָס מען זוכט, געפינט מען דווקא ניט! אַזוינע זאַכן קומען בהיסח הדעת, אומגעריכט!

טײַלמאָל — דאַכט זיך אים — אַז ער איז שוין אויף אַ דרך, איז אים, מעשה שטן, עפּעס מבלבל, און ער מוז אָנהויבן זוכן אויף דאָסנײַ!

ער האָט זיך מישב געווען, צו מאַכן דערפֿון אַ שמועס מיט אים, זאָל לעבן!

עס איז אָבער שווער געגאַנגען.

אײנמאָל האָט דער רבי ניט געהערט, פֿאַרטראָגן געווען; דאָס צווייטע מאָל, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ניט אַהין און ניט אַהער; דאָס דריטע מאָל האָט ער געענטפֿערט:

— הם! אוודאי וואָלט אַ יושר געווען! דערווייל איז אָבער עמיץ אַרײַנגעקומען און האָט איבערגעהאַקט.

נאָכאַמאָל, איז ער עקסטרע געפֿאָרן און געפֿרעגט: נו?

— נו! נו! — האָט דער רבי געענטפֿערט, און גאָרנישט.

אײנמאָל אָבער זיצט חיים־ברוך בײַם רבין, ערב שבת, און גיט אַ זיפֿץ.

— קײן שטײגער, בײַזערט זיך דער רבי, מײַנס אַ חסיד זיפֿצט ניט. וואָרן טאַקע, וואָס?

— די הייוון! — ענטפֿערט חיים־ברוך.

— מען האָט שוין אין כּל תּפֿוצות ישׂראל חלות געבאַקן,— ענטפֿערט דער רבי! פֿרײַטאָג נאָך צוועלפֿן רעדט מען ניט פֿון קײן הייוון!

שבת־צונאַכטס האָט שוין חיים ברוך אַרויסגערעדט בפּירוש:

— רבי, מאַכט ער, — אפֿשר וואָלט איר זיך מכניס געווען אין דער זאַך?

דער רבי ווערט ווײַטער בײז:

— און דו — מאַכט ער — בײַזט חולה? פֿאַר דײַן תּפֿילה איז דער הימל, חס ושלום, פֿאַרמאַכט?

חיים־ברוך האָט בפּירוש געהערט „חס ושלום" און עס איז

אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. פונדעסטוועגן איז ווייטער אוועק אַ פּאָר חדשים און גאָרנישט...

אויף ראש-השנה איז ער ווייטער געקומען.

מוצאי יום-טוב גיט אים דער רבי פּלוצלונג אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס בפני קהל ועדה און פרעגט:

— „חיים ברוך, וואָס פעלט דיר?"

ער ווערט פאַרשעמט, און ענטפערט: „גאָרנישט!"

— שקר! מאַכט דער רבי, דיר פעלט עפּעס.

— וואָס? פרעגט חיים-ברוך פאַרציטערט, און אויף דער צונג איז אים שוין געלעגן: די „ברכה אין הייוון און אַרבעס".

דער רבי לאָזט אים אָבער ניט קומען צום וואָרט און ציילט אים אָפּ ווערטער ווי פּערל:

— „דיר — חיים-ברוך — פעלט — אַ — ליולקע-ציביק!"

דער עולם איז נבהל ונשתומם געוואָרן.

— דו רויכערסט, — מאַכט דער רבי, — פון אַ פּיפּקעלע, ווי אַ בעל-עגלה!

חיים ברוכן איז אַרויס דאָס פּיפּקעלע פון מויל, ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— איך וועל זאָגן שרה-רבקהן.

— זאָג, זאָג, — מאַכט דער רבי. זאָל זי דיר קויפן אַ גרויסע ליולקע-ציביק... נעם דיר מיט מיין יום-טובדיקע פאַר אַ מאָס; כהייה זאָל זי זיין.

און ער האָט אים איבערגעגעבן זיין ליולקע-ציביק.

און דאָס איז עס געווען אינגאַנצן!

נאָך איידער ער איז אַהיים געקומען, האָט מען שוין אין שטעטל געוואוסט, אַז חיים ברוך פירט דעם רבינס יום-טובדיקע ליולקע-ציביק...

— נאָך וואָס, נאָך ווען? האָט מען געפרעגט אין אַלע געסלאַך, אין אַלע הייזלאַך.

— נאָך וואָס? האָבן געצאַפּלט אַלע יידישע נשמהס. נאָך וואָס? און מען האָט זיך אַליין געענטפערט: מן הסתם אויף קינדער!

חיים ברוך, דאַכט זיך, ליידט נאָך אויף דעם, וואָס אַלע לומדים ליידן, מן-הסתם וועט דער רויך פון רבינס יום-טוב-דיקע ליולקע אויף דעם אויך האָבן אַ פעולה! אהאַ! נאָך עפּעס: שרה-רבקה ליידט אויף די אויגן! צו 22 יאָר טראָגט זי אַ בריל; דער רבי האָט עס אַוודאי אין זין געהאַט, אַ קלייניקייט — חיים-ברוכס ווייב!

און גלאַט: צו וואָס העלפט נ י ט אַזאַ ציביק? און נאָך אַ יום-טובדיקער ציביק?!!

און נאָך איידער חיים-ברוך איז אַראָפּ פון דער פור, האָבן אים שוין הונדערט מענטשן געבעטן, ער זאָל באָרגן דעם ציביק: אויף אַ חודש, אַ וואָך, אַ טאָג, אַ שעה, אַ מינוט, אַ רגע...

מען וויל אים אָפּגילטן!

און ער האָט אַלע געענטפערט:

— איך וויים? פרעגט שרה רבקהן...

אַ נבואה איז אים אַרויס פון מויל...

---

שרה רבקה האָט אַ וואויל געשעפט...

ח"י גדולים פאַר אַ צי פון ליולקע-ציביק! ח"י גדולים, ניט אַ גראָשן ווייניקער!

און דער ציביק העלפט!

און מען צאָלט, און שרה-רבקה האָט שוין אירס אַ הייזל, אַ שיין געוועלבל, אַ סך הייוון אין געוועלבל, אַ סך אַנדערע סחורות. זי אַליין איז פולער געוואָרן, געזינטער, אויסגעגלייכט! זי האָט דעם מאַן שוין בייע וועש געמאַכט, די ברילן אַוועקגעלייגט...

פאַר עטלאַכע וואָכן איז מען געקומען נאָכן ציביק פון פריץ וועגן! מען האָט אַנידערגעלייגט דריי זילבערנע רובל, ווי דען!

— און קינדער? ווילט איר וויסן.

— אַוודאי! שוין דריי צי פיר... ער איז אויך אַ גאַנצער מענטש געוואָרן...

---

און אין בית-המדרש איז אַ שטענדיקער פּלפּול.

טייל זאָגן, אַז שרה-רבקה וויל ניט און וועט ניט אָפּ-געבן דעם רבין דעם ציביק!

אַנדערע זאָגן, אַז זי האָט אים שוין לאַנג אָפּגעגעבן! און דאָס איז אַן אַנדערער...

ער אַליין, חיים-ברוך, שווייגט.

ולמאי נפקא מינה? אַבי ער העלפט!

# נסים ונפלאות

## I.

## דאָס ביימל.

וועסט דאָס ביימל? וואָס וואַקסט דערויף? גאָרנישט! נאָדלען!

און דאָס ביימל איז אַמאָל אַן עץ עושה פּרי געווען — אַן עפּל־בוים!

עס איז נישט גרעסער געווען, ווי אַצינד, נאָר אַ קרוין האָט עס געהאַט—זהב טהור! גאָלדענע עפּל האָט עס געטראָגן!

זאַפּטיקע, ווייניקע, אין מויל זיינען זיי צעגאַנגען; און גרויסע, ווי די פויסטן!

ער, זאָל לעבן, האָט זיי ביים טיש געגעסן; מקורבים פלעגן פון זיי באַקומען אויף שהחיינו; דעם רבינס אייניקלאַך, זאָלן לעבן, פלעגן זיי נעמען שמחת־תורה צו די פאָנען...

דאַכט זיך, אַ ביימל קען דערמיט יוצא זיין? וואָס? זיינען אָבער די צווייגן אַריבער איבער דעם צוים אין גאַס—אין רשות הרבים אַריין, און דאָס איז אַ מכשול, אַ גרויס מכשול געווען!

תינוקות של בית רבן—יינגלאַך גייען איבער דער גאַס פון חדרים—רייסט מען, איז מען עובר אויף „לא תגנוב".

רעדט מען דערפון ביים טיש, אויפן אויער; ער, זאָל לעבן, דערהערט עס אָבער, רונצלט ער, זאָל לעבן, דעם שטערן, הייבט אויף די ברעמען, דער עולם ווערט פאַרציטערט, מע מיינט ער וועט שילטן—מעניש זיין!

איז אָבער, זעט אויס, גובר מדת הרחמים.

עפנט ער, זאָל לעבן, אָבער די כשרע לעפצן און גיט אַ זאָג: מפקיר!

די קינדער זיינען נאָך קיין „בר־עונשין" נישט.

האָט זיך אָבער מיט דעם נישט געענדיקט די זאַך.

איינמאָל קומט ער, זאָל לעבן, אַרויס אויפן גאַניקל, קוקט, אַפילו עטוואָס מרה-שחורהדיק צום הימל אַרויף — מי יודע, וואָס ער האָט געזען—דערהערט ער אַ געדויש, גיט ער, זאָל לעבן, אַ קוק איבערן גאָרטן, זעט ער, ווי אַ קליין תינוקתל, נאָך, מחילה, מיטן העמדל אין דרויסן, שפּרינגט קעגן ביימל, און שפּרינגט, און וויל כאַפּן מיטן מיילכל, מיט די הענטלאַך, און די תּאווה אין די אייגעלאַך ברענט—דער יצר הרע פון „לא תחמוד"...

„נתן עיניו בו", גיט ער, זאָל לעבן, אַ ביזן קוק אויפן ביימל און שוין! אילן סרק—אַ נאָדל-ביימל!

דאָס יינגל איז שיר נישט פון זינען אַראָפּ פאַר שרעק...

און יעדע האַלבע נאַכט, ווען אַלץ שלאָפט איין, הערט מען, ווי דאָס ביימל קרעכצט און קלאָגט זיך: „עס מאַכט איבער מיר קיינער קיין ברכה נישט, עס האָט קיינער פון מיר קיין הנאה נישט"...

און עס דאַרט דאָס ביימל, פאַר צער, פאַר גרויס בענקעניש!

## II.

## די סוכּה.

מעלין בקודש—דאָס איז אַמאָל, בימי הגראַף—אַן אַלטאַנקע געוועזן, און אַז ער, זאָל לעבן, האָט ביי די יורשים פון גראַף דאָס שטיקל נחלה אָפּגעקויפט, איז פון דער אַלטאַנקע אַ סוכּה געוואָרן—און אין דער סוכּה האָט ער, זאָל לעבן, התבודדות געהאַט...

וואָס עס מאַכט זיך פאַר אַ צרה, אויף שונאי ישראל, גייט ער אין סוכּה אַריין און—טוט!

מען קען נישט זאָגן, אַלע גוטע יידן טוען — ער איז זיך אָבער מוסר נפש. ער שפּאַרט זיך איין: ער וועט נישט אַרויסקומען פון סוכּה ביז ער וועט נישט פועלן... און ער זיצט מיט דער ליולקע-ציביק אין מויל און פּיפּקעט — אַ וואָלקן מיט רויך נעמט אים אַרום, און פון וואָלקן קוקן זיינע אויגן אַרויס, פול עצבות, פול תּפילה און טיילמאָל—עקשנות!

איינמאָל האָבן זיך צוזאַמענגענומען די שרי המלכות צו מאַכן נייע פונקטן, נייע גזרות הייסט עס...

מילא, לא אלמן ישראל, גוטע יידן הויבן אָן רעשן! מען מאַכט אסיפות, מען איז גוזר תענית, מען זוכט חטאים, מען שיקט אַ שליח מיוחד קיין ארץ־ישראל אויף ר׳ שמעון בן יוחאיס קבר— און ער, זאָל לעבן, זיצט אין סוכה...

זיצט און פּיפּקעט...

און דאָ ווערט וואָס אַמאָל ערגער...

דער שליח מיוחד איז נפטר געוואָרן אויפן וועג... און דאָ העלפט קיין ממון און קיין דמים — גאָרנישט! אַלע שרים פון אַלע שבעים אומות, און, פאַרשטייט זיך, דער שר של יון בראש, האַלטן זיך שטאַל און אייזן; און דער קטרוג איז גרויס, און מען הייבט דערוויל שוין אָן איבערצורייסן ערובן, פאַרחת׳ענען מקוואות, צעטרייבן חדרים... אויף טייל ערטער ברענט מען גאָר ש״ס אין די גאַסן—

און ער, זאָל לעבן, זיצט און פּיפּקעט...

איין טאָג, דעם צווייטן, ויהי ביום השלישי, דערפילט ער, זאָל לעבן, אַז, לא עליכם, דאָס חולשות וואַקסט, אַז די כוחות גייען אים, חס־ושלום, אויס. גיט ער זיך אַ שטעל אויף, אַ לויף צו און אַ פּראַל אויף דאָס פענסטערל פון סוכה און גיט אַ געשריי אַרויס: עצים ואילנות, גיט מיר אייער כוח! דשאים ועשבים — איך בין אויף אייך גוזר, גיט מיר אַוועק אייער גאַנצן כוח!

וואָס מיינט איר? זיי האָבן נישט געגעבן? —

און עס איז, לא עליכם, אַ שנת בצורת—אַ הונגער געווען! ליידיקע זאַנגען—שטרוי! מילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, סוחרים — בדיל הדל געוואָרן, בהמות—אָן פּאַשע געבליבן, און עס איז כמעט קיין פּרי אויף קיין שהחיינו געווען...

אָבער אַ סך פּונקטן זיינען בטל געוואָרן; ערובין, מקואות, חדרים, ש״ס—זיינען געבליבן!

## .III

## ייין חוש־הריח!

איינמאַל, עס האָט נאָר־וואָס אויפגעפלאַקערט דאָס מחלוקת־וועגן וואָס, ווייסט איר דאָך—איז פון יענעם צד אַרויסגעשפּרונגען איינער אַ שמואל שוחט און האָט דערלאַנגט אַ מסירה...

באשר בכן: ער, זאָל לעבן, פירט אַמלוכה, איז אַ מורד במלכות און נאָך... און נאָך... המנס בלבולים...

און אַזוי ווי מען איז געוואָר געוואָרן פון דער מסירה, איז טאַקע דער שמואל שוחט תיכף ומיד נעלם געוואָרן; וואָס האָט מען געמיינט! ער, זאָל לעבן, האָט'ם מעניש געוועזן, די ערד האָט'ם איינגעשלונגען... הערט מען זיך טאַקע אויף צו שרעקן, ווערט גרינגער אויפן הארץ; „כן יאבדו" זאָגט מען, מן הסתם וועט ער, זאָל לעבן, פון אַלע מאַכן אַש! מען האָט אַפילו קיינעם אין גו-בערניע נישט געשיקט!

און פון דער העלער הויט, מען באַפאַלט דאָס הויז! ר'איז קוים דורכן פענסטער אַנטלאָפן...

און ער, זאָל לעבן, איז נתחיב געוואָרן חובת גלות... איז ער, נעבאַך, גע-ונד... פון קהלה צו קהלה... און טרעפט אומעטום שונאים... קומט ער, זאָל לעבן, איין מאָל האַלבער נאַכט, אין אַ שטעטל אַריין, ווייסט ער נישט, וואו אַנצוקלאַפן, גייט ער פון לאָדן צו לאָדן... יידן וואוינען, אָבער וואָס פאַר אַ יידן! פון איין פענסטער דערהערט זיך חצות און אָנם קול דערקענט ער, אַז עס איז אַ חצות משלנו—אַ ברענענדיקער חצות, הימלען שפּאַלט ער!

קלאַפּט ער אָן, ווערט שטיל און שטום, נאָר מען עפנט נישט!

אויף די אנשי בית, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ פחד אָנגע-פאַלן. עס איז אַ חושך ואפלה געוועזן — און אַ גאָס רעגן ווי אויף אַ מבול... און אַן אָפּגעלעגן שטעטל... צוויי ירידים: ניסן און תשרי, און אַ גאַנץ יאָר אין יוצא ואין בא! וואָס מיינט מען? ווער קלאַפּט האַלבע נאַכט? גזלנים! איז זיי טאַקע שיר נישט די נשמה אויס-בעגאַנגען.

שרייט ער אַריין: אַ ייד, אַ ייד!

און מן השמים! זיינען זיי טאַקע אנשי שלומנו געוועזן און מען האָט זיין קול דערקענט, און מע ווערט פאַרציטערט פאַר שמחה, און עס וואַרפן זיך פאַר שמחה די הענט, אַז מען קען צום שליסל נישט טרעפן... מען האָט דאָרטן פון גאַנצן בלבול נישט

געוואוסט—געמיינט אַזוי אַראָפּגעקומען, דורכפאָרנדיק... ווערט אָבער פון ששון ושמחה—אבל ותוגה!

„באַהאַלט מיך״, זאָגט ער!

גו, גיי באַהאַלט, ער, זאָל לעבן, זאָל נישט נתגלה ווערן!..

כּעלות, נאָך נישט קיין זמן קריאת-שמע געוועןֹ—מען קלאַפּט ווייטער! מען קומט אים, זאָל לעבן, מכבד זיין מיט סנדקאות!

ער נעמט אָן! מסירת נפש כּלאחר יד!.. מילא, קענט איר אייך מאָלן, וואָס פאַר סעודת מצוה עס איז געוועןֹ! קינד און קייט, פון רב ביזן קלענסטן נחות דרגא; און אים, זאָל לעבן, דערלאַנגט מען אַ צונג, דעמאָלט פלעגט ער ליב האָבן צונג... און אפשר האָט עפּעס געשטעקט דערינען, ווייל היינט עסט ער דווקא נישט קיין צונג... הכּלל, מען דערלאַנגט אים, און ער וויל טועם זיין, נעמט צום מויל און גיט פּלוצלונג אַ געשריי: נבלה וטרפה! ושאגה לו כּלביא—איר קענט דאָך זיין קול!

מילא, ווערט אַ רעש, אַ מהומה!

סטייטש, דער מרא דאתרא עסט, לומדים גדולים עסן

שיקט מען מן הסתם נאָך דעם שוחט מיט די חלפים.

וואָס ווייזט זיך אויס?

חלפים, נישט פאַר אייך געדאַכט, ווי די זעגן! און דער שוחט איז טאַקע געוועןֹ שמואל שוחט!

## IV.

## דאָס קבר.

ביים רבין אין גערטל ליגט אַ גרויסער משונהדיקער שטיין—און אויבן אויפן באַרג, ביי דער חורבה פון אַלטן גראַפס פעסטונג ליגט אויך אַזאַ שטיין. ווייסט איר וואָס דאָס באַטייט?

איבער דער פעסטונג האָט זיך אַמאָל געהויכט אַ טורים — טאַקע עד לב השמים אַ טורים! אויבן פלעגט אַרומגיין אַ שומר מיט אַ טראָמפּייט און טאָג און נאַכט היטן, עס זאָל אומגעריכט קיין שונא נישט באַפאַלן. און באַווייזט זיך עפּעס, בלאָזט ער און וועקט דעם גראַפס חיילות און זיי שפּרינגען אויף די מויערן אַרויף —

אַלץ ווי אין „יחזקאל" שטייט — אַלץ האָבן זיי ביי אונז גענומען! —

נאָר אויסער דעם שומר פלעגט נאָך עמיץ זיצן אויפן טורים.

דער גראַף האָט זיך געהאַלטן אַ מכשף — אַ מין שטערן־זעער, וואָס פלעגט שטענדיק זיצן אינדערהויך, קוקן אויף די מזלות און פאַרשרייבן, און דערנאָך אַראָפּקומען צום גראַף און זאָגן, וואָס עס איז אים באַשערט...

און דער גראַף איז אויך, ווי דעמאָלט פלעגט דער מנהג זיין, שופט געווען; די גאַנצע סביבה פלעגט ער משפטן.

קומען איינמאָל צוויי ברידער צום גראַף, ערלים, מיט אַ סיכסוך וועגן אַ ירושה זיינען זיי געקומען; איז אָבער דער גראַף אַ יוצא למלחמה געווען, דאָס פערד איז שוין געשטאַנען אָנגע־זאָטלט און ער האָט זיך אַרומגעגאַרטלט מיט דער שווערד, שיקט ער די שני אחים אָפּ צום מכשף, ער זאָל זיי פּסקנען...

קומען זיי צום מכשף אויפן טורים אַרויף און זאָגן אים אַזוי און אַזוי: מיר האָבן אַ דין־תורה, און דער גראַף האָט אונז צו דיר געשיקט, און אַזוי ווי דו וועסט פּסקענען, אַזוי וועט זיין...

מוז ער דאָך דער מכשף באַשטיין; נאָר אַ תנאי נעמט ער זיך אויס: זיי זאָלן ערלאַך טענהן! זיי זאָלן נישט מעלים זיין און קיין וואָרט שקר נישט זאָגן, אַ נישט, וועט ער זיי באַ־שטראָפן!

באַשטייען זיי — הייבן אָן טענהן — און פאַרגעסן זיך און הייבן אָן טענהן שקר־שקרים—דערמאָנט ער זיי, איז זיי מתרה, איינמאָל, צוויי מאָל, צום דריטן מאָל—עס איז אָבער נישט מעג־לאַך! ווערט ער בייז, גיט אויף זיי אַ בלאָז, פליען זיי אַרויס פון די פענסטערלאַך, ווערן פאַרשטיינערט, און פאַלן — איינער אויפן באַרג און דער צווייטער אין גערטל אַריין...

אַז ער, זאָל לעבן, האָט ביים גראַפס יורשים אָפּגעקויפט די נחלה, האָט ער געזאָגט, אַז ער וואָלט זיי געקאָנט מחיה מתים זיין, נאָר ער וויל נישט, ווייל זיי זיינען גרויסע שונאי ישראל געווען!

## V.

איך מוז אייך אָבער זאָגן דעם אמת, עס איז פֿאַראַן אַן אַנדער גירסא... אַ מעשה נוראַ... און אַ ישן נושן — פון אַלטע דורות...

דער גראַף האָט נאָך געלעבט און האָט מיט אַלע פּריצים אַרום מלחמה געהאַלטן — אַ גרויסער גבור=חייל געווען... פלעגט באַפאַלן, פאַרברענען גאַנצע הייף... אויפהענגען די פּריצים, מאנס זיין די נשים—סכנת-נפשות געווען...

און אין שטעטל איז אַ בת ישראל געווען, אַן אשת=איש און מגזע ישרים, מזרע קדושים, און בעלה—נשמתו בגנזי מרומים—איז געווען גאָר, גאָר! מיט איין וואָרט: אַ מנהיג...

איז אָבער די אשה אַ גרויסע יפה=פיה געווען... און דערזען האָט זי אַמאָל דער גראַף... און איר ווייסט דאָך „אין אַפּטרופּס"... און דער יצר-הרע האָט גובר געווען... נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום בת ישראל געדאַכט...

און אַ קעלער איז געגאַנגען פון גראַפס פעסטונג פון דער הויף ביז אין דעם גערטל אַראָפּ—ביז צו די הייזלאַך, וואו דעם גראַפס משרתים האָבן געוואוינט, משרתיו עושי רצונו: דער מכשף, די ממונים על העופות ועל הכלבים, דער ראש פון די קאָזאַקלאַך, מיט וועלכע דער גראַף פלעגט מחרים עולם זיין.

און אין קעלער זיינען שטיבער געווען צו באַהאַלטן זיך בשעת מלחמה, און אין איינעם פון די חדרים פלעגן זיי זיך זען!

נאַכט אויף נאַכט—בעלה גייט צו חצות, גנבעט זי זיך אַרויס פון בעט, טוט זיך אָן בגדי שבת ויום-טוב, נעמט אויף זיך כל המיני=תכשיטין, באַשמעקט זיך מיט כל המיני בשמים און כאַפּט זיך אין קעלער אַריין דורך דעם גאָרטן... און דער גראַף פאַרלאָזט שטילערהייט זיינע היכלות, וואו מען איז זיך משמח מיט כל-המיני עולם=הזה, און אין איינעם פון די שענסטע חדרים טרעפן זיי זיך און זיינען זיך מחבק ומנשק, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין...

און אַזוי נאַכט אויף נאַכט, נאַכט אויף נאַכט...

איינמאָל אָבער, ווי ער איז אַזוי מחבק ומנשק, פאַלט אים איין, גיט ער אַ זאָג: רבקהלע—רבקה האָט זי געהייסן—שמד זיך, וועל איך מיט דיר חתונה האָבן — דער גראַף איז אַ בחור געווען.

איז זי דאָך אָבער פאָרט אַ בת ישראל, און אפשר האָט מען אויף אַזוי ווייט דעם משחית קיין רשות נישט געגעבן — וויל זי נישט! זאָגט ער נאָכאַמאָל, זי וויל נישט, איז ער אָבער מפציר— פאַלט זי אים צו די פיס און בעט זיך ביי אים רחמים—ווערט ער פלוצלונג, כדרך הפריצים, בייז, רייסט זיך אויס, לאָזט זי איבער און לויפט אַרויס!..

און גיט אַ בלאָז אויפן האָרן—אַ נמרוד, אַ גבור ציד געווען, שטענדיק אַ האָרן געטראָגן—לויפט מען זיך צוזאַמען, הייסט ער פאַרלייגן ביידע אַריינגאַנגען צום קעלער מיט שטיינער, מיט גרויגע שטיינער, און זיך אָנזאָטלען אַ פערד און ער רייט אַוועק! —

דריי טעג און דריי נעכט איז ער געריטן, דריי טעג און דריי נעכט האָט מען פון קעלער אַרויס „שמע ישראל" געהערט..

און אַז ער האָט זיך אָפּגעקילט פון גרים-צאָרן, און אַז עס האָט זיך אין אים אַ חרטה דערוועקט, און איז אויפן פערטן טאָג צוריקגעקומען—איז אונטער אים ביים אַריינגאַנג פון קעלער דאָס פערד געפאַלן, אַזוי האָט ער געיאָגט; נאָר אין קעלער איז שוין שטיל געווען.

און אויפן בית-עלמין איז פאַראַן אַ מצבה, אַ הויכע, מיט גאָלדענע אותיות: מגזע ישרים, מזרע קדושים... אשת הרב הגאון והקדוש—הלא היא...

און צו קבר-אבות קומט מען, משתטח איז מען זיך... אל מלא רחמימס מאַכט מען... מען מעסט דאָס קבר, מען איז מתפלל אויפן קבר, נאָר דאָס קבר איז—לער.

# מקובלים.

אין די שלעכטע צייטן פאַלט אַפילו תורה — די בעסטע סחורה — אויך.

פון דער לאַשציוער ישיבה איז מער ניט געבליבן נאָר דער ראש־ישיבה — ר׳ יעקל — מיט איין איינציקן תלמיד.

דער ראש-ישיבה איז אַן אַלטער דאַרער ייד, מיט אַ לאַנגער צעשויבערטער באָרד, מיט אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגן; למך, זיין געליבטער תלמיד, איז אַ יונגערמאַן, אויך אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ בלאַסער מיט שוואַרצע געקרייזלטע פאות, ברענענדיקע, שוואַרצע, אונטערגעשלאָגענע אויגן, פאַרברענטע ליפּן, און אַ ציטעריקן שפּיציקן גאָרגל; ביידע — מיט „אויפגעכראַשטעטע״ הערצער, אָן העמדער, ביידע אין לאַכעס; דער ראש־ישיבה שלעפּט קוים נאָך אַ פּאָר פּויערישע שטיוול, דעם תלמיד אָן זאָקן פאַלן די שוסטער-שיך צראָפּ פון די פיס. —

דאָס איז געבליבן פון דער באַרימטער ישיבה!

דאָס פאַראָרימטע שטעטל האָט אַלע מאָל ווייניקער געשיקט עסן, געגעבן טעג; זיינען זיך די אָרים־בחורים צעקראָכן! ר׳ יעקל אָבער וויל שוין דאָ שטאַרבן, און זיין תלמיד — לייגן אים די שערבלאַך אויף די אויגן.

און זיי ביידע ליידן אויך אַמאָל הונגער. פון ווייניק עסן קומט ווייניק שלאָפן, פון גאַנצע נעכט ניט שלאָפן און ניט עסן — אַ חשק צו קבלה!

ממה נפשך — דאַרף מען אויף זיין גאַנצע נעכט און הונגערן גאַנצע טעג, — לאָז מען כאָטש דערפון אַ נוצן האָבן, זאָל כאָטש זיין: תעניתים מיט סיגופים, זאָלן זיך כאָטש עפענען אַלע טויערן פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאכים!

און זיי לערנען שוין קבלה אַ צייט!

צונד זיצן זיי ביים לאַנגן טיש, איינע אַליין. ביי יעדן איז צונד נאָך מיטאָג, ביי זיי איז נאָך פאַר פרישטיק. זיי זיינען דאָך געוויינט דערצו. — דער ראש־ישיבה פאַרגלייסט די אויגן און רעדט; דער תלמיד זיצט אונטערגעשפּאַרט אויףביידע הענט מיטן קאָפּ און הערט —

— אין דעם זיינען דאָ — זאָגט דער ראש־ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קען אַ שטיקל, איינער אַ האַלבן, איינער אַ גאַנצן ניגון. — דער רבי, ז"ל, האָט געקענט אַ גאַנצן ניגון, אפילו מיט אַ צושפּיל! — איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיה צו אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

ער האָט אָפּגעמאָסטן אַ פּיצל פון דאַרן פינגער און האָט ווייטער געצויגן:

— עס איז פאַראַנען אַ ניגון, וואָס מוז האָבן ווערטער... דאָס איז גאָר אַ נידעריקע בחינה... עס איז פאַראַנען אַ העכערע בחינה... אַ ניגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער — אַ ריינער ניגון! נאָר דער ניגון דאַרף נאָך האָבן אַ קול... און ליפּן, דורך וועלכע דאָס גייט אַרויס! און ליפּן — פאַרשטייסטו — זיינען דאָך גשמיות! און דאָס קול אַפילו, עס איז אַן איידעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטייט אויף דער גרעניץ צווישן רוחניות און גשמיות!

נאָר סיי ווי סיי דער ניגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָפּ פון די ליפּן, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אינגאַנצן ריין... נאָך ניט קיין אמתער רוחניות!...

דער אמתער ניגון אָבער זינגט זיך גאָר אָן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניק, אין האַרץ, אין די געדערים!

אָט דאָס איז דער סוד פון דוד המלכס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה"... אינם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער ניגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא! דאָס איז ניט דער ניגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויסגע־טראַכטער ניגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון ניגון, מיט וועלכן גאָט

האָט די וועלט באַשאַפן, פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגע־
גאָסן אין איר...

און אזוי זינגט די פּמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען
דער „ייד", זכרונו לברכה!

דעם לימוד האָט איבערגעהאַקט אַ צעשויבערטער יונג מיט
אַ שטריק אַרום די לענדען — אַ טרעגער. ער איז אַריינגעקומען
אין בית־המדרש, אַנידערגעשטעלט אַ שיסל גריץ מיט אַ שטיקל
ברויט אויפן טיש לעבן ראש־ישיבה, און מיט אַ גראָב קול געזאָגט:
„ר' טעבל שיקט דעם ראש־ישיבה עסן!" און האָט זיך איבערגע־
דרייט, און, אַרויסגייענדיק, צוגעגעבן: „שפּעטער וועל איך קומען
נאָך דער שיסל!"

אַרויס, דורך דעם גראָבן טרעגער־קול, פון דער געטלאַכער
האַרמאָניע, האָט זיך דער ראש־ישיבה שווער אויפגעהויבן און איז,
נאָכשלעפּנדיק די גרויסע שטיוול, צוגעגאַנגען צום כּיור זיך וואַשן.

גייענדיק, האָט ער ווייטער געזאָגט, נאָר מיט ווייניקער
התלהבות, און דער תּלמיד האָט אים פון זיין אָרט נאָכגעקוקט מיט
די אויפגעשפּיצטע אויערן און ברענענדיקע פאַרחלומטע אויגן.

נאָר — זאָגט ווייטער ר' יעקל מיט אַ טרויעריקער שטימע —
איך האָב אַפילו די זכיה נישט משׂיג צו זיין, אין וואָס פאַר אַ בחינה
דאָס איז! אין וועלכן שער דאָס קומט! זעסטו, — גיט ער שוין
צו מיט אַ שמייכל, — די סיגופים מיט די צרופים, וואָס מען דאַרף
דערצו, די ווייס איך, און איך וועל זיי דיר נאָך אפשר היינט
איבערגעבן!

דעם תּלמיד קריכן שיר די אויגן אויס; ער האַלט אָפּן
דאָס מויל צו כאַפּן יעדעס וואָרט; נאָר דער רבי האַקט אָפּ, ער
וואַשט זיך, ווישט זיך די הענט, זאָגט „שאו ידיכם". גייט צוריק
צום טיש און מאַכט, מיט ציטעריקע ליפּן, די „המוציא"...

מיט ציטעריקע דאַרע הענט הייבט ער אונטער די שיסל. די
פאַרע פאַרדעקט אים מיט אַ וואַרימען דונסט דאָס בייניקע פּנים;
דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דעם לעפל אין דער רעכטער
האַנט, און וואַרימט די לינקע האַנט אין ראַנד פון שיסל. דערביי

צעקוועטשט ער מיט דער צונג אָן די גאָלע דזיאָנסלעס די רעשט „מוציא‟ מיט זאַלץ.

אָנגעוואָרימט דאָס פּנים מיט די הענט, קנייטשט ער שטאַרק איין דעם שטערן, ציט צונויף די בלאָנע-בלאָע דאַרע ליפּן, און הויבט אָן בלאָזן!

ביי דער גאַנצער צייט האָט פון אים דער תּלמיד קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. און, בשעת דעם רבינס ציטערדיק מויל איז אָקעגן געלאָפן דעם ערשטן לעפל גריץ, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ; ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און האָט זיך אינגאַנצן איינגעצויגן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען נאָך אַ יונג מיט נאָך אַ שיסל גריץ מיט ברויט:

„ר' יוסף שיקט דעם תּלמיד אָנבייסן!‟

נאָר דער תּלמיד האָט נישט אַוועקגענומען די הענט פון פּנים.

דער ראש-ישיבה האָט אַוועקגערוקט דעם לעפל און איז צוגעגאַנגען צום תּלמיד. אַ ווילע האָט ער מיט שטאָלצער ליבע אויפ'ן געקוקט, דערנאָך האָט ער איינגעהילט די האַנט אין דער פּאָלע און אָנגערירט אים דעם אַקסל.

— מען האָט דיר געבראַכט עסן, — וועקט ער אים מיט אַ פריינדלאַך קול. טרויעריק און לאַנגזאַם האָט דער תּלמיד אַוועקגענומען די הענט פון פּנים. און דאָס פּנים איז נאָך בלאַסער געווען, און די אונטערגעשלאָגענע אויגן האָבן נאָך ווילדער געברענט.

— איך ווייס, רבי! ענטפערט ער — נאָר איך וועל נישט עסן היינט!

— דער פערטער תּענית? — האָט דער ראש-ישיבה געפרעגט פאַרוואונדערט, —

— און אָן מיר? גיט ער צו מיט אַ פּרעטענסיע.

— עס איז אַן אַנדערער תּענית — ענטפערט דער תּלמיד, — עס איז אַ תּענית-תּשובה!

— וואָס רעדסטו? דו — און אַ תּענית-תּשובה?

— יאָ, רבי! אַ תּענית־תּשובה... אַ רגע פריער, ווען איר האָט אָנגעהויבן עסן, האָב איך געהאַט אַ הרהור... עובר צו זיין אויף לא־תחמוד!

---

אין דערזעלבער נאַכט, גאַנץ שפּעט, האָט דער תּלמיד געוועקט דעם רבין. זיי זיינען ביידע געשלאָפן, זיך קעגנאיבער, אויף בענק אין קלויז.

— רבי — רבי! האָט ער גערופן מיט אַ שוואַך קול —

— וואָס איז? האָט זיך דער ראש־ישיבה אויפגעכאַפּט דער־שראָקן.

— איך בין צונד געווען אין דער הויכער מדרגה...

— ווי אַזוי? פרעגט דער ראש־ישיבה נאָך אַ ביסל פאַר־שלאָפן.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש־ישיבה האָט זיך אויפגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי, — האָט דער תּלמיד מיט נאָך אַ שוואַכערן קול געענטפערט, איך האָב נישט געקענט שלאָפן, האָב איך מיך פאַרטיפט אין אייער שמועס... איך האָב געוואָלט דווקא קענען דעם ניגון... און איך האָב פאַר גרויס צער, וואָס איך קען נישט דעם ניגון, אָנגעהויבן וויינען... עס האָט אין מיר אַלץ געוויינט; אַלע אברים האָבן געוויינט פאַרן רבונו של עולם!

דערביי האָב איך געמאַכט די צרופים, וואָס איר האָט מיר איבערגעגעבן... אַ וואונדערלאַכע זאַך: נישט מיטן מויל, נאָר עפּעס אינעווייניק... פון זיך אַליין! ראַפּטום איז מיר ליכטיק גע־וואָרן... איך האָב געהאַלטן צו די אויגן, און עס איז מיר געווען ליכטיק, זייער ליכטיק, זייער שטאַרק ליכטיק!...

— אָט! בייגט זיך צו דער ראש־ישיבה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרן פון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָרנישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פאַרלאָרן, אַז איך קען פליען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך ביז איך געוואָרן לוסטיק, לעבעדיק, לאַכנדיק... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּן אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט... און אַזוי גוט, אַזוי גוט, אַזוי האַרציק, אַזוי נחתדיק געלאַכט!

— אָט! אָט! אָט! — מתוך שמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַן אָנהייב פון אַ ניגון געברומט —

דער ראש ישיבה איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין באַנק און איז מיטאַמאָל געווען ביים תּלמיד: —

— נו — נו —

דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבן זינגען!

— וואָס האָסטו געפּילט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפּילט, אַז אַלע חושים זיינען מיר פאַרשטאָפּט און פאַרמאַכט, און עפּעס אינעווייניק זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — גאָר אָן ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!

— ניין, איך קען נישט... פריער האָב איך געוואוסט... דער־נאָך איז פונם זינגען געוואָרן... געוואָרן...

וואָס איז געוואָרן — וואָס?...

— אַ מין שפּילן.. גלייך, להבדיל, איך וואָלט אינעווייניק אין מיר אַ פידל געהאַט, אָדער גלייך יונה כּלי־זמר זאָל אין מיר זיצן און שפּילן זמירות, ווי ביים רבין צו טיש! נאָר עס האָט געשפּילט נאָך בעסער, נאָך איידעלער, מיט נאָך מער רוחניות! און אַלץ אָן אַ קול, אָן אַ שום קול — ס אַ מ ע רוחניות!...

— וואויל איז דיר! וואויל איז דיר! וואויל איז דיר!

צוגד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריק דער תּלמיד, — עס האָבן זיך מיר צוריק געעפנט די חושים, און איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד, אַזוי — מי — ד... ! אַז איך...

— רבי — האָט ער ראַפּטום אַ געשריי געטאָן, זיך אָנכאַפּנ־דיק ביים האַרץ, — רבי! זאָגט מיט מיר ווידוי! מען איז געקומען

נאָך מיר! — עס האָט דאָרט אין פמליא של מעלה אַ זינגערל פאַר־פּעלט! אַ מלאך מיט ווייסע פליגל!... רבי! רבי! שמע ישראל! שמעע... יש...

---

דאָס גאַנצע שטעטל ווי איין מענטש האָט זיך געוואונטשן אַזאַ טויט, נאָר פאַרן ראש־ישיבה איז נאָך ווייניק.

נאָך אַ פּאָר תעניתים, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוין גע־שטאָרבן „בנשיקה"!

# אַ גלגול פון אַ ניגון.

— אַ טאַלנער ניגון ווילט איר?

דאַכט זיך, אין פלוג אַ קלייניקייט—נעמען אַ ניגון פון אַ טאַלנער שלש-סעודות און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי ווי עס דאַכט זיך!

דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן ברב עם, חברה מוז אים זינגען!

אונטערהעלפן ווילט איר? ניין, ברודער! מיט דער הילף פון פוילישע חסידים זינגט זיך נישט קיין טאַלנער ניגון!

איר האָט גאָר קיין השגה, קיין ידיעה אין נגינה!

איך הער דאָך אייערע כלי-זמרים, אייערע חזנים! עס גרימפּלט זיך, נישט עס שפּילט און ביים זינגען רייסט איר אייך, ווי געקוילעטע הענער! אַפילו די סיני-ניגונים קומען ביי אייך אַרויס משונה-ווילד... און אייערע מאַרשן, אייערע קאָזאַקלאַך? זיי זיינען נאָך ווילדער ווי אייערע תנועות און הויות! איר זאָגט, עס איז חסידות!... ביי אונז זיינען אַנדערע חסידים!...

פונוואַנען מיר האָבן נגינה? אפשר קומט עס שוין בירושה און אפשר ליגט עס אין דער געגנט!

אין אונזער קיעווער געגנט איז אין בית אָן אַ פידעלע!

אַ באַלעבאַטיש קינד, אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטן: אַ טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פידעלע, מוז קענען שפּילן...

איר ווילט וויסן, וויפל מאַנסלייט עס געהערן צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! וויפל עס הענגען פידעלאַך, אַזויפיל מאַנסלייט!

אַלע שפּילן: עס שפּילט דער זיידע, עס שפּילט דער פאָטער, עס שפּילט דער זון...

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּילט זיך זיינס, שפּילט אַנדערש, שפּילט באַזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּילט סיני-ניגונים אָדער אַזוי חזנישע זאַכן: אַ „כל-נדרי", „שושנת יעקב", אַ „גדי קשור-ידים"—אַ דאגה וואָס? דער פּאָטער, אַ חסידישער מענטש, צעגייט זיך אין אַ גוט-יידישן שטייגער! דער זון ווייטער — שפּילט שוין פון נאָטן! מען שפּילט שוין גאָר פון טעאַטער!

אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער ניגון!

— וואָס טוען חסידים, אַז עס פעלט אַ ביסל בראָנפן? רעדט מען פון בראָנפן!.. זינגען איינער אַליין, אָן חברה, אָן אַ ברען פון עולם, קען מען נישט; וועלן מיר ריידן פון נגינה...

נגינה, מוזט איר וויסן, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנץ טאַלנע איז געשטאַנען אויף מלוה-מלכּהס, און דער עיקר מלוה-מלכּה איז געווען דער ניגון!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגל קען מען שטעלן אַ שול און אַ קלויסטער, אַ פּאַלאַץ און אַ תּפיסה, און גאָר אַ הקדש!

מיט די אייגענע אותיות שרייבט מען סודות התּורה און, להבדיל, דאָס גרעסטע אפּיקורסות! און מיט די אייגענע קולות קען מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבות און דבקות, און מען קען אַראָפּ ביזן שאול תּחתּיה און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַוואָרים אין בלאָטע!

אַ בריוול — ווי מען לייענט עס; אַ ניגון ווי מען זינגט אים!

נעמט, למשל, אַ „פריילאַכס"; קען עס זיין אַ טאַלנער שבת-שירהדיקע מלוה-מלכּה, — אַ שמחה פון מצוות און מעשים-טובים; און עס קען זיין די פרייד פון אַן אויסגעלאַסענעם פויגל אין אַ הפקר-וועלט!

אַ ניגון ברענט, טאַקע „תּוכו רצוף אהבה"—אויסגעווייקט איז ער מיט ליבשאַפט; נאָר ליבשאַפטן זיינען פאַראַנען אַ סך: עס איז פאַראַנען אהבת המקום, אהבת הבריות, אַ ליבשאַפט צו כּל-ישראל... איינער אָבער האָט גאָר זיך אַליין ליב, צי גאָר, רחמנא ליצלן, אַן אשת-איש!

אַ ניגון קלאָגט זיך, אַ ניגון וויינט, נאָר איינער וויינט אויפן נחש, אויפן פאַרלאָרענעם גן-עדן; אַ צווייטער—אויף גלות השכינה,

אויף חורבן בית-המקדש, אויף אונזער דלות און שפלות!... „ראה עמידתנו... קלאָגט ער זיך, דער ניגון... און נאָך אַ ניגון וויינט, אַז עמיצן איז אַ יפה-פיה אַנטלאָפן!

עס איז פאַראַנען אַ ניגון פול מיט בענקשאַפט; נאָר צו וואָס בענקט ער, דער ניגון? עס בענקט אַ נשמה צוריק צו איר שורש, און עס בענקט אַן אַלטער כלב אָן ציין צו יונגע יאָרן מיטן יונגן יצר-הרע!

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר׳ דודל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו —
אין וואַסילקאָוו
און היינט וואוינט ער אין טאַלנע;
ר׳ דודל, ר׳ דודל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו,
היינט וואוינט ער אין טאַלנע!...

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואַסילקאָווער! נאָר אַז די טאַלנער זינגען, איז עס אַן אמת „פריילאַכס", שפּריצט עס און ברענט מיט שמחה, מיט תענוג; זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צער און מרה-שחורה! און ווענדן ווענדט זיך עס אין דער נשמה, וואָס מען גיט אַריין אין ניגון!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ניגון, מוזט איר וויסן, איז אַ סך-הכל פון קולות, אָדער, ווי יענע זאָגן — טענער.

די קולות אָדער די טענער נעמט מען פון דער טבע; זיי איז קיינער נישט מחדש, און אין דער טבע פעלט נישט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, זיין אייגענעם קלאַנג, אויב נישט גאָר אַ גאַנצן ניגון!

די גלגלים, האָבן מיר אַ קימא לן, זינגען; טאָג און נאַכט — „יום ליום... לילה ללילה..." האָבן זייער זמר... מענטשן און פייגל זינגען, חיות ובהמות זאָגן שירה... אַ שטיין אָן אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט... וואַסער, אַז עס לויפט, שווייגט עס נים; היינט אַ וואַלד! ביים קלענסטן ווינטל, זינגט ער דאָך אַ „וואָלאַך", אַן אמתן, שטילן, זיסן וואָלאַך! און די באַן, למשל, — די חיה-רעה...

מיט די רויט-פלאַמענדיקע אויגן, אַז זי לויפט, באַטויבט זי נישט מיט איר געזאַנג? אַפילו די שטומע פיש, האָב איך אין אַן אַלט ספר געזען, גיבן אויך אַמאָל אַרויס פון זיך אַ קול נגינה. טייל פיש, שטייט אין ספר, שווימען פון צייט צו צייט צו צום ברעג, קלאַפן מיט די עקן אין זאמד, אויף אַ שטיין און זייגען זיך דער־מיט מחיה!

ווייניק קולות? מען דאַרף נאָר האָבן אַן אויער. עס זאָל די קולות אויפכאַפן ווי אַ נעץ, איינזאַפן ווי אַ שוואָם!

נאָר פון טענער אַליין איז נאָך קיין ניגון נישט!

אַ הויפן ציגל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פון ניגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!

און די נשמה פון אַ ניגון איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש: זיין ליבשאַפט, זיין צאָרן, לייטזעליקייט, נקמה, האַרצבענקעניש, חרטה, צער,—אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענטש פילט, קאָן ער אַריינגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון—לעבט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואָרים איך, רבותים, גלויב, אַז דאָס, וואָס מיך איז מחיה, מוז אַליין האָבן אַ חיות, לעבט אַליין!

און היינט, אַז אַ ניגון איז מיך מחיה, אַז איך באַקום פון אַ ניגון אַן אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאָג איך, אַז אַ ניגון לעבט...

און והא ראיה: נעמט אַ ניגון און צעשניידט אים, זינגט אים קאַפויר, כאַפט פריער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיטן סוף, נו, האָט איר אַ ניגון? בסך־הכל האָט איר אַלע קולות, עס פעלט אייך קיין איינציקער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיקע ווייסע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז אַרויס די נשמה!

עס איז געוואָרן אַ מת, אַ בר־מנן פון אַ ניגון!

אין טאָלנע איז ברור כשמש, אַז אַ ניגון לעבט!

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַ ניגון לעבט, און אַ ניגון שטאַרבט; און מען פאַרגעסט אַ ניגון, ווי מען פאַרגעסט אַ שוכן־עפר!

יונג און פריש איז ער אַמאָל געווען, דער ניגון! מיט פריש

לעבן האָט ער געשפריצט... מיט דער צייט איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט אָפּגעלעבט זיין צייט און די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען... עבר־ובטל איז ער געוואָרן... דערנאָך איז זיין לעצטער הויך אַריין אין דער לופט און ערגעץ פאַרשטיקט גע־וואָרן—ואיננו!...

נאָר אַ ניגון קען אויפשטיין תחית המתים...

פלוצים דערמאָנט מען זיך אָן אַלטן ניגון, ער שווימט פלו־צים אַרויס און רייסט זיך פון מויל אַראָפּ... נישט ווילנדיק, לייגט מען אין אים אַריין אַ ניי געפיל, אַ נייע נשמה, און כמעט אַ נייער ניגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גלגול פון אַ ניגון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר פאַרשטייט מיך ווייניק... רעדט מיט אַ בלינדן וועגן ליכט.

ווייסט איר וואָס? מעשיות האָט איר דאָך ליב, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה וועגן אַ גלגול פון אַ ניגון... הערט!

---

דריי־פיר מייל אונטער בערדיטשעוו, באַלד נאָכן וואַלד, איז פאַראַנען אַ שטעטל מאַכנאָווקע; און אין דעם מאַכנאָווקע איז געווען אַ נישקשהדיקע קאַפּעלע כלי־זמר. נאָר דער ראש־וראשון זייערער, ר׳ חיימל האָט ער געהייסן, דער איז געווען אַ בריה פון אַ מוזיקאַנט,—פּדהצור בערדיטשעווערס אַ תלמיד. דער ר׳ חיימל איז נישט געווען קיין מחדש פון ניגונים, דאָס הייסט: ער איז נישט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר; נאָר אויספירן אַ זאַך, מטעים זיין, פאַרטייטשן, ממש אַריינלייגן אין האַרץ — דאָס האָט ער גע־קאָנט; אין דעם האָט שוין זיין גבורה געשטעקט!

אַ ייד איז ער געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער, האָט ער אָבער אָנגעהויבן שפּילן, איז ער פּלוצים געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש: די אייביק אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האָבן זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן, און פון די שטילע, טיפע אויגן איז געפאַלן אַן אמתע שיין פון רחמנות איבערן בלאַסן פנים. מען האָט געזען בחוש, אַז צינד איז

ער נישט קיין היגער, זיינע הענט שפּילן אַליין, פון זיך, און די נשמה פליט ערגעץ אַרום, הויך, הויך אין עולם הזמרה... טייל מאָל פלעגט ער זיך פאַרגעסן און אָנהויבן זינגען אויך, און אַ קול האָט ער געהאַט — אַ קלאַרנעט, אַזוי קלאָר און אַזוי ריין...

וואָלט דער חיימל נישט געווען קיין פרומער, פּשוטער ייִד, כמעט אַ תּם, וואָלט ער זיך נישט געקוועלט מיט אַכט קינדערלאַך אין מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוין ערגעץ געשפּילט אָדער געזונגען אין אַ טעאַטער, און אפשר קאָר־חזן געוואָרן אין אַ בערלין צי פּאַריז... נאָר אַ זוינע לייט גיט שוין אַרויס פון זיך בערדיטשעוו. חיימל תּם זיצט זיך אינדערהיים און באָרגט חדשים־לאַנג אין אַלע שפּייז־געוועלבלאַך על חשבון פון אַ באַלעבאַטישער חתונה, וואָס מוז דאָך אַמאָל זיין!

און דעמאָלט האָט זיך פּונקט געמאַכט אַ גבירהשע חתונה! און ביים פּער פון מאַכנאָווקע, ביי בערל קאַצנערס אַלמנה.

בערל קאַצנער אַליין, — ווערגן זאָל ער מיך קומען, — איז געווען אַ גרויסער וואָכערניק, אַ קמצן — נאָך אַ גרעסערער. אין מויל אַריין האָט ער זיך נישט פאַרגונען... ער פלעגט אַרומגיין און קלויבן קרישקעלאַך נאָך די קינדערס עסן... אָן אייזערן האַרץ האָט ער געהאַט, דער מענטש!

פאַרן טויט, כמעט אינמיטן דער גסיסה רופט ער צו דעם עלטסטן זון, הייסט זיך דערלאַנגען די ביכער, און ווייזט אָן מיט אַ ברוינעבלאָעם־פינגער, וואו עס איז נישט באַצאָלט קיין ראַטע! און „פּראָלאָנגירן, זאָגט ער, חס ושלום! הערסט! בגזרת כבוד־אב!"

דערנאָך האָט ער צוגערופן דאָס ווייב און געהייסן באַהאַלטן דאָס קופער, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט: „מאַך איך צו אַן אויג, — זאָגט ער — איז אַלץ הפקר!" און מיט דעם איז אים די נשמה אַרויס!

איבערגעלאָזט האָט ער טאַקע אַ האַלבן מיליאָן!

ווי געזאָגט, חתונה דער טאָכטער מאַכט די אלמנה, און זי איילט צו, וויל זי, וויל זיך אַליין אויך לאָזן ריידן אַ שידוך; אַ שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרץ! אויפגעריכט איז זי געוואָרן!...

און אַז חיימל כּלי־זמר דאַרף אויך חתונה מאַכן אַ טאָכטער, וואַרט ער מן הסתם אויף דער חתונה, ווי אויף משיחן...

פאַלט אָבער איין דער אלמנה, אַז זי וויל אַראָפּברענגען פדהצורן פון בערדיטשעוו.

באשר בכן? עס ווען זיין קיעווער מחותּנים, קיעווער מבינים, וויל זי צום באַדעקנס אַ נייען אל מלא רחמים; ניט, זאָגט זי, קיין אַלטע אָפּגעשלאָגענע הושענא! עס קאָסט אַזויפיל, זאָל נאָך קאָסטן, און זאָלן די קיעווער זען!

חיימל איז שיר אויסגעגאַנגען.

אין שטאָט איז אויך געוואָרן אַ געררודער; מען האָט אים זייער ליב געהאַט, חיימלען; און עס איז גלאַט אַ רחמנות אויף אַ יידן אַן אביון!... מע לייגט זיך אַריין אויף אַ פּשר; און סוף־כּל־סוף איז געבליבן, אַז שפּילן זאָל טאַקע חיימל מיט דער קאַפּעלע, נאָר פאַר דער חתונה זאָל ער זיך אַראָפּכאַפּן, אויף דער גבירהס הוצאות, קיין בערדיטשעוו און ברענגען פון פדהצורן אַ נייען אל מלא רחמים.

חיימל כאַפּט עטלאַכע רובל, — דערפון לאָזט ער איבער אַ גרעסערע העלפט דער ווייב מיט די קינדער — דינגט אַ פור, און לאָזט זיך קיין בערדיטשעוו.

און דאָ הייבט זיך אָן די מעשה מיטן גלגול.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי זאָגט מען עפּעס, אַן אָרימאַן האָט מזל! פאָרט חיימל פון איין זייט אַריין קיין בערדיטשעוו, און פדהצור פאָרט פון דער אַנדערער זייט אַ ר ו י ס פון בערדיטשעוו! פונקט האָט מען אים פאַרבעטן קיין טאַלנע אויף מלוה־מלכּה! דער טאַלנער, מוזט איר וויסן, האָט שטאַרק געהאַלטן פון פדהצורן. „סודות התּורה", פלעגט ער זאָגן, „שטעקן אין זיינע ניגונים! עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער אַליין ווייסט זיי נישט!"

מילא, חיימל דרייט זיך אַרום ווי אַן אָפּגעסמטער אין די גאַסן.

וואָס זאָל ער טאָן? אַהיים פאָרן אָן אַן „אל מלא רחמים" טאָר ער נישט — די וועלט וועט זיך קערן! נאָכפאָרן קיין טאַלנע

אָדער וואַרטן, ביז פדהצור וועט צוריקקומען, קען ער נישט—ער האָט אויסגערעכנטע הוצאות! די גבירה האָט אים ווייניק־וואָס געגעבן און איבערגעלאָזט דער ווייב האָט ער אַ סך! האָט ער טאַקע ווילד צער!

פלוצים, דערזעט ער אין גאַס אַזאַ מין סצענע:

שטעלט אייך פאָר, אין אַ שיינעם, העלן וואָכנטאָג, גייט זיך איבער דער גאַס אַ ווייבל, אָנגעטאָן בגדי שבת ויום טוב, אָדער ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטן, אויסגעפוצט אין האָניק און אין עסיק... אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם ציפּיק, מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס פון פאַרשיידענע לעבעדיק־שרייענדיקע קאָלירן!

אין דער האַנט האַלט זי אַ גרויסע ווייסע, זילבערנע טאַץ.

דעם ווייבל גייען נאָך כלי־זמר און שפּילן, און דאָס ווייבל ביים טאַנצנדיק. טיילמאָל שטעלט זי זיך אָפּ מיט די כלי־זמר פאַר אַ שטוב, אָדער פאַר אַ קלייט, און מאַכט אַ טענצל אויפן אָרט... די מוזיק רופט אַרויס מענטשן פון אַלע זייטן, טירן און פענסטער זייַען אָנגעפּראָפּט—קאָפּ אויף קאָפּ...

די מוזיק שפּילט, דאָס ווייבל טאַנצט, די קאָלירטע בענדער צעפליען זיך אין דער לופטן, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער עולם שרייט: „מזל טוב" און וואַרפט מטבעות; דאָס ווייבל טאַנצט אונטער און כאַפּט זיי אַריין אין טאַץ, — די מטבעות בליצן און קלינגען צו צום טאַקט...

וואָס איז עס? אַ קלייניקייט: בערדיטשעוו איז אַ יידישע שטאָט און האָט יידישע מנהגים; אַזוי איז מען זיך נוהג צוזאַמענ־צונעמען אויף הכנסת־כלה!...

חיימל האָט געוואוסט פון מנהג. ער האָט געוואוסט, אַז די ווייבער קלערן זיך אויס טענץ, און פדהצור אַליין מאַכט פאַר יעדעס מאָל אַ נייעם ניגון; דאָס איז שוין זיין מצוה געווען! מען קומט צו'ן אים, מען דערציילט אים פון דער כלה, פון איר משפחה, פון שידוך, פון דלות... ער הערט, שווייגנדיק, מיט פאַרמאַכטע אויגן, טייל מאָל פאַרשטעלט ער זיך דעם פנים מיט די הענט,

און אַז מען ענדיקט, עס ווערט שטיל, הייבט אָן פדהצור צו ברו־מען אַ ניגון...

דאָס אַלץ האָט חיימל געוואוסט, וואָס דען שטייט ער מיט אָפענע מויל און אויערן?

ער האָט נאָך אַזאַ „פריילאַכס" נישט געהערט. עס לאַכט און וויינט צוזאַמען; עס פילט זיך אי צער, אי תענוג. הארץ־ווייַ און גליק; אַלץ אויסגעמישט, צוזאַמענגעשמאָלצן... אַן אמתער יתומהס אַ חתונה!

פלוצלונג איז ער אונטערגעשפרונגען: ער האָט וואָס ער דאַרף!

---

צוריקפאָרנדיק פון בערדיטשעוו, האָט דער בעל־עגלה אויפ־געגומען פאַרשוינען. חיימל האָט אים נישט געוועגט. און די פאַר־שוינען, און גראָד מבינים, האָבן דערציילט, אַז אַזוי ווי זיי זיינען אַרייַנגעפאָרן אין וואַלד, האָט חיימל אָנגעהויבן צו זינגען.

געזונגען האָט ער פדהצורס „פריילאַכס"; נאָר דערפון איז שוין געוואָרן גאָר אַן אַנדערע זאַך, דער מזל־טוב פון הכנסת־כלה איז מגולגל געוואָרן אין אמתן „אל מלא רחמים".

און אינמיטן שטילן גערויש פון ביימער איז אַרויסגעשוואו־מען אַ שטילער, זיסער שטילער ניגון...

און דעם ניגון, האָט זיך גדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפּעלע משוררים. דאָס האָבן גערוישט די ביימער אין וואַלד...

שטיל און הארציק האָט זיך דער ניגון געקלאָגט; געבעטן זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זיין לעבן...

דערנאָך הייבט דער ניגון אָן צו זיפצן, צו בעטן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען; מען פילט, אַז עמיץ קלאַפּט זיך אין הארץ אַריין „על חטא",—צי איז עס יום־כפור, צי זאָגט עמיץ ווידוי?

נאָר העכער, און אין איין וועג צעבראָכענער, ווערט דער קול; וואָס אַמאָל אָפּגעריסענער, ווי פון טרערן דערשטיקט, ווי פון יסורים איבערגעהאַקט,—דערנאָך עטלאַכע טיפערע זיפצן, אַ שאַר־

פער אויסגעשריי! איינער... אַ צווייטער און פלוצלונג רייסט זיך עס איינגאַנצן אָפּ, שטיל,—עמיץ איז געשטאָרבן...

דער ניגון וועקט זיך ווייטער אויף, און ער פאַלט שוין אַרײַן אין הייסע, ברענענדיקע געשרייען. און די געשרייען פליען, יאָגן און פלאָנטערן זיך; עס ווערט אַ הימל־געשריי, אַ יאָמער—ווי בײַ אַ לוויה!

און אינמיטן דער לוויה שווימט אַרויס אַ דין, ריין קינדיש קול; איז עס נאַס, ציטעריק און דערשראָקן.—

קדיש זאָגט אַ קינד!

און עס גייט איבער אין אַ שטייגער: הוריות, דמיונות, טויזנטער געדאַנקען, וואָס גייען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרים־האַרציק־זיסע מעלאָדיען... עס טרייסט, עס רעדט איין... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מסירת נפש, מיט אַזאַ פעסטן גלויבן, אַז עס ווערט ווייטער גוט, ווייטער זיס; עס גלוסט זיך ווייטער צו לעבן. עס ווילט זיך לעבן, עס ווילט זיך האָפן!

אויסגעגאַנגען זיינען שיר די מענטשן.

— וואָס איז עס? פרעגן זיי.

— אַן „אל מלא רחמים”, ענטפערט ר׳ חיים. פאַר קאַצנערס יתומה אַן אל מלא רחמים!

— נישט כדאי אַפילו, ענטפערן זיי, אַן עבירה דער ניגון, נאָר די וועלט וועט איר אָפּנעמען, ר׳ חיימל, די קיעווער לייט וועלן אויסגיין....

---

די קיעווער לייט זיינען נישט אויסגעגאַנגען!

בײַ די קאַצנערס איז שוין קיין יידיש באַלעבאַטישע חתונה נישט געווען... און דער אל מלא רחמים האָט פאַרן עולם נישט געפּאַסט.

די קיעווער לייט ווילן בעסער טאַנצן מיט דאַמען. נאָך וואָס „שטייגער”? נאָך וואָס „מאָראַלישע” זאַכן?

און גלאַט, נאָך וועמען אַן אל מלא רחמים? נאָכן אַלטן קמצן?

דער אַלטער קמצן זאָל לעבן, וואָלט די כלה קיין העלפּס

בדן נישט געהאַט, קיין אויסשטייער אַוודאי נישט, עס וואָלט די חתונה גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט! זאָל ער היינט אויפשטיין און זען דאָס ווייס אַטלאַסענע קלייד מיט שפּיצן, דעם שלייער; זאָל ער זען די ווייבער, די טאָרטן, די פישן און פליישן, אונטער וועלכע עס ברעכן זיך די טישן, — וואָלט ער דאָך נאָך אַמאָל געשטאָרבן און — שוין נישט אַזוי לייכט ווי פריער!

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, די גאַנצע באַדעקנס... אַלטע נאַרישע מנהגים!

— געשווינדער! שרייט דער קיעווער עולם.

דער אָרימער חיימל! ער האָט אָפּגעשטעלט די קאַפּעלע, מיט האַרצקלאַפּן, געצויגן דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס... דער פּראָסטער עולם האָט שוין אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן, ביי טייל ריינען שוין טרערן, — און דאָ גיט איינער, אַ קיעווער, אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ? אַ חתונה, צי אַ לוויה?

און אַז חיימל מאַכט זיך נישט הערנדיק און שפּילט ווייטער, הייבט ער אָן, דער קיעווער, צו פייפן...

און פייפן פייפט ער גראָד אויסגענומען וואויל... ער האָט שוין געכאַפּט דעם ניגון און פייפט אים כהויה! און פייפט, וואָס אַמאָל געשווינדער, אויסגעלאַסענער, ווילדער! און אַלץ דעם איי־גענעם ניגון!...

די קאַפּעלע בלייבט שטיל. און עס הערט זיך נאָר אַ מלחמה צווישן דער מאָראַלישער פידל מיטן עזות־מחוצפן פייפן...

און דאָס פייפן איז גובר! עס יאָגט אונטער דעם סמיטשיק! די פידל ווייגט שוין נישט, פריער קרעכצט זי, דערנאָך הייבט זי אויך אָן צו לאַכן!

און פּלוצים האָט חיים איבערגעהאַקט. מיט פאַרביסענע ליפּן און ווילד־ברענענדיקע אויגן, שפּרינגט ער איבער אויף אַן אַנדערע סטרונע, און הייבט אָן נאָך געשווינדער צו שפּילן, איבעריאָגן וויל ער דאָס פייפן!

ניין, עס איז שוין קיין שפּילן נישט געוועזן! די פידל וואַרפט אַרויס פון זיך אָפּגעריסענע געשרייען, געוואַלדיקע קולות...

און זיי הארפן זיך, און דרייען זיך אַרום ווי אין אַווירבל־ווינט, אַלץ אַרום, דאַכט זיך, טאַנצט: די שטוב, די קאַפּעלע, די געסט, די כלה אויף דער שטול, חיימל אַליין מיט דער פידל...

עס איז קיין פריילאַכס, קיין אל מלא רחמים, עס איז קיין שפּילן! אַ טאַנצנדיק־משוגעת איז עס, אַ ווילד־משוגהדיקער חולה־נופל, רחמנא־ליצלן...

און עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז די סטרונע האָט געפּלאַצט.

— בראַוואָ, חיימל, בראַוואָ! — האָבן די קיעווער לייט געשריען...

צי האָבן זיי דערמיט דעם אַלטן קמצן אַ טובה געטאָן? אַז אָסור!

---

אין עטלאַכע יאָר אַרום איז דער ניגון, מן הסתם דורך איינעם פון די קיעווער לייט, אַריין אין טעאַטער!

וואָס איז אַזוינס טעאַטער! אַלטע משכּילים פלעגן גלויבן, אַז טעאַטער איז בעסער פאַר אַ מוסר־ספר, שטאַרקער פאַרן „ראשית חכמה" להבדיל! איר זאָגט אוודאי, אַז טעאַטער איז טרפה ווי חזיר...

ביי אונז זאָגט מען, אַז עס ווענדט זיך אין דעם, וואָס מען שפּילט אין טעאַטער!

געוועזן איז עס שוין אין וואַרשע...

דאָס טעאַטער איז פול, קאָפּ אויף קאָפּ. די מוזיק הייבט אָן שפּילן.

וואָס שפּילט די מוזיק?

אַ געררויש, אַ מהומה שפּילט זי, — — אַ דור הפלגה! חיימלס „אל מלא רחמים", נאָר אויפן אָרט פון וואָלאַך — אַ מהומה: די כלים יאָגן זיך, טרייבן זיך און קנאַקן!

עס רודערט, עס קלאַפּט און עס פייפט... נישט עס דונערט, נישט הייזער פאַלן, גלאַט אַ געפּילדער! צי גליטשן זיך שדים אויפן ים הקרח, צי רייסן זיך טויזנטער חיות רעות פון גיהנם אַרויס? אַ ציטערניש נעמט דורך דאָס טעאַטער!

פלוצים רייסט זיך אַריין דער באַס! מכּלומרשט, אין כּעס איז ער! ער בייזערט זיך. וואָס איז דאָס? נאַר — פאַלש! מען פילט, אַז ער בייזערט זיך נישט ערנסט. און אַ מאָדנע פייפערל שפּרינגט אונטער, עס פליט דורך די קאַפּעלע מיט זיגזאַגן פון אַ בליץ און מיט אַ געלעכטער פון אַן אמתן לץ: כאַ-כאַ-כאַ! און כי-כי-כי! דער קלאַרנעט אײַלט זיך נאָך! און מעשים טוט ער, דער קלאַרנעט! להכעיס טוט ער, מען פילט בחוש דעם להכעיס!

און אַצונד ערשט שווימען אַרויס דריי-פיר פידל... און משונה-זיס שפּילן זיי, די פידל, משונה-זיס ווי די תאווה אַליין, ווי דער יצר-הרע, ווען עס רינט אים האָניק פון מויל! און עס נאַרט זיך אַריין, דאָס שפּילן, אין די הערצער; עס פליסט אַריין ווי אַ בוימל און פאַרשיכּורט ווי אַלטער ווײַן!

אויפגעפלאַמט ווערט דאָס טעאַטער: די מײַלער אָפן, און די אויגן בליצן!

און דאָ הייבט זיך ערשט אויף דער פאָרהאַנג און עס באַווייזן זיך אַן „ער" און אַ „זי" — אַ „בן-מלך" מיט אַ „בת-מלכּה", און זיי זינגען!

זיי זינגען מיט ווערטער, מיט פלאַמענדיקע ווערטער, ווי ברענענדיקע שלאַנגען פליען זיי פון די מײַלער אַרויס! און דאָס גיהנם ברענט זיי אויף די פּנימער; ווי די טייוולאָנים שפּרינגען זיי זיך אַקעגן! און דאָס האַלזן זיך, דאָס קושן זיך, דאָס זינגען און דאָס שפּרינגען — גייט אַלץ שנעלער און שנעלער, און ווערט פייער-פלאַמענדיקער מיט יעדער רגע!

און אינם פייער ברענט שוין דאָס גאַנצע טעאַטער. די גאַנצע גאַלעריע מיט זכרים און נקבות, מיט די דערהיצט פאַרשוויצטע פּנימער און ווילד פלאַמענדיקע אויגן... ווי אַ מבול האָט עס פאַרפלייצט!

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט!

אַ ים פון ברענענדיקער תאווה האָט זיך אויסגעגאָסן — אַ גיהנם ברענט! שדים טאַנצן, מלאכי-חבלה פירן אַ פייערדיק ראָד...

**דאָס איז געוואָרן פון פּדהצורס „הכנסת-כלה" דורך הימלס אל מלא רחמים, מיטן קיעווערס הילף!**

---

נאָר פּאַלן האָט קיין שיעור נישט!

חרוב געוואָרן איז דאָס „יידישע" טעאַטער. די „בני-מלכים" זיינען צוריק שוסטער און שניידער געוואָרן; די בת-מלכהס האָבן זיך צוריקגעשטעלט צום קוימען. און מאַנכע פון די טעאַטער-ניגונים זיינען מגולגל געוואָרן אין שאַרמאַנקעס...

אונזער ניגון איז שוין קוים צו דערקענען!

אַן אויסגעקראַכענער דיוואַן ליגט אויסגעשפּרייט אויף אַ הויף... צוויי מענער אין לייבקאַליר מאַכן קונצן, צוזאַמען מיט אַן אויסגעדאַרט בלאַס מיידעלע, וואָס זיי האָבן ערגעץ געגנבעט...

איינער כאַפּט אַ לייטער אויף אַ צאָן. פייל פון בויגן לויפט דאָס מיידעלע אַרויף ביזן העכסטן שטאַפּל, און שפּרינגט פון דאָרטן אַראָפּ, און בלייבט שטיין אויפן צווייטנס אַקסל! דער ערשטער דערלאַנגט איר דערווייל אין פּלייצע; זי מאַכט עטלאַכע קאָזיאָלקעס אין דער לופט, און בלייבט שטיין, פאַרן עולם אין הויף, מיט אַן אויסגעשפּרייטער האַנט, און בעטלט אַ נדבה!

עס איז אויך אַ טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער פאַר געמיינע לייט! פאַר משרתים און דינסטן!

אונטערן הימל שפּילט מען, קאָסט עס ביליג, קויפט מען קיין בילעטן ניט, וואַרפט מען צווייערס און דרייערס! און זי מאַכט עס אַזוי קונציק, דאָס דאַרע מיידעלע!

דיקע טראָפּן שווייס רינען איר פון רויט געמאָלטן פּנים, אין די איינגעפאַלענע אויגן ברענט אַ צער,—נאָר דאָס זעט נישט דער עולם; זי אָטעמט שווער, דאָס הערט ער נישט! ער זעט נאָר די שיינע קונצן, ער הערט נאָר די שיינע מוזיק פון שאַרמאַנקע!

און די נשמה אין דעם דאַרן גוף פון אָרימען, געגנבעטן קינד, און דער אָרימער ניגון אין דער הייזעריק-בלעכערנער שאַר-מאַנקע, — ביידע קרעכצן, וויינען און צאַפּלען, ביידע בעטן זיך תיקון...

---

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז פּדהצורס „הכנסת כּלה״ זאָל אויפגעריכט ווערן! גייענדיק פון הויז צו הויז, וואַנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט, האָבן די קונצנמאַכער אַזוי לאַנג מיטגע־שלעפּט דאָס אָרימע קינד, ביז עס איז, לא עליכם, קראַנק געוואָרן...

עס איז געווען אין ראַדזיוויל ביי דער גרעניץ. דאָרט האָבן זיי דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט אונטער אַ צוים און זייַנען די גרעניץ אַריבער. יאָג נאָך דעם ווינט אויפן פעלד! האַלב נאַקעט מיט ברוינע־בלאָע צייכן פון שלעג אויפן לייב, איז עס געלעגן אין אַ היץ!

רחמנותדיקע לייט האָבן דאָס קינד אויפגעהויבן און גע־טראָגן אין הקדש אַריין... אויסגעהאַלטן האָט דאָס קינד אַ טיפוס, און אַרויס איז עס פון שפּיטאָל אַ בלינדע אויף ביידע אויגן!

און אַצונד בעטלט דאָס אָרימע קינד. פון הויז צו הויז גייט עס, פון טיר צו טיר און בעטלט...

און כּמעט זי רעדט נישט... זי קען מיט ווערטער נישט בעט־לען... זי שטעלט זיך ערגיץ אָפּ, און וואַרט; דערזעט מען זי נישט, הייבט זי אָן זינגען איר ניגון מען זאָל זי דערהערן... און דער ניגון איז פון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אַצונד דער ניגון?

רחמים בעט ער זיך! רחמנות פאַר אַן אומגליקלאַך קינד...

„שלעכטע מענטשן האָבן מיך אַרויסגעגנבעט פון אַ גוטן טאַטן, פון אַ האַרציקער מאַמען, פון אַ וואַרימער און זאַטער היים!״

„מען האָט מיך אַרויסגעריסן פון אַלעם גוטן; אויסגענוצט און אַרויסגעוואָרפן ווי אַ שאָל פון אַן אויסגעגעסענער נוסו״

„רחמנות פאַר אַן אָרים, אָרים קינד!״

און נאָך בעט זיך דער ניגון:

„עס איז קאַלט און איך גיי נאַקעט; הונגעריק בין איך אויך... און דעם קאָפּ, וואו אַנידערצולייגן, האָב איך אויך נישט... און בלינד בין איך דערצו!״

אַזוי האָט דער ניגון געבעטן. און דאָס איז געווען זיין ערשטע מדרגה אַרויף — מען האָט דורך אים צדקה געגעבן!

---

אין ראַדזיוויל איז געווען אַ ייד אַ למדן... ער איז אפילו קיין מתנגד ניט געווען, קיין חולק אוודאי נישט, נאָר ער האָט פשוט קיין צייט נישט געהאַט צו פאָרן... ער האָט די גמרא נישט פאַרמאַכט!

פאַר ביטול תורה האָט ער מורא געהאַט!

מען זאָל אים אין בית-המדרש נישט מבטל זיין פון למוד, פלעגט ער זיצן און לערנען אינדערהיים; דאָס ווייב זיצט אַ גאַנצן טאָג אין קלייט, די קינדער — אין חדר.

עס פלעגט אים אַמאָל דורכפליען אין קאָפּ אַ רעיון: אפשר פאָרן ערגעץ? דאָס האָט אים דער יצר-טוב, מן הסתם, אונטערגעזאָגט. וואָס טוט דער יצר-הרע? פאַרשטעלט ער זיך אין יצר-טוב און ענטפערט: מהיכא תיתי, אוודאי דאַרף מען אַמאָל פאָרן! נאָר עס איז נאָך צייט: מען דאַרף פריער ענדיקן די מסכתא, יענע מסכתא!... און אַזוי זייגען אַוועק חדשים און יאָרן!

פון הימל האָט מען אָבער, אַ פנים, געוואָלט, ער זאָל קומען צו ר' דודלען!

מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

איינמאָל זיצט ער זיך, דער למדן, און לערנט, און דערהערט אַ געזאַנג פאַר דער טיר; בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין:

אַז מען זיצט און לערנט דאַרף מען נישט הערן, וואָס אין גאַס, וואָס פאַר דער טיר טוט זיך! מען דאַרף בטל ווערן אין דער תורה!

ער הערט דאָך אָבער פאָרט; נעמט ער און פאַרשטאָפּט זיך מיט די פינגער די אויערן. דער ניגון גנבעט זיך אָבער פאָרט אַריין; אונטער די פינגער גנבעט ער זיך. ווערט ער נאָך מער בייז, כאַפּט ער מיט כעס די לאַנגע באָרד אין מויל אַריין און, בייסנדיק די באָרד, לערנט ער ווייטער! מיט כוח לערנט ער!

דער ניגון לאָזט נישט אָפּ. ער הערט אים וואָס אַמאָל שאַרפער. אינמיטן דערפילט ער, אַז עס איז קול באשה — אַ מיידל זינגט! גיט ער שוין אַ געשריי אַרויס אויף אַ קול: חצופה! אַוועק פון מיין הויז! גייט דער ניגון אַוועק... נאָר, אַ מעשה נורא — מען זינגט שוין נישט, און ער הערט ווייטער! דער ניגון זינגט

זיך אים אַליין אין אויער, אין דער נשמה! מיט כּוח קוקט ער אין ספר אַריין, מיט כּוח וויל ער זיך דורכנעמען מיט דער סוגיא, עס גייט נישט! דעם למדנס נשמה ווערט וואָס אַמאָל פולער און פולער מיטן ניגון...

פאַרמאַכט ער די גמרא און שטעלט זיך דאַווענען מנחה.—

ער קען אָבער נישט, נישט לערנען, נישט דאַווענען, גאָרנישט! ווי אַ זילבערן גלעקל קלינגט אין אים דער ניגון! דער מענטש האַלט עס נישט אויס! ער גייט ממש אויס פאַר צער! עס גייט אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער — ער פאַלט שיר נישט אין אַ מרה שחורה אַריין... ער פאַסט תעניתים—עס העלפט נישט! ער קען דעם ניגון נישט פּטור ווערן! ער וועקט אים בייַנאַכט פון שלאָף!

און דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט, זייט ער לעבט, קיין מנחה פאַר אַן עמוד נישט געדאַוונט; כּמעט קיין קול נגינה פון זיך נישט אַרויסגעגעבן! שבת פּלעגט ער די זמירות אָפּזאָגן און אויפן אָרט פון זינגען — לערנען אַ בלאַט גמרא!

פאַרשטייט ער דאָך, אַז עס איז נישט פּשוט!

„מעשה שטן"! טראַכט ער און פאַלט ביי זיך אָפּ גאָר אינגאַנצן.

דאַכט זיך, אַז אַצינד מוז מען שוין פאָרן?

פרעגט אָבער דער יצר־הרע: יאָ, פאָרן, נאָר וואוּאַהין? צדיקים איז דאָ אַ סך, — וועלכער איז דער אמתער צדיק, ביי וועמען קען מען באמת אַ פּעולה האָבן? הייבט אָן דער למדן צו קלערן.

באַקומט ער נאָך אַ ווינק פון אויבן.

מאַכט זיך אַ מעשה און ר' דודל טאַלנער מוז עוקר זיין און פאָרן איבער ראַדזיוויל...

די מעשה פון דער מסירה ווייסט איר אוודאי. און זאָגן זאָג איך איַיך, אַז עס איז אַן עונש געווען! מען האָט נישט גע־דאַרפט אַרויסגנבענען ר' דודלען פון וואַסילקאָוו און פירן קיין טאַלנע; מען האָט נישט געדאַרפט מבייש זיין קיין שטאָט! און חרב ונחרב איז דאָס וואַסילקאָוו, נעבאַך, געוואָרן!

די גאַסטהייזער האָט מען פאַרמאַכט; אַרום און אַרום די קרעטשמעס זיינען בטל געוואָרן! עד ככּר לחם זיינען זיי, לא עליכם, געקומען...

נאַ דיר! מסרט מען און טאַלנע ווערט אויך חרוב!

ר׳ דודל האָט געהאַט אַ גאָלדענע שטול, מיט אַן אויסגעקריצטן פּסוק: דוד מלך ישראל חי וקים! מאַכן מוסרים דערפון אַ פּאָליטיקע און עס שלאָגט זיך אין פּעטערבורג...

מילא, מיר ווייסן, אַז עס איז געווען בבחינת: מאן מלכי רבנן... נאָר גיי פאַרטייטש עס די גענעראַלן אין פּעטערבורג!

הכלל, ר׳ דודל מוז עוקר זיין, האַלט ער, דורכפאָרנדיק, שבת אין ראַדזיוויל, און אונזער ראַדזיווילער למדן גייט למזל צום שלש סעודות!

דער יצר=הרע גיט זיך אָבער נאָך נישט אונטער. ער קומט אַריין און זעט אַ קליין יידעלע, נאַקע אַ פּיצל יידעלע זיצט אויבנאָן ביים טיש, מען זעט נישט מער אַרויס נאָר אַ גרויס, גאָר אַ גרויס שטריימל מיט זילבערנע האָר, וואָס פאַלן אים אויפן פּנים! מען זיצט שווייגנדיק, מען זאָגט קיין תורה נישט... אַנטפּאַלט אים טאַקע, דעם למדן, דאָס האַרץ...

דאָס איז עס און גאָר? טראַכט ער דער למדן.

נאָר ר׳ דודל האָט אים שוין דערזען און גיט אַ זאָג: זעץ דיך, למדן.

און באותו הרגע איז ער שוין צו זיך געקומען. ער האָט שוין געכאַפּט ר׳ דודלס אַ בליק, עס האָט אים שוין אַ ברי געטאָן ביי דער נשמה!

איר האָט אוודאי געהערט פון טאַלנערס אויגן! אין זיינס אַ בליק האָט געשטעקט אי שררות, אי קדושה, אי גבורה; וואָס איר ווילט האָט אין בליק געשטעקט!

און, אַז ר׳ דודל זאָגט: זעץ דיך, מאַכט מען שוין דעם למדן אַן אָרט ביים טיש. זעצט ער זיך און וואַרט.

און אַז ר׳ דודל זאָגט ווייטער:

— מען איז מכבד דעם למדן מיט אַ ניגון! אַנטפּאַלט אים די מוטערס מילך: ער — און אַ ניגון...

נאָר עמיץ דערלאַנגט אים שוין אין פּלייצע: אַז ר׳ דודל הייסט, זינגט מען! מילא, זינגט ער!

און ער הייבט, נעבאַך, אָן מיט אַ ציטער; און ער שטאַמלט קוים אַרויס אַ התחלה פון אַ ניגון. און וואָס וויל ער זינגען, דער למדן? מן־הסתם דער יתומהס ניגון; קיין אַנדערן קען ער נישט! און ער ציטערט, און שטאַמלט, און זינגט. און דער ניגון ווערט שוין ווייטער אַן אַנדערער! ער האָט שוין אַ ריח תורה, אַ יניקה פון קדושת שבת, מיט אַ הרהור תשובה פון אַ ייד אַ למדן... און זינגענדיק, דערפילט ער, דער למדן, דעם ניגון, און הייבט אָן וואָס אַ רגע בעסער און פרייער צו זינגען...

אינמיטן הייבט אָן ר׳ דודל, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, שטילערהייט אונטערצוברומען, דער עולם דערהערט און כאַפּט אונטער. מיטן עולם צוזאַמען צעהיצט זיך דער למדן אויך, ער קריגט אַ ברען! ער איז שוין גאָר אַרויס פון די כלים, — ער זינגט טאַקע!

און דער ניגון הויבט זיך אָן פלוצים צו גיסן ווי אַ „נהר־די־נור“ — אַ פייערפלאַמענדיקער טייך... און די פּאַליעס שלאָגן אַלץ ברייטער און העכער, אַלץ פייערדיקער און פלאַמענדיקער!

און עס ווערט דעם ניגון שוין ענג אין שטוב, און ער רייסט זיך דורך די פענסטער אין גאַס אַריין! און עס גיסט זיך אין גאַס אַריין אַ ים פון קדושה, פון פייערדיקער קדושה; און נבהל ונשתומם רופט דער עולם אין גאַס:

— דער יתומהס ניגון! דער יתומהס ניגון!

---

דער ניגון האָט באַקומען תיקון און דער למדן אויך.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט אים ר׳ דודל אַוועקגענומען אין אַ זייט און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער.

— למדן — האָט ער אים געזאָגט — האָסט מבייש געווען אַ בת־ישראל! דו ביסט אויפן שורש פון איר ניגון קיין מבין נישט געווען! האָסט זי גערופן חצופה! —

— גיט מיר, רבי, אַ תשובה דערויף — בעט זיך דער למדן.

— נישט נייטיק, — מאַכט דער רבי, זכרונו לברכה, אויפן אָרט פון תשובה טו בעסער אַ מצוה!

— וואָס פאַר אַ מצוה, רבי?

— מאַך דעם מיידל חתונה; הכנסת־כלה איז אַ גרויס מצוה!

— — — — — — — — — — — — — — — —

און צונד הערט די צווייטע זייט פון דער מעשה:

אין עטלאַכע יאָר שפּעטער, אַז דאָס מיידל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן אַ סופר, איז מען ערשט געוואָר געוואָרן פון וואַנען זי קומט אַרויס!

עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל איז דעם אַלטן קאַצנערס אַן אייניקל! און די מעשה איז אַזוי געווען:

דער איידים זיינער, דער קיעווער, איז זיך אַמאָל געגאַנגען מיטן ווייב אין טעאַטער אַריין אויף אַ גאַנצן אָוונט. און טאַקע דעם אָוונט האָט מען זיי אַוועקגעגנבעט דאָס איינציקע קינד...

נאָר אָפּגעבן זיי די טאָכטער האָט מען שוין נישט געקאָנט...

די מוטער האָט שוין לאַנג ניט געלעבט און דער פאָטער איז שוין לאַנג געווען אין אַמעריקע...

# אויב נישט נאָך העכער.

א חסידישע דערציילונג.

און דער נעמיראָווער פלעגט סליחות-צייט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פאַרשווינדן!

מען פלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: ניט אין שול, ניט אין ביידע בתי-מדרשים, נישט ביי אַ מנין, און אינדערהיים אוודאי און אוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען; געגנבעט ביים רבין האָט מען נ י ש ט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

וואו קען זיין דער רבי?

וואו זאָל ער זיין? מן הסתם אין הימל! ווייניק געשעפטן האָט אַ רבי פאַר ימים-נוראים צו פאַרזאָרגן? יידעלאַך, קיין עין-הרע, דאַרפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זיין, און די זינד זיינען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פאַרקלאָגט, און מסרט... און—ווער זאָל העלפן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק, לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסר-ספרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט ש״ס ופוסקים. ווייזט דער ליטוואַק אַ בפירושע גמרא — די אויגן שטעכט ער אויס. אפילו משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבן נישט געקאָנט אַרויף אויפן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפחים א ו נ ט ע ר ן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— וואו-דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל, און תּוך כּדי דבור (וואָס אַ ליטוואַק קען!) איז ער זיך מיישב, צו דערגיין די זאַך.

---

נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנבעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַריין, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צייט.

אַן אַנדערער וואָלט אפשר איינגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צייט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסנווייניק אַ גאַנצע מסכתּא! איך געדענק שוין נישט, חולין צי נדרים!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפן אַ צייט. ער הערט אים שוין אפשר אַ גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייס, וויפיל צער פאַר כּל ישראל, וויפיל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצען! אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אייזן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רבי ליגט זיך אויך: דער רבי זאָל לעבן, אויפן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

---

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הויבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן, ווי מען מורמלט אַ יידיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינסטער, דורכן לאָדן שיינט קוים אַריין אַ קליין ביסל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפאַלן אַן אימה. די

הויט איז שוין אים אויפגעלאָפן פאַר שרעק, די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפן ווי די נאָדלען.

אַ קליינִיקייט: מיטן רבין, און סליחות-צייט, פאַרטאָג, אַליין אין שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליגט.—

---

ענדלאַך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פריער טוט ער וואָס אַ ייד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער-אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַוויַזן זיך פויערשע קליידער: לייוונטענע פּלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סיערמיעַנגע, אַ גרויס פוטערן היטל מיט אַ ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלאַך

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיעַנגע, שטאַרט אַרויס אַן עק פון אַ גראָבן שטריק... פון אַ פויערשן שטריק!

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

---

אַ שטילער, ימים-נוראימדיקער פחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפט רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות פון ערגעץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ אַ פענסטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זייטן פון די גאַסן, אין די שאָטן פון די הייזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זיין אייגן האַרץ-קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פון רבינס שווערע טריט; אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רבין אויס דער שטאָט אַרויס.

---

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַריין. ער מאַכט אַ דרייסיק-פערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ ביי'ן אַ ביימל און דער ליטוואַק ווערט נבהל ומשתומם, זעענדיק, ווי דער רבי נעמט אַרויס פון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַריין.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס — אויף דינע שייטלאַך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האַק אינם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַריין.

אין אַ הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ ביי אַן אָרים, האַלב איינגעבראָכן הייזל און קלאַפּט אָן אין פענסטערל.

— ווער איז? פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב אַרויס.

דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ יידענע, פון אַ קראַנקער יידענע.

— יאָ! ענטפערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאָ? פרעגט מען ווייטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט ווייטער, אויף מאַלאָראָסיש לשון: וואַסיל!

— וואָס פאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האָלץ, זאָגט דער פאַרשטעלטער וואַסיל, האָב איך צו פאַרקויפן! זייער ביליג... בחצי חנם האָלץ!

און, ניט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה, נעמט ער זיך אין שטוב אַריין.

---

דער ליטוואַק גנבעט זיך אויף אַריין און, ביים גרויען ליכט פון פריען מאָרגן, זעט ער אַן אָרימע שטוב, צעבראָכן, אָרים כלי-בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע יידענע, פאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפן? מיט וואָס זאָל איך קויפן? וואו האָב איך, אָרימע אַלמנה, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! ענטפערט דער פאַרשטעלטער וואַסיל, איינגאַנצן זעקס גראָשן!

— פונוואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? קרעכצט די אָרימע יידענע.

— נאַריש מענטש — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אַן אָרימע קראַנקע יידענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים אויף נאַרישע זעקס גראָשן פאַרן בינטל האָלץ, קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצן? קרעכצט די אַלמנה, — איך האָב דען כוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר איינהייצן אויך — זאָגט דער רבי.

---

און, אַריינלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי, קרעכצענדיק, געזאָגט פון סליחות דעם ערשטן פזמון...

און, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט פריילאַך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פון די סליחות דעם צווייטן פזמון...

דעם דריטן פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פאַרמאַכט...

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין גע־בליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף, סליחות־צייט, יעדן פרימאָרגן, און פליט אַרויף אין הימל אַריין, פלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

# משנת חסידים.

עס איז ידוע לכל — די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז דער אדמו״ר פון נעמיראָוו האָט געדינט דעם רבונו של עולם מתוך שמחה.

וואויל איז דעם אויג, וואָס האָט זוכה געווען צו זען די פרייד, דאָס פייער, דעם ברען, טאַקע די שמחה אַליין, וואָס האָט פון אים, זכרונו לברכה, אַרויסגעשטראַלט ווי פון אַ זון און האָט באַשיינט און באַגאָסן דעם גאַנצן עולם ווי מיט אַ גאָלדן, פייערדיק ליכט! וואָס פאַר אַ תענוג דאָס איז געווען!

אַ ייד האָט פאַרגעסן דאָס גלות, די צרות, די יסורים די גרעסטע; מען האָט זיך אַליין פאַרגעסן; אַלע נשמות האָבן זיך צו־זאַמענגעגאָסן אין איין פלאַם מיט זיין, זכרונו לברכהס, נשמה! אַי, ווי מען האָט זיך געפרייט! ווי לעבעדיק, ווי ברענענדיק גע־פרייט! עס האָט ווי פון אַ קוואַל געשלאָגן!

פאַראַנען צדיקים, וואָס זיינען זוכה צו שמחת שבת ויום־טוב; דער וואָנוואָליצער, זכרונו לברכה, האָט זיך גערימט, אַז אין זיין נשמה שטעקט אַ פונק פון דער שמחה פון מוצאי־יום־כפור! אַנ־דערע זיינען זוכה צו שמחה נאָר ביין אַ סעודת מצוה, אַ סיום, אַ ברית וכדומה...

אָבער אונזער אדמו״ר, זכרונו לברכה, האָט געהאַט די שמחה פון „ברוך ה' יום יום!״ און ביז דער לעצטער מינוט, ביז צו דער פטירה, זכותו יגן עלינו!

און היינט זיין זינגען, זיין טאַנצן! זיינע זמירות און זיינע ריקודים זיינען אויסגעזאַפט געווען מיט רוח־הקודש.

— איך בין מגלה — האָט ער איינמאָל אויסגערופן, און די אויגן, האָט מען געזען, האָבן אים געשטראַלט טאַקי ממש מזיו השכינה — איך בין מגלה, אַז די גאַנצע וועלט איז נישט מער נאָר אַ זמר און אַ טאַנץ פאַר הקדוש ברוך הוא! אַלע זיינען משוררים און זינגען זיין לויב! יעדער ייד איז אַ משורר, אין יעדער אות פון

דער תורה הקדושה איז אַ קול-נגינה, און יעדע נשמה אין יעדן גוף איז אויך אַ קול-נגינה, וואָרים יעדע נשמה איז אַן אות פון דער תורה הקדושה, אַלע נשמות צוזאַמען זיינען די תורה הקדושה אינגאַנצן און ביידע זיינען איין זמר לפני מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא!

און ווייטער האָט ער געזאָגט, אַז אַזוי ווי עס זיינען פאַראַנען אַלערליי קולות פון נגינה, אַזוי זיינען פאַראַנען אַלערליי כּלים פון נגינה און יעדער מין ניגון איז באַהעפט צו דער כּלי, וואָס קאָן אויסשפּילן דעם ניגון, און יעדער כּלי האָט זיך איר ניגון; וואָרים די כּלי איז דער גוף און דער ניגון איז די נשמה פון דער כּלי...

און יעדער מענטש איז אויך אַ כּלי-נגינה, און דאָס לעבן פון אַ מענש איז אַ ניגון, אַ פריילאַכער צי אַ טרויעריקער ניגון, און אַז מען ענדיקט דעם ניגון, פליט אַרויס די נשמה פון גוף און דער ניגון, די נשמה הייסט עס, באַהעפט זיך צוריק מיט דער גרויסער נגינה פאַרן כּסא הכּבוד...

און ווי, האָט ער געזאָגט, איז דעם מענטש, וואָס לעבט אָן זיין ניגון; דאָס איז שוין אַ לעבן אָן אַ נשמה, עס איז אַ געקריצעריי און אַ געקרעכצעריי — עס איז שוין קיין לעבן נישט...

און יעדער כּלל איז אַ באַזונדער ניגון, און דער צדיק, וואָס שטייט איבערן כּלל, איז דער קאַפּעלמייסטער צום ניגון פון כּלל... און יעדערער פון כּלל קען זיין חלק ניגון, און יעדערער מוז זיך אָנרופן אַזוי ווי מען דאַרף און ווען מען דאַרף, אַנישט מאַכט ער קאַליע דעם ניגון, נאָר דער קאַפּעלמייסטער מוז קענען דעם גאַנצן ניגון און פאַרריכטן, ווען מען דאַרף, און הייסן איבערחזרן, ווען מען דאַרף... און הערט ער אַ פרעמד קול אין ניגון אַריין, מוז ער אים אַרויסטרייבן ווי אַ דיבוק, רחמנא ליצלן, עס זאָל, חס ושלום, נישט איבערפירן דעם ניגון!

און וואויל, האָט ער געזאָגט, איז אייך, וואָס עס איז אייך באַשערט געוואָרן אַ פריילאַכער ניגון...

און אַ סך האָט ער, זכרונו-לברכה, גערעדט פון דעם ענין...

— די למדנים, — האָט ער געזאָגט — וואָס קענען נאָר לערנען פון אויבן אויף, די זיינען ווי פרעמדע, וואָס האָבן הנאה

קוקנדיק פון דרויסן אויפן מלכס פּאַלאַץ און קענען נישט אַריינ-קומען. זיי האָבן אַפילו די העזה נישט אָנצוקלאַפּן אין טויער, טאָמער ווערט מען זיי עפענען... זיי קענען נאָר די ווענט זען, מיט די פענסטער, מיט די קוימענס, מיט די הויכע פּאָנען איבערן דאַך פון מלכס פּאַלאַץ. טיילמאָל זעען זיי דעם רויך, וואָס גייט אַרויס פון די קוימענס, און זייער אויער כאַפּט אַמאָל עטלאַכע קולות פון די עבדים ושפחות, וואָס דרייען זיך אַרום אין די פאָ-דערשטיבער פון מלכס פּאַלאַץ... אָבער די, וואָס פאַרטיפן זיך אין תוך פון דער תורה, וואָס באַהעפטן זיך מיט דער נשמה פון דער תורה, די קומען אינעווייניק אַריין אין פּאַלאַץ, די זעען דעם גאַנצן כבוד פון מלך און הערן ווי מען לויבט און מען זינגט דעם מלכס לויב און באַהעפטן זיך מיטן געזאַנג פאַרן מלך...

— און יענע,—האָט ער בעזאָגט — וואָס גייען אַרום פאַרן פּאַלאַץ, זיינען טיילמאָל נאָך געגליכנט צו בעלי-מלאכות, וואָס מאַכן כלים צו נגינה, און קענען אַ כלי-נגינה פאַרריכטן, אָבער אַליין אויף דער כלי שפּילן קענען זיי נישט; טיילמאָל האָבן זיי פיינע געשיקטע הענט צו מאַכן אַ כלי-נגינה, נאָר זיי האָבן פאַר-שטאָפּטע אויערן, און אַז מען שפּילט אויף דער כלי, וואָס זיי אַליין האָבן געמאַכט, הערן זיי נישט, אָדער זיי האָבן אַ פאַרשטאָפּט האַרץ און פאַרשטייען נישט, און פילן נישט. אַ גרויסער בעל-מלאכה, וואָס נעמט שוין די כלי צום מויל, קען ער זי נאָר פּרובן אָדער עמיצן עפּעס נאָכשפּילן, נאָר קאַלט, אָן אַ נשמה — אָבער שפּילן, פון זיך אַ שטייגער שפּילן,—דאָס קענען זיי נישט, אַפילו גאָר די גרויסע נישט.

— אָבער איך, ברוך-השם, האָט ער געזאָגט, כאָטש איך בין קיין למדן, דאָס הייסט קיין בעל-מלאכה נישט, און קען קיין כלי נישט מאַכן, נישט פאַרריכטן, שפּילן אויף אַלע כלים — קען איך...

— זיי—זאָגט ער—זיינען די כלים און מיר דער ניגון! זיי זיינען די מלבושים און מיר די מענטשן! זיי זיינען גופים און מיר—נשמות! וואויל איז די אויערן, וואָס האָבן אונדז געהערט!

וואויל איז די אויגן, וואָס האָבן זוכה געווען צו זען די שמחה ביים אדמו״ר אין הויף; נאָר דאָס אַלץ איז געווען כטיפה מן הים קעגן דער שמחה אויפן טעכטערלס חתונה!

ווער עס האָט פייגאַלעס חתונה נישט געזען, האָט קיין גוטס נישט געזען!

דעמאָלט האָט ממש די שכינה זיך אַראָפּגעלאָזט און האָט אויף אַלע גערוט, אַ ליכטיקער רוח־הקודש האָט אַלע אַרומגענומען... פון גרויס ביז קליין איז געהויכט און געקרוינט געוואָרן, מען האָט געזען בחוש, אַפילו די קעכינס, די סאַרווערס, אַפילו די בעלי־עגלות, וואָס האָבן געבראַכט די מחותנים... אַפילו די פויערים, האָט ער געזאָגט, הייבט ער אויף צו דער מדרגה פון הסידי אומות העולם!...

דער עלטסטער פון אַלע, ר׳ צץ, האָט מיר געזאָגט, און ר׳ צץ האָט ניט גערעט אַזוי, אַבי צו ריידן, אַז דאָס איז די ערשטע שמחה פון ששת ימי בראשית אָן...

און שטעלט אייך פאָר, וואָס פאַר אַ רעש עס איז געוואָרן אין די עולמות העליונים, אַז דער רבי איז געגאַנגען כלה־טאַנץ!

— אוי—האָב איך מיר געוואונטשן—ווי נעמט מען אַהער אַלע די אַפּיקורסימלאַך, די ליצנימלאַך, די אַלע, וואָס קוועטשן און חכמהן זיך,—זאָלן זיי זען דעם תענוג, די גדולה, די שמחה! עולם הזה ווילן זיי דאָך, זאָלן זיי זען ווי פון עולם הבא איז עולם הזה געוואָרן, ווי די גאַנצע וועלט מיט שמחה איז אַריין צו אונז אין שטוב און האָט געלייכט ווי די זון! די פיס וואָלטן זיי געקושט, זיי וואָלטן ערשט זען, וואָס זייער עולם הזה איז ווערט!

וואָרים גלאַט, דעם רבינס אַ טענצל, אַפילו גאָר אַ וואָכנדיק טענצל, אַדורכלאָזן זיך איבער דער שטוב, איז דאָך אויך געווען אחד משׂשים בגן־עדן; דעמאָלט איז עס אַוודאי אַ דריטל און אפשר גאָר אַ גאַנצע העלפט געווען!

די כלי־זמר האָבן דעמאָלט אַ „פריילאַכס״ געשפּילט, דער עולם, ווי אויף אַ חתונה, איז געווען צעשפּרייט אין אַלע ווינקעלאַך, טייל האָבן געכאַפּט אַ טענצל אין אַזייט, אין צווייען, אין דרייען, צי אַ קליין רעדל געמאַכט; אַנדערע האָבן געזונגען, געטרונקען, אַ שטיקל דור הפלגה, ווי אויף אַ חתונה.

פלוצים האָט זיך דער רבי, זכרונו לברכה, אויפגעהויבן, געגאַנגען אין מיט שטוב אַריין און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

מיט אַ פינגער האָט ער אַ צייכן געגעבן די כּלי־זמר, און זיי האָבן אויפגעהערט צו שפּילן.

דער רבי איז געשטאַנען אינמיטן שטוב, דאָס פּנים האָט געפלאַמט מיט רוח־הקדש, די אויגן האָבן געלויכטן ווי די שטערן, דער אַטלאַסענער קאַפּטאַן האָט געשפּיגלט און געבליצט, דאָס שטריימל האָט געגאָסן מיט הונדערטער זילבערנע פיילן—עס האָט אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ, עס האָט פאַרנומען די אויגן...

שטיל איז געוואָרן, אַלע אויגן האָבן זיך געצויגן צום רבין און באַהעפט אָן זיין געשטאַלט. מען האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטן— מען האָט געהערט דעם אומרו פון זייגער פון דער זיבעטער שטוב, און אין דער זיסער שטילקייט האָט דער רבי אָנגעהויבן זיין שטילן ניגון.

אינמיטן האָט ער אָפּגעהאַקט דעם ניגון און האָט אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן באַזונדערע, אָפּגעריסענע קולות—און דער עולם האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס די אָפּגעריסענע קולות זיינען! דאָס זיי־נען געוועזן בשורות טובות, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אין דער וועלט אַריין, מבשר און מודיע זיין, אַז פייגאַלע תּחיהס חופּה וועט זיין למזל־טוב, ובשעה מוצלחת... און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זע בחוש, ווי ווייסע טויבן ווי שניי פליען פון רבינס מויל אַרויס, און אין אַ צייט אַרום האָט ער, זכרונו לברכה, אויך גע־מוזט מודה זיין, אַז די קולות זיינען געוועזן שמשים, שלוחים גע־שיקטע צו דער גאַנצער וועלט—צו אַלע חיות, צו אַלע ביימער און גראָזן, צו מדבריות, וועלדער, ימים און טייכן, צו הימל און ערד, צום גיהנם, צום גן־עדן, צו די אבות, צו דער פּמליא של מעלה און האָט אַלע פאַרבעטן אויף דער חתונה...

און אַז דער עולם האָט דערפילט, אַז די היץ אין שטוב האָט זיך פלוצלונג געשטאַרקט כּפל־כּפלים, און אַז ער, זכרונו לברכה, האָט געזען, אַז מען איז געקומען, האָט ער צוריקגעצויגן צום זיסן ניגון, און האָט אים אָנגעהויבן זינגען מיט ווערטער־

אמרים קדושים! און דערביי האָט ער אָנגעהויבן טאַנצן, און אַלע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און באַהעפט אין די הייליקע פיס...

וואויל איז טאַקע דעם אויג, וואָס האָט עס געזען!

עס איז אַ ידוע לכל, אַז תיכף נאָך הסתלקות פון דעם האדמו״ר און עס האָט געטראָפן, וואָס עס האָט זיך נישט געזאָלט טרעפן, מיטן איידים, טאַקע מיט פייגעלעס, עליה השלומס, מאַן און איך בין געבליבן כצאן בלי רועה, בין איך אויסגעפאָרן גאַנץ תפוצות ישראל און געזוכט... און וואָס איך האָב געוואָלט, צו וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט, האָב איך אין ערגעץ נישט געפונען! איך האָב מיך אָנגעזען אַ סך זאַכן, הויכע זאַכן, מוראדיקע זאַכן — האָר און נעגל האָבן זיך קאַפּויער געשטעלט, נאָר קיין שמחה האָב איך אין ערגעץ נישט געזען!

עצבות, מרה-שחורה, צעבראָכענע הערצער... און טרעפט מען יאָ אַ ביסל שמחה, איז עס גלאַט, „משנכנס אדר״-שמחה, סעודת-מצוה-שמחה—כל זמן דאָס פלעשל שטייט! צו שלמות פון אַ ניגון איז נאָכן אדמו״ר קיינער נישט געקומען... אַזוי, דער עולם בורטשעט... ווער שמועסט טאַנצן!...

עס זינגט זיך נישט—הילצערנע קולות; עס טאַנצט זיך נישט—די פיס ווילן זיך נישט פון דער ערד אָפּרייסן; אומגעלומפּערטע הענט, אַ פוילער גוף—קאַלט, געפרוירן... און אַז מען זינגט שוין און מען טאַנצט,—עס איז דאָך אַמאָל אין אַ יאָר שמחת-תורה — רייסט זיך עס: די ווערטער גייען אין איין זייט, דער ניגון אין אַן אַנדער זייט און די פיס טוען זיך זייערס באַזונדער; זיי האָבן צווישן זיך קיין שייכות נישט—דריי פרעמדע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און יעדער באַזונדער גייט זיך אויף און אָפּ אין שטוב...

מיטן אדמו״ר צוזאַמען איז נסתלק געוואָרן די שמחה, די נשמה פון טאַנצן, פון ניגון, פון זמר, נאָר ער איינער האָט געוואוסט, וועלכע תנועות הגוף עס געהערן צו דעם און וועלכע צו יענעם ניגון, וועלכע קולות מען דאַרף צו די און וועלכע צו יענע ווערטער —

נאָר—נחזור לענינגו...

אדמו״ר שטייט אין דער מיט און זינגט און טאַנצט, און מיר שטייען אַרום עיגול בתוך עיגול, און זעען די קולות, און הערן די טענץ — און אַלע אַרום האָבן אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן, אַפילו די כּלי־זמרים האָבן אַוועקגעוואָרפן די כּלים — עס האָט זיי מיטגעריסן — און זינגען און טאַנצן, און איך האָב אַפילו די זכיה געהאַט צו טאַנצן מיט אַדמו״ר פּנים אל פּנים. אינמיטן דערזע איך, אַז דער חתן, איינער אַליין דער חתן שווייגט, זינגט נישט און טאַנצט נישט.

— רבי, האָב איך אויסגעשריען נישט מיט מיין קול, אַפילו די כּלי־זמר זינגען און טאַנצן און ער נישט.

און דער רבי האָט צוגעטאַנצט צו מיר און געזאָגט: שרעק זיך נישט, האָב בטחון אין פייגעלע תחיהס מזל...

און שפּעטער פאַר דער סעודה האָט ער מיר איינגערוימט:

— וועסט הערן, ווי ער וועט תורה זאָגן לויט מיין טאַנצן. וכך הוה...

די תורה אַליין, וואָס דער חתן האָט געדרשנט, געדענק איך נישט; איר ווייסט דאָך, קיין מופלג אין נגלה בין איך נישט, און נישט אַלץ האָב איך משיג געווען, בפרט, אַז ער האָט גערעדט טיף־ליטוויש און אַזוי געשווינד, אַז עס האָבן זיך פייעריקע רעדער געדרייט פאַר די אויגן...

נאָר די סוגיא איז געווען עמוק עמוק — אַ טיפער ענין...

דער עולם אַרום, קיין עין הרע עטלאַכע מבינים מופלגי תורה, האָבן געגאַפט מיט אָפענע מיילער.

דער קאַוואַלער דין, זכרונו לברכה, דער אייזערנער מוח, וואָס פלעגט קיינעם נישט אויסהערן, און שפּרינגען מיט די פינגער אין די אויגן אַריין און שרייען „עם הארץ!" איז געזעסן שטיל און מיט אַ זיס שמייכעלע אויפן דראָבנעם פּנים האָט ער געהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ...

און דער גאַנצער עולם האָט געהערט, נאָר איך איינער האָב געוואוסט דעם סוד, אַז ער זאָגט, וואָס דער רבי האָט גע־טאַנצט. זיי אַלע האָבן געהערט דאָס חיצוניות, איך איינער האָב געוואוסט דעם תמצית פון דער זאַך... און אַז איך האָב פאַר־

מאַכט די אויגן, האָב איך געזען דעם רבין טאַנצן!

און עס איז געווען פונקט אַזוי, ווי ביים רבינס טאַנצן...

שטיל איז געווען, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דעם אומרו פון רבינס זייגער אין דער זיבעטער שטוב... און אין דער מיט איז געווען דער חתן, און אַרום איז געשטאַנען דער עולם עיגול בתוך עיגול מיט פלאַמענדיקע פנימער, ברענענדיקע אויגן און פאַרהאַלטענעם אָטעם.

כבוד התורה האָט אויפן חתן גערוט, און פון כבוד התורה האָט ווי פון אַ זון אַרויסגעשטראַלט די ליכט און אָנגעצונדן די נשמות — אַרום זיינען פלאַמענדיקע נשמות געשטאַנען!

און זיינע ליפן האָבן געטאַנצט ווי דעם רבינס פיס, און אַלע אויגן האָבן געהאָנגען אויף זיינע ליפן ווי אויפן רבינס פיס, און דער עולם אַרום איז פול געווען מיט תענוג, מיט מסירת־נפש.

דעמאָלט איז ער אויך אַן אדמו״ר געווען...

די נשמה פון כלל...

זיי האָבן זיך צו אים צוגעצויגן ווי אייזנשטויב צו אַ מאַג־נעט... ווי מיט אַ כישוף האָט ער זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך, ווייט, ווייט, אין גאַס אַרויס; פון שטאָט אַרויס, איבער טאָל און איבער בערג, איבער ימים און מדבריות...

און די אויגן האָבן געלויכטן, ווי די אויגן ביים אדמו״ר און די הענט האָבן געאַרבעט ווי זיינע כשרע פיס...

איך זיץ ווי פאַרחלומט, פלוצלונג רירט מיר עמיץ די פּלייצעס.

איך קוק מיך אום — — דער אדמו״ר:

— זעסט! אַזוי האָב איך געטאַנצט; נאָר איין ניגון איז נישט אַריין, פאַר דער טיר שטיין געבליבן: דעם ווילנער גאונס תלמיד... ע!

דער „ע״ן איז מיר אַריין אין האַרץ ווי אַ מעסער.

פלוצלונג זאָגט ער:

— גיי, חיים, געבן די ערלים פון די פורן בראָנפן.

און וואָס דאָס האָט באַטייט, האָב איך שוין נישט אָנגע־הויבן וויסן.—

# אַ שמועס.

עס איז אַ וואַרימער, אמת-יום-טובדיקער טאָג און ר' שכנא— אַ הויכער, דאַרער ייד, אַ שריד ופליט פון די אַלטע קאָצקער — און ר' זרח, אויך אַ דאַרער, נאָר אַ קליין-געוואַקסענער ייד, אַ נשאר פון די אַלטע בעלזער — לאָזן זיך אונטער דער שטאָט, אַרויס שפּאַצירן. יונגערהייט, זיינען זיי זיך שונאים געווען שונאים אויף טויט און לעבן. ר' שכנא האָט געפירט די קאָצקער קעגן די בעלזער און ר' זרח — די בעלזער קעגן די קאָצקער! היינט, אויף דער עלטער, אַז די קאָצקער זיינען געוואָרן „נישט דאָס וואָס אַמאָל", און די בעלזער האָבן פאַרלאָרן דעם ברען, האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעטיילט פון די חברות, זיינען זיי ביידע אַרויס פון די שטיבלאַך, וואו שוואַכערע חסידים, נאָר יינגערע און שטאַרקערע לייט האָבן איבערגענומען די הנהגה.

אין בית-המדרש, ווינטער ביים אויוון, האָבן זיי שלום געמאַכט; און צונד, חול-המועד פּסח, ביים ערשטן שיינעם טאָג, גייען זיי ביידע שפּאַצירן.

די זון שיינט אויף אַ וויט בלאָען הימל. פון דער ערד רייסן זיך אַרויס די גרעזעלאַך; מען זעט ממש בחוש, ווי אַ מלאך שטייט ביי יעדעם גרעזל און שלאָגט: וואַקס! וואַקס! מחנות פייגעלאַך צעפליען זיך, זוכנדיק פאַראיאָריקע נעסטן — — און ר' שכנא מאַכט צו ר' זרחן:

— קאָצקער, פאַרשטייסט, — אמתע קאָצקער, מיין איך, פון די היינטיקע איז נישט כדאי צו ריידן, — נאָר אמתע, אַלטע קאָצקער האַלטן גאָרנישט אַזוי שטאַרק פון דער הגדה...

— נאָר פון די קניידלאַך? שמייכלט ר' זרח.

— אויס קניידלאַך, — ענטפערט ר' שכנא ערנסט, לאַך נישט! דו ווייסט דעם סוד פון „לא תסגיר עבד אל אדוניו"?

פאַר מיר — זאָגט דער בעלזער מיט אַ שטאָלצער עניוות, — איז געגוג צו וויסן די כוונות פון דאַווגען.

ר' שכנא מאַכט זיך נישט הערנדיק און זאָגט ווייטער:

— מילא דער פשט איז דאָך פשוט: אַז עס אַנטלויפט אַ קנעכט אַ משרת, אַ פויער, — טאָר מען אים על־פי דין תורה נישט כאַפּן, נישט בינדן און נישט איבערגעבן צוריק צום פּריץ, צום באַלעבאָס; מן הסתם, אַז אַ מענטש אַנטלויפט, קאָן ער שוין נישט אויסהאַלטן... איז שוין ספנת נפשות! נאָר דער סוד איז אויך גאָר פשוט: דער גוף איז בבחינת עבד, — — ער איז אַ קנעכט צו דער נשמה! דער גוף איז אַ בעל־תאווה, ער זעט אַ שטיק חזיר, אַן אשת־איש, אַן עבודה־זרה, ווייס איך וואָס — שפּרינגט ער פון דער הויט אַרויס; זאָגט אָבער די נשמה: לא תעשה! מוז ער שווייגן. און פאַרקערט — די נשמה וויל אַ מצוה טאָן — מוז דער גוף טאָן, מעג ער זיין מיד, געהרגעט... מוזן די הענט אַרבעטן, די פיס לויפן, דאָס מויל ריידן... פאַרוואָס? דער פּריץ, די נשמה הייסט! און פונדעסטוועגן: לא תסגיר! איינגאַנצן איבערגעבן דעם גוף צו דער נשמה טאָר מען אויך נישט. די פייערדיקע נשמה וואָלט אים פאַרברענט, אַש פון אים געמאַכט. און, ווען דער רבונו־של־עולם זאָל וועלן נשמות אָן גופים, וואָלט ער קיין וועלט נישט באַשאַפן! און דעריבער האָט דער גוף אויך זיינע זכיותן... „כל היושב בתענית נקרא חוטא" (דער וואָס פאַסט אַ סך הייסט אַ זינדיקער) — דער גוף דאַרף עסן! ווער עס וויל פאָרן, מוז שפּייזן דאָס פערד! קומט ווייטער אַ יום־טוב, אַ יומא דפגרא— פריי דיך אויך! נעם אַ קאַפּ בראַנפן, פריי דיך, גוף, אויך! און די נשמה האָט הנאה, און דער גוף האָט הנאה: די נשמה — פון דער ברכה, דער גוף — פון קאַפּ! פסח, זמן חרותנו — קום אַהער, גוף, כאַפּ אַ קניידל! און ער ווערט דאַדורך געהויבן, נתעלה! ער קומט צו שמחת מצוה! — אויס קניידלאַך, ברודער, לאַך נישט!

ר' זרח איז מודה, אַז דער ענין איז טיף און לאָזט זיך הערן; ער אָבער עסט נישט קיין שרויה!

— האָסטו הנאה פון מצות...

— ווער האָט מצות צו דער זעט? — שמייכלט ר' זרח, — און גלאָט — וואו נעמט מען צייַן צו די מצות?

— ווי אַזוי דען ביסטו מקיים „ושמחת בחגך" בנוגע צום גוף?

— איך ווייס? אויב ראָזינקע-ווײַן שמעקט אים — מילא! איך אַליין האָב ווילד הנאה פון דער הגדה. איך זיץ און זאָג, און צייל די מכות, און צייל, און טאָפּל זיי, און מאַך נאָכאַמאָל אַ כפל...

— מגושם!

— מגושם? פאַר אַזויפיל צרות און עינויים קשים... פאַר אַזוי לאַנג גלות השכינה? — איך מיין, מען דאַרף מאַכן אַ מנהג, מען זאָל זאָגן זיבן מאָל די מכות, זיבן מאָל שפוך חמתך! דער עיקר — די מכות; מחיה בין איך מיך מיט זיי! איך וואָלט נאָך געוואָלט עפענען די טיר ביי די מכות.. זאָלן זיי הערן! וואָס האָב איך מורא? — זיי פאַרשטייען דען לשון-הקודש?

ר' שכנא שווייגט אַ ווײַלע, דערנאָך דערציילט ער כהאי לישנא:

— הערסט, ביי אונז האָט זיך געטראָפן אַזאַ מעשה! איך זאָל נישט זאָגן קיין גוזמא, אפשר אין צענטן הויז פון רבין, זכרונו לברכה, האָט געוואוינט אַ קצב. איך זאָל נישט זינדיקן מיט דו רייד, — ער איז שוין אויפן עולם האמת, — אַ מגושמער קצב, אַ קצב שבקצבים! אַ קאַרק ווי אַ שטיר-אָקס, ברעמען ווי די באַרשטן און הענט ווי די קלעצער! הײַנט — אַ קול! אַז ער רעדט, דאַכט ..ין, עס דונערט פונווייטן, חייל שיסט! ער איז, דאַכט זיך, אַ בעלזער חסיד געווען.

— נו, נו... ברומט ר' זרח.

— כלעבן! ענטפערט ר' שכנא קאַלטבלוטיק, ער פלעגט דאַוונען מיט משונה-ווילדע הויות, מיט אַלערליי איבער-קולות און אונטער-קולות. ביי זיין „תזכרו", האָט זיך געדאַכט, אַז מען שפריצט מיט וואַסער אויף פייער!

— מוחל, מוחל!

— הײנט, זײ דיך משער! וואָס פאַר אַ מהומה עס ווערט, אַז אַזאַ בחור זעצט זיך צו דער הגדה!... מען הערט יעדעס וואָרט בײם רבין אין שטוב! מילא — אַ קצב זעצט ער ווי אַ קצב; לאַכט מען אַרום טיש. דער רבי, זכרונו לברכה, — קוים, קוים וואָס ער רירט מיט די ליפּן; מען זעט דאָך בחוש, אַז ער שמײכלט... שפּעטער אָבער, אַז דער „חתן־דנן" האָט אָנגעהויבן צײלן די מכות, אַז זײ האָבן אים אָנגעהויבן אַרויספליען פון מויל ווי די קוילן, און ער זעצט נאָך דערבײ אין טיש אַרײַן ווי מיט אַ האַמער, אַז מען הערט, ווי די כוסות קלינגען, — איז דער רבי, זכרונו לברכה, אַרײַנגעפאַלן אין אַן אומעט, אין עצבות...

— אין עצבות — יום־טוב — פּסח? וואָס רעדסטו?

— מען האָט טאַקע געפרעגט!

— און וואָס האָט ער געענטפערט?

— דער רבונו של עולם אַלײן, — האָט ער געזאָגט — איז בײ יציאת מצרים אַרײַנגעפאַלן אין עצבות! —

— וואו האָט ער עס גענומען?

— אַ מדרש! אַז די בני ישראל זײנען אַריבער איבערן ים, און דאָס וואַסער האָט פאַרדעקט און פאַרטרונקען פרעה וכל חילו, האָבן די מלאכים אָנגעהויבן זאָגן שירה. שרפים ואופנים זײנען זיך צעפלויגן אין אַלע זיבן הימל מיט אַ זמר, מיט אַ בשורה טובה! אַלע כוכבים ומזלות האָבן אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן! און די גלגלים, — קאָנסט דיר פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ שמחה עס איז געווען, די טומאה איז אײַנגעזונקען געוואָרן! נאָר דער רבונו של עולם האָט אַלע אָפּגעשטעלט, פון כסא הכבוד האָט זיך געהערט אַ קול: מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה? — מײנע קינדער טרינקען אין ים, און איר פרײט אײַך און זינגט! וואָרים פרעה וכל חילו — דעם כוח הטומאה אַלײן, האָט אויך גאָט באַשאַפן... ורחמיו על כל מעשיו, כתיב!

— מילא! זיפצט ר' זרח.

ער שווײַגט אַ װײַלע און דערנאָך פרעגט ער:

— אויב עס איז ווײַטער אַ מדרש, וואָס האָט ער אויפגעטאָן?

ר' שכנא שטעלט זיך אָפּ און זאָגט ערנסט:

— ערשטנס, בעלזער נאַר, איז קײנער נישט מחויב מחדש צו זײן: אין מוקדם ומאוחר בתורה... דאָס אַלטע איז נײ, דאָס נײע איז אַלט... צװײטנס, האָט ער אונז מגלה געװעזן דעם סוד, פאַרװאָס מען לײענט די הגדה, אפילו די מכות פון דער הגדה, מיט אַ טרויעריקן סיני-ניגון, װאָס איז טאַקע דורכגענעצט מיט עצבות. און — דריטנס, האָט ער דערמיט פאַרטײטשט אַ פסוק. אל תשמח ישראל אל גיל כעמים. מגושם, גראָב פרײ זיך נישט: דו ביסט, נישט קײן פויער!...... נקמה איז נישט קײן יידישע זאַך!

# שהשמחה במעונו.

זיי שרייען אלץ אין איינעם: עולם הזה!
עולם-הזה ווילן זיי, לוסטיק ווילן זיי זיין, פריילאך... שמחה ווילן זיי האָבן, אַ טעם פון לעבן פילן...

און איך זאָג אייך: שהשמחה במעונו...
די קוואַל פון שמחה איז ער... פון אים שטראַלט זי אַרויס!

שמחה שטעקט אין דער תורה, אין מצוות און מעשים טובים, אין נשמות פון צדיקים, — אין אַלעם דעם, וואָס האָט אַ יניקה פון דאָרט! פון גלאַנץ פון כסא-הכבוד!

אויפן גאַנצן עולם-הזה—זאָג איך אייך — ליגט אַ טרויער, אַ מרה-שחורה; אַלץ איז איינגעטונקט און איינגעהילט אין עצבות, אין אומעט...

וואָרן וואָס? ולשמחה מה זו עושה? מיט וואָס האָט מען זיך צו פרייען?

און דעריבער דאַרף יעדע זאַך תיקון... יעדע זאַך מוז אויס-געלייזט ווערן פון דער מרה-שחורה, פון דער פאַרגליווערטקייט, אין וועלכע אַלץ פאַרפאַלט, אָן דעם שטראַל פון זיין גנאָד!

---

אַ „והא ראיה:"
מיר טרינקען און זיי טרינקען...
וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק-בראָנפן אין שענק... און— וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק-בראָנפן אין שטיבל ביי אַ סיום, ביי אַ יאָרצייט, אָדער גלאַט ביי אַ פשוטן שלש-סעודות!

ביי זיי לאָזט זיך דער בראָנפן נישט טרינקען, און עס גלוסט זיך אים גאָרנישט צו טרינקען; נאָר דער יצר-הרע הייסט! ער רעדט אָן און זיי פאָלגן... דעריבער נעמט מען אַ קאָפּ און מען

פאַרקרימט זיך — די נשמה אין מענטש שרומפּט זיך איין, ציט זיך צוזאַמען פאַר ווייטאָג, דעריבער פאַלט איין די הויט און קנייטשט זיך ווי אַ פאַרמעט...

מאַכט מען אָבער איבער דער משקה אַ ברכה, טרינקט מען זי לשם מצוה, איז מען זי מתקן... לאָזט זיך די משקה טרינקען און די נשמה האָט נחת פון טרינקען און וויל טרינקען!...

---

זיי רימען זיך, אַז זיי עסן מיט דרך־ארץ!

נו, האָב נישט קיין דרך־ארץ, אַז מען איז פאַרגליוועט, פאַרשטאַרט און פאַרהושכט ווי אַן אַלטער, איינגעפאַלענער קוי־מען, וואָס האָט שוין לאַנג קיין פונק פייער נישט געזען...

זיצן זיי טאַקע שטייף און קאַלט ווי אייז: איינער קען דעם צווייטן נישט ליידן, אַ טאַטע מיט אַ זון קענען פון איין שיסל נישט עסן! אַפילו זאַלץ־מעסטעלאַך שטעלט מען יעדן באַזונדער... פונ־וואַנען־זשע זאָל זיין שמחה?

שמחה שטעקט אין דער נשמה, און וואָס האָט די נשמה דערפון, אַז דער גוף פרעסט!

און דאָס איז טאַקע דער סוד פון תּרומות ומעשרות, פון חלה נעמען, פון פאַרצייטישע אָרימע סעודות, פון אַן אורח בעטן צום טיש... פון ברכות מאַכן, פון זמירות זינגען...

זיי ווילן פריילאַך זיין! גאָרנישט אָפּגעטיילט פאַר אַ מצוה־זאַך, אַן אַ ברכה, אָן זמירות, און נעמט מען פאַר בושה אהיים אַן אורח, זעצט מען אים אַוועק ביי די דינסטן אין קיך...

אין קיך איז אפשר פריילאַך — נאָר אין די שטיבער, זאָג איך אייך, אין די שטיבער איז טויט, טויט, ווי אַלע טויטע!

---

איך הער ווי איר לייענט אייערע שירים...

פון דער לבנה האָט איר שטאַרק נחת... איך הער דאָך: די שיינע, זיסע, בלאַסע לבנה, זאָגט איר... און פון כּוכבים ומזלות רעדט איר מיט ליבע, און אויך פון דער טבע, פעלדער, וועלדער, טייכן...

איך זאָג אייך: פרישע לופט איז, אמת, בפרט, אַז מען ליידט אויף דער ברוסט — אַ רפואה־שלמה! נאָר שמחה אין דער טבע האָב איך געפילט (איך בין דאָך אויך אַמאָל יונג געווען) פאַר הושענא־רבה... פאַרטאָג — אַ גראָער הימל — שטיל, — צווישן סטראָסטינעס רינט דער טייך... — פּיק־פּיק! רופט זיך פון ערגעץ אָן אַ נפשל, — טס־טס! — אַן אַנדערש... און איך גיי מיר, ביים ברעג, און שנייד מיר הושענאס...

פון כוכבים ומזלות איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן... נאָר די לבנה, פון וואָס מיינט איר האָט זי איר חן באַקומען?

פון אונזער קדוש־לבנה!...

גלויבט מיר, ווען נישט קדוש־לבנה, ווען נישט דאָס ליכט, וואָס מיר שיקן אַרויף צו דער לבנה — וואָלט זי אויסגעזען נאַריש גאָר נאַריש, אַזוי נאַריש, ווי אַ ציגערנער הקדש־טעלער!

---

נאָך אַ והאָ־ראיה — אַן אמתע מעשה!

אַמאָל איז געווען אַ בן־מלך, איז ער געווען אָנגעזאָפּט מיט מרה־שחורה... די דאָקטוירים האָבן געוואָלט דערקלערן, פונוואַ־נען די מרה־שחורה נעמט זיך: האָבן טייל געזאָגט, אַז ער האָט שלעכטע אויגן, אַז אַלץ, אויף וואָס זיי קוקן, קומט אַרויס געל, גרין און געל... מען האָט אָבער געזוכט אַלערליי ברילן צו די אויגן, און קיין איינציקע האָט נישט געהאָלפן...

אַנדערע האָבן דערקלערט, אַז ער האָט עפּעס געמוזט יונ־גערהייט איינשלינגען, עפּעס אַ טמא חיהלע, און עס האַלט זיך אין דער נשמה, און פאַרמיאוסט איר דאָס לעבן, האָט מען צו דעם אויך קיין רפואה נישט!

ווי עס איז, דער מלך האָט אים געוואָלט ראַטעווען, פריי־לאַך מאַכן, משמח זיין, ער האָט אים געקויפט כלי־כסף וכלי־זהב... פון דער גאַנצער וועלט האָט מען אים צונויפגעפירט אַלערליי בשמים, אַלערליי קריסטאַלן און אַזוי טייערע חפצים — עס האָט נישט געהאָלפן!

מען האָט אים געשטעלט אַ פּאַלאַץ אין אַ גאָרטן, און אין דעם גאָרטן האָט מען געפלאַנצט אַלערליי ביימער, אַלערליי געוויקסן און בלומען; מען האָט אויסגעשיט די וועגן מיט גאָלדיקן זאַמד; מען האָט אויסגעגראָבן אַ טייך און פאַרגאָסן מיט פריש קוואַל־וואַסער, לעבעדיק וואַסער, און אויפן וואַסער האָבן געשוואוּ. מען די ווייסע גענז, מיט די לאַנגע ווייסע העלזער, וואָס וויגן זיך אויפן וואַסער אַזוי רואיק, אַזוי שיין, ווי די נשמות אין גן־עדן — עס האָט אַלץ נישט געהאָלפן...

און אויף אַלעם, — זאָגט דער בן־מלך, — ליגט אַ מרה־שחורה. דער בוים וואַקסט, זאָגט ער, מיט מרה־שחורה, די בלומען בליען מיט מרה־שחורה, דאָס וואַסער, — זאָגט ער — וויינט אין דער שטיל גלייך עס וואָלט אויף עפּעס געטרויערט, און די ווייסע גענז דערמאָנען אים נאָר אין תכריכים.

און די זיסע פּירות, די וויין־עפּל, די גראַנאַטן, די וויינטרויבן, אַלץ — זאָגט ער, — איז ביטער, ביטערלאַך און נודנע...

דאָס ערגסטע איז געווען, אַז דער בן־מלך האָט אין גאָרטן אין וואַסער, אָדער אין פּאַלאַץ אין אַ שפּיגל, זיין אייגן פּנים דערזען...

— איך בין טויט, פלעגט ער שרייען, אויף מיין פּנים ליגט נישט קיין שיין פון לעבן...

און איינמאָל האָט זיך פּלוצלונג אַלץ פאַרענדערט!
דער בן־מלך האָט זיך פּלוצים צעלאַכט!

פּלוצים איז אַלץ אין גאָרטן געוואָרן גרין און לעבעדיק און שיין — אַלץ האָט אָנגעהויבן לעבן און ער אויך.

און וואָס, מיינט איר, איז געשען? אַ קלייניקייט!

אויפן וועג, פאַרביי דעם גאָרטן, איז געגאַנגען אַ צדיק. מיד און פאַרשמאַכט איז ער געגאַנגען: אויף אַ ברית, אויף פּדיון־שבויים, איך ווייס?

נאָר מיד איז ער געווען און געליטן האָט ער הונגער און דאָרשט; אָט, אָט וועט דער צדיק חלשן, ער וועט פאַלן! דאָס וויל מען אָבער אין הימל נישט דערלאָזן.

רייסט זיך אָפּ אַן עפּל פון אַ בוים און פאַלט דעם צדיק צו די פיס...

הייבט ער אויף דעם עפּל, מאַכט אַ ברכה, בייסט אַריין — און שוין! באותו הרגע איז פון אַלעס אַראָפּ די מרה־שחורה, פאַרשוואונדן דער כּישוף, אַלץ איז געוואָרן מלא שמחה!

וואָרן ווי איך זאָג אייך: שהשמחה במעונו!

# „תורה".

(א חסידישער מאָנאָלאָג).

— „תורה" זאָל איך אייך זאָגן? — —

וואָס פאַלט אייך איין, רבותים? ווי קומט צו אייך אונ־זער תורה?

צי אייערע נשמות זיינען נישט געשטאַנען ביים באַרג סיני?—סלקא דעתך—ווער זאָגט: ניין?!

„איין בורא, זאָגט איר, איין תורה און איין פאָלק ישראל".—מאי קא משמע לן? ווער זאָגט אַנדערש?

אָבער זעט, רבותים! אין להרהר אחרי מידותיו—זיצט ער און ער איז מזווג זווגים; זאָגט ער ארבעים יום קודם יצירת הולד: בת פלוני לפלוני! קומט אויס, אַז אונזערס אַ בר־נש — ר' בערל טוואָריציאָוווער — מאַכט חתונה מיט... נו מיט המפורסם ר' ישראל גאָלדענבערג—גאָר אַן אַנדער דרך—אַ ייד אַ באַלעבאָס, פירט שוין אַ שיין נגידיש הויז—גאָר אויף אַן אַנדער אופן!... אַ מתנגד, יונ־גערהייט, הערט זיך אַן אַברך געווען אויף קעסט,—האָט ער אויס־געפּאַטשט אַ יידן פאַר „ויצמח פורקניה" אין אַ מקום קדוש... לעת זקנה—פון פני העיר, פרנס חודש... אין אַ שטאָט! פאָרט ער יאָר ביי יאָר מיט בני ביתו אין באָד אַריין... טאַקע ערשט געקומען מחוץ־לארץ, שיינט, קיין עין הרע, ווי די זון... נו... און עס איז געווען אין אַ שעה מוצלחת, דער זווג האָט עולה יפה, נושא פירות געווען, און אַ פרי עץ הדר, ווי די באָבע זאָגט... היוצא מזה? ס'וועט זיין צום מזל אַ ברית און מיר זיינען צוזאַמען ביי אַ סעודת מצוה, ביי אַ שלום זכר—מען עסט אַרבעס און פלוימען מיט ראָ־זינקעס!

אמת? נאָר זעט — איין כנופיא, די אייגענע מאכלים... און פונדעסטוועגן—נישט אַלע עסן גלייך!

„כּאכילתכם כּך עבודתכם" און פאַרקערט...

המפורסם ר' ישראל גאָלדענבערג צופּט ווי אַ פליגעלע שבת שירה—מסתפּק במועט, דעם מאָגן צוליב... און דאָס בערדל זאָגט נאָך צו די לעפּצן: חצי שלי וחצי שלך... און שיין, אָפּגעשאָקלט פון בערדל.—זאָל אים וואויל באַקומען! און אין עק דאָרט זיצט משלנו — אַ חסידל, אַן אויסגעהונגערטס נעבאַך און כאַפּט, און שלינגט... איך בין מסופּק, צי ער וועט מקיים זיין „ואל כּליך לא תתן"— אינדערהיים אַ פלוניתטע מיט בנים!

וואָס ביסטו רויט געוואָרן, שוטה? דלות איז קיין פּסלות...

„כּי לא על הלחם לבדו יחיה האדם"—די נשמה דאַרף אויך עסן, און איר מאכל איז וואָס?—תורה!.. נישט אַלע אָבער זיינען גלייך תופש... דערצו האָט נאָך יעדער זיינע מנהגים, זיינע דרכים.. פאַראַן אַ בור סיד, און לא עליכם, אַ חולה, וואָס כּבולעו כּך פולטו.

חס ושלום, איך וויַיז אויף קיינעם נישט אָן מיטן פינגער...

אָט האָט המפורסם, דער מחותן ר' ישראל דערציילט פאַר. שלש-סעודות חידושים פון באָד... אַ באַרג עד לב השמים! אויפן הור-ההר אויפן סאַמע ראָדנע שפּיץ-באַרג איז געווען „שכר-הליכה"— אַ גאַנצע סביבה כּעל כּף היד! דאָס אויג האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן! גנים ופרדסים, שטעט און שטעטלאַך און היכלות-פּאַ-לאַצן — פון תרגום-שני אַרויס! און באַרג-אַרויף, האָט ר' ישראל גאָלדענבערג דערציילט, פירן כּמה וכמה וועגן, קורצע און לאַנגע, מיט גרויסע מניעות, קליינע מניעות... און אויסגעטרעטענע וועגן, פאַר סוסים! אַזוי האָט ער דערציילט...

איר האָט געמיינט, איך ליג און דרעמל... איך האָב גע-הערט... אויבן—האָט ער געזאָגט—איז דער אַוויר לנשימה — כּמעט שוין סאַמע רוחניות! און ביי חלושי-ריאה, וואָס דאַרפן מער גשמיות, לאָזט זיך בלוט פון דער נאָז!... גייען זיי נישט ביז אַרויף, און האָבן זייער שכר הליכה אינמיטן וועג: קאַווע מיט שמאַנט! אַזוי האָט ער דערציילט.

זעט איר: מיר חסידים קריכן אויף די גלייכע ווענט! גלייך אַרויף! און איר, זייט מיר מוחל, מתנגדים: באַלעבאַטיש, מתינות.. גליין מיט די פערד!

שאַ! שאַ! כ׳וויל, חס־ושלום, קיינעם נישט מבייש זיין!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳וויל אייך זאָגן אַ גלייכוווערטל, און בשם אומרו, דעם פאַרציוועער רבס אַ מלתא דבדיחותא. „מתנגדים, האָט ער געזאָגט, זיינען דער ניגוד פון חסידים״...

אין סידור שטייט: „תשובה, תפילה וצדקה״... און פון אויבן, מיט קליינע אותיות: „צום, קול, ממון״—יאָ?

זאָגן מיר חסידים כסדר: ראשית חכמה: צום! זאָל דער חומר וויסן, אַז ער איז קיין פריץ נישט, אַז נישט ער האָט צו שאַפן, אַז ער איז נאָר אַ טפל... מען דאַרף אים האָבן: מען דאַרף פיס, נאָכצולויפן אַ מצוה! מען דאַרף הענט: תפילין צו לייגן, אַן אתרוג און לולב צו האַלטן! מען דאַרף אַ מויל אויף תורה ותפילה! מען דאַרף אַ מאָגן אויך—איבער וואָס וואָלט מען ברכה געמאַכט?—מזמן לזמן מוז מען אָבער ווייזן דעם גוף, אַז נישט ער איז דער עצם-ענין, נישט ער איז דער תוך, אַז נישט „ואכלת״, נאָר „וברכת״ איז דער עיקר!...

דערנאָך גייט: „קול״, מען זיצט און לערנט, מען דאַוונט; עד לב השמים דאָס קול! מען רייסט איין זיבן הימלען אין עבודה מתוך שמחה: מען זינגט אַ זמר... און ערשט גאָר־גאָר צום סוף גייט: „ממון״ — אַ יידעלע דאַרף די מטבע אויך! המפרנס אשתו ובניו... און אַלערליי געלט: לימוד-געלט, צדקה-געלט... און מען איז דאָך אין גלות—„לא־יחרץ״-געלט אויך! זאָל מיך עשו נישט פאַר־זאָרגן! שקיל טובך!... פאַרשטופּט מען אים ס׳מויל! זאָל ער מיך נישט מדריך זיין, לערן מיך נישט, פאַרגעס אָן מיר!

און הייַנט: געלט אויף תּאוהלע!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איר מיינט, אַז אַזאַ ייד, למשל, ווי איך, וואָס פּאַרט נישט אין באָד אַריין, וואָס האָט קיין מעבל נישט, ביי דער טיר קיין גלעקל נישט, און אין שטוב קיין שפּיגל נישט — איז גאָר קיין בעל־תאוה נישט? אוי־אוי! דער יצר־הרע טרעפט צו מיר אויך! נאָר, זעט איר, רבותים, אַ כיטרע יידל בין איך! איך לאָז מיך נישט! איך לייג דאָס שמדקייט אין דער יראה אַריין! דער יצר-

הרע קלאַפּט אָן, איך עפן! וואָס ווילסטו, בעל־דבר? זעץ דיך, רייד דײַנע דיבורים! רעדט ער! וואָס רעדט ער? ער רעדט מיך צו צו אַ מלבוש! איך זאָג נישט: ניין! פּאַרקערט, מוכן ומזומן בין איך! וואָס ווילסטו? אַטלאַס? ראַצימאָרע? אדרבא! און איך מאַך מיר אַ בגד לכבוד שבת ויום־טוב!—ווילסט „שיין"? גוט—קויף איך מיר נאָך אַ ברעסטער טלית, טיקטינער ציצית, באָוואָגראָדער תּפילין! לאָזט ער אָפּ אַ ווײַלע... גייט ער אַוועק און קומט צוריק. וואָס ווײַטער? דירה נאה? מהיכא תיתי! אַ סוכּה פון סוכּה־לאַנד, אויסגעהאַנגען מיט ארץ־ישראל־פּירות... אין אַ צײַט אַרום גייט ער און שטאַמלט עפּעס וועגן אכילה ושתיה; איך זאָג נישט: ניין! פאַראַן סעודת מצוה, אַ ביסל פײַנע משקה צו קידוש און הבדלה און אַ פּאָר מאָל אין יאָר עסט מען קרעפּלאַך אויך, און דעריבער טאַקע גייט נאָך „צום" און „קול" ממון—ממון אויף אַ תּאוהלע!

און איר האָט אויך דאָס זעלבע סידורל, די אייגענע ווערטער זאָגט איר, נאָר איר זייט מהפך דעם סדר. מיר — ישר און איר—הפוך.

הייבן הייבט איר אָן בײַ „ממון"!

איר מוזט האָבן גרויסע דירות... און עס מוז העַנגען ר' יחזקאלע פּרעגערס פּאָרטרעט... און ווערט גאָר בעלי־סודות און פאַרהענגט די פענסטער, מען זאָל חלילה נישט אַרײַנקוקן נישט צו דער צײַט! און מעבל מוז זײַן, און קרעפּלאַך—יאָ מנהג, נישט מנהג—איז אַ מאכל! און מען פּאָרט אַמאָל אין באָד אַרײַן אויך... און עס ווילט זיך אַ ביסל כּבוד, הן אין גאַס, הן בית־המדרש, און מען מוז גוטע שידוכים טאָן, מיט גרעסערע עשירים... מען זוכט אַן אָנהאַלטעניש... און אַז מען גייט אַוועק פון דער וועלט, און מען איז, ווי ר' יחזקאלע פּרעגער, קיין פּאָרטרעט נישט געוואָרן, מוז מען איבערלאָזן אַ זכר: אַ מויער! אַן עסק, אין וועלכן די יורשים זאָלן קענען אַרײַנקריכן בראשו ורובו און שוין קיין ליכטיקע וועלט נישט זען... מיט איין וואָרט: מען דאַרף זײַן, מען מוז זײַן אַ נגיד, איין „קול"—מען שרײַט גוואַלד: אַ נגיד! און זאָל זיך דער הימל שפּאַלטן, וואָס וועט איר שרײַען? מ—מון! עס ווילט זיך דווקא קרעפּלאַך! אַ פּשוטע זאַך: בײַ אונז איז אַלץ

בבחינת מן: איז דער קוגל פּעט, מהיכא תיתי! איך קען אָבער עסן אַ שטיקל נעבעכיק ברויט, און אַז איך וועל וועלן, וועל איך זאָגן: סאַ המן־טאַש! און עס וועט זיין אַ המן־טאַש, איך וועל פילן דעם טעם פון מאָן מיט האָניק! אַ מתנגד אָבער מוז האָבן דברים כהויתן—על־פּי פשט!—איז טאַקע דער עיקר „ממון"—און אַז דער עיקר, פאַרשטייט איר מיך, איז ממון, זאָלט איר עס מיר מוחל זיין, פאַלט מען שוין אַריין אין קבצנות... אויפן טיש—אַ געשאָרן טישטוך, נאָר אַז מען זעצט זיך צום טיש, נעמט מען עס אַראָפּ און מען לייגט אַבי וואָס... אַ קאַנאַפּע, פּאָטער־שטולן, שטולן — געדעקט מיט סאַמעט — נאָר איבערגעצויגן מיט גראָע לייוונט... זיצן זיצט איר אויף לייוונט!... און, זייט מיר מוחל—די טיר, אַז מען גייט עסן, ווערט פאַרשלאָסן... „כל דכפין ייתי וייכול" איז אַ פּסוק אין דער הגדה, געמאַכט געוואָרן, דער דובנער מגיד זאָל זיך האָבן אויף וואָס צו שטעלן און זאָגן אַ משל... וואָרים דאָ, וואו דער עולם־הזה ווערט אַן עיקר, האָט מען טאַקע קיין עולם־הזה נישט...

כלעבן, נישט גלייך, רבותים... וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזט די קעפּ?

כ'האָב דאָך אייך מקדים געווען, אַז סיי ווי אַ גלייך ווערטל, אַ מילתא דבדיחותא...

דער חילוק פון מתנגדות ביז חסידות שטעקט אַ ביסל טיפער, ווי דען? הייבט די אויגן אויף, רבותים, כ'וויל עס אייך מקרב זיין צו דער השגה...

הערט!

תורה—ווייסט איר דאָך—איז נמשלה למים—וואַסער! ריין וואַסער, קלאָר וואַסער, לעבעדיק וואַסער!

נו, אַז תורה איז וואַסער, וואָס טוט אַ מתנגד?

נעמט ער און שווימט! פון אויבן...

פּאָרט אַ שטיקל סכנה, ס'איז דאָך פּאָרט מים שאין להם סוף?

איז פאַראַן אַן עצה!

נעמט מען אונטערן אָרים: איין פּענכער—דעם שולחן־ערוך, דעם צווייטן — דעם חיי־אדם, און מען לייגט זיך אויף זיי

פרקדן, און מען שווימט... מאַכט זיך אַ שוימל: אַ שטיקל דקדוק אין פירוש רש״י... אַ געחכמהט פירושל אין מצודת ציון ומצודת דוד... אַ נוטריקונדל אין בעל־הטורים — שיין! אַ מחיה! עס גייען די אויגן איבער — ממש אַ זילבערנע שוים! כסף טהור!

איינער כאַפּט גאָר אַן עין־יעקב, אַ פּרק משניות — הו! דער גייט שוין טריט־וואַסער! נאָר דעם קאָפּ נעצט ער אַלץ נישט איין; דער קאָפּ בלייבט טרוקן! אַלץ נישט קיין סכנת־נפשות!

און אַז אַ מתנגד איז גאָר אַ ייד אַ למדן, — וואָס טוט ער? שווימט ער קלאַפּטער, און מאַכט אַמאָל אַ נאָרעק... אַמאָל לאָזט ער זיך טיף אַראָפּ, אויף ווי לאַנג דער אָטעם לאָזט, און געפינט אין דער טיפעניש, און ברענגט אַרויף — מרגניתא טבא! אַ פּערל פון קעסל־גרוב!

און אַז אַ מתנגד איז גאָר אַן עלוי? שפּרינגט ער אין וואַסער אַריין, און — מיטן קאָפּ אַראָפּ, — איז ער וואָס? אַ קונצן־מאַכער!

איך וויל, חלילה, נישט מקפּח זיין שכר כל בריה... און לאָמיך ווערן! אַז הקדוש ברוך־הוא, וויל נישט! געזאָגט תורה נמשלה למים — איז געזאָגט! אָבער אַז דער יסוד איז מים, איז — מים, זייט איר קאַלטע פיש!

און וואו איז דער והסנה בוער באש?

תורה איז דאָך נמשלה לאש אויך, און פאַראַן: אש אוכלה אש... פייער שבפייער! דאָס זעט איר איז שוין אונזער תורה! אונזער תורה ברענט... אונזער תורה לייכט... אונזער תורה — —

איך וויל עס אָבער פאָרט מקרב זיין צו דער השגה!

איך וויל, איר זאָלט פאַרשטיין דעם ענין פון „אונזער" תורה...

וואָס עס הייסט: אַ גוטער ייד, אַ צדיק זאָגט „תורה"... לכאורה: מאי כולי האי? נעם אַ ספר און קוק אַריין! עס איז אָבער נישט אַזוי! — וואַרט, איך בין ערב, איר וועט מקבל נחת זיין...

„כי נר מצוה ותורה אור..."

יאָ... די מצוה, רבותים, איז אַ ליכט — נאָר אַ ליכט לייכט

נישט כּל־זמן מען צינדט זי נישט אָן... אַ מענטש קאָן זיין אַ ליכט־ציער, האָבן אַפוד ליכט אין שטוב, און אַרומגיין אין דער פינ־סטער, און טאַפּן אין די ווינקעלאַך! תּורה־אור—מצוה דאַרף כּונה... מען דאַרף וויסן דעם כּוון פון דער מצוה...

אַ מצוה שלא בכּונה איז אַ טויטע מצוה... אַ בר־מנן...

הענט האָבן געלייגט תּפילין, ס׳מויל האָט געזאָגט ברכה, די פיס זיינען געגאַנגען אין מקום קדוש אַריין, די נאָז האָט גע־שמעקט בשמים בשעת הבדלה—אָבער די נשמה איז דערביי נישט געווען... די כּונה האָט געפעלט! מען האָט נישט אָנגעצונדן די ליכט!

און פעלט ליכט, פעלט שמחה...

און מענטשן טוען מצוות און גייען אַרום אין עצבות, פאַרמרה־שחורהטע פּנימער, פאַרחושכטע אויגן, און מען זיפצט, און מען קרעכצט...

שמחת מצוה פעלט!

פריי דיך, אַז אַ טויט קינד איז געבאָרן געוואָרן!

אַ סך מצוות טוט איר... נאָר מתּוך עצבות...

צדקה גיט איר פון רחמנות... „נאַ — נעם און גיי!" מען דאַרף פּטור ווערן פון דעם אָרימאַן... מען שיקט אים אַפילו אָפּ אין שטוב אַריין, אַבי זיין פּרצוף נישט צו זען... מען לערנט אָפּ אַ בלאַט גמרא אַ טאָג: אַ חוק! אָפּגעאַרבעט ווי אַ שכיר־יום! אַ קליין שטיקל קאַטאָרגע! יום־טוב — מאַכט מען בשר ודגים און צימעס קאָכט מען... נאָר—ווי ווערט מען שוין פון דעם יום־טוב פּטור... אַ מחיה דאָס דריטע שטערנדל אין מוצאי־שבת! ווי אויפן גואל צדק וואַרט מען דערויף! אַ שמחה דאָס איז שמיני של פּסח — אַ גלעזל ביר! מען מעג שוין! און מוצאי פּסח די המצדיקע סעודה! און בסוד סודות, בעט איר דאָך טל ומטר אויף סוכּות,— איר זאָלט קאָנען עסן אין שטוב!

שמחה פעלט אייך! ווייל איר טוט אַלץ מיטן גוף, אָן דער נשמה... ווייל אייערע מצוות זיינען גופים אָן נשמות, נישט אָנגעצונדענע ליכט!

און מיינט נישט... לאו כּל אדם זוכה צו ליכטיקע לעבע־

דיקע מצוות... אמת—„ולא עם הארץ חסיד", אָן „תורה־אור", אָן תורה, שנמשלה לאש, קאָן מען קיין חסיד נישט זיין... אָבער נישט אַלע חסידים זיינען חסידים...

קומען זיך טאַקע צוזאַמען צום צדיק קאַלטע נשמות, געפרוירענע נשמות, יידן מיט ליכט אין די בוזימס, נאָר זיי ברענען נישט, זיי לייכטן נישט... מען קומט פאַר־עצבעט, פאַרחושכט... נאָר מען קומט צום צ ד י ק, מען קומט נאָך ת י ק ו ן, נאָך ליכט... און דער צדיק, אַז ער זעט עס, זעצט ער זיך און זאָגט „תורה"... און זאָגן זאָגט ער תורה, שנמשלה לאש... די תורה, וואָס ברענט און „צינדט אָן די ליכט"... די מצוות, וואָס זיינען געטאָן געוואָרן שלא בכונה, באַקומען כונה... צינדן זיי זיך אָן און הייבן אָן לייכטן... פון „מתים בל יחיו" ווערן ברענע־דיקע לייכטנדיקע נשמות, פון בר־מנס—שרפים ואופנים...

און ליכטיק ווערט, און שמחה, און צהלה, דיצה, אהבה, אחוה ורעות...

עס פלאַמט...

וואָס־זשע האָט פועל יוצא געווען דער צדיק?

ער האָט מקיים געווען די מצוה: בהעלותך את הנרות!

ער האָט גענומען פון „אור זרוע לצדיק" און אָנגעצונדן אַלע ליכט!...

און אַז אַלע ברענען? פאַרשטייט איר דאָך, איך דאַרף דאָך אייך נישט אין מויל אַריינלייגן—אַז עס צינדן זיך אָן אַלע ליכט—ווערט ליכטיק, ווערט פריילאַך, ווערט התלהבות, ווערט דבקות... ווערט — —

נאָר דאָס איז שוין נישט פאַר אייך... געגוג—שמחה! שמחת מצוה, שמחת יום־טוב — —

וואָס טוט איר ימים־נוראים?

משנכנס אָדר לאַכט איר, קומט מזל בתולה — וויינט איר!

אַ מתנגד לעבט על־פי „לוח"...

שנייצט איר די נעז און קלאָגט!...

איר ווערט בעל־בכיהס, ווי די נשים! און עס ציטערט אויף איך די הויט.

וואָס טוט זיך ביי אונז ימים נוראים? מען טאַנצט, מען זינגט! מען גייט אַפילו גאָר שפּאַצירן! אַז עס איז ליכטיק געוואָרן, אַז עס האָט זיך צעפלאַקערט — גיי וויין!

דאָס איז טייטש „ותורה אור" — דעם צדיקס תורה איז אור! — —

נאָר האַלט איך שוין ביי אור, וויל איך אייך שוין דערציילן אַ שיחה, דאָס וועט איר שוין אַוודאי משיג זיין! איר וועט אַפילו הנאה האָבן! איר ווייסט דאָך: שני מאורות — אַ זון מיט אַ לבנה. די זון האָט ליכט און וואַרימקייט און די לבנה, מילא, ווייסט איר דאָך, איר האָט דאָך עפּעס ליב די לבנה, איר זייט דאָך מיט דער לבנה שמעלקע שבשמעלקע, אייערע יינגלאַך שרייבן דאָך שירים און קרעכצען צו דער לבנה — די לבנה האָט נאָר ליכט אַליין...

איז ער, זאָל לעבן, אַמאָל געזעסן ביים פענסטער — בין השמשות.

צווישן מנחה ומעריב, פלעגט ער ליב האָבן צו זיצן ביים פענסטער, בשעה שאינו לא יום ולא לילה... קומט אַרויס די לבנה. זעען מיר בחוש, אַז זי קומט אַרויס אומישנע פון ענן מקבל פנים זיין... שמייכלט ער... און דרייט זיך אויס צו אונז און גיט אַ פרעג, צי מיר ווייסן נישט פון דער דין־תורה, וואָס די לבנה האָט געהאַט... ווייסט מען נישט; דערציילט ער.

די זון — דערציילט ער — האָט דאָך משמורת בייטאָג, איז איר וואַרים; די לבנה אָבער האָט דאָך משמורת ביינאַכט, איז איר קאַלט... שטעלט זי זיך איינמאָל פאַרן בית־דין של מעלה מיט אַ טענה: עס איז איר קאַלט! וואָס־זשע וויל די לבנה? — מען זאָל איר מאַכן אַ בגד! זאָגט דאָס בית־דין של מעלה: צדקה ממני! ס'קומט איר אַ בגד! שיקט מען תיכף ומיד נאָך אַלע חייטים מארבע כנפות הארץ, זיי זאָלן איר מאַכן אַ בגד! זאָגן די חייטים,

אַז זיי זייַנען עס נישט ביכולת צו מאַכן! פאַרוואָס, ווילט איר פרעגן? פשוט, ווייל זיי ווייסן נישט, ווען אַ מאָס צו נעמען: אַ גאַנצן חודש—אָדער זי וואַקסט אָדער זי פאַלט אָפּ...

האַ?

וואָס זאָגט איר?

מען זאָל איר מאַכן שלשים בגדים!

כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט איר משיג זיין!

דאָס האָט טאַקע ער, זאָל לעבן, אויפגעטאָן!

# צווישן צוויי בערג.

פון בריסקער רב און ביאַלער רבין האָט איר אַוודאי געהערט, דאָך נישט אַלע ווייסן, אַז דער ביאַלער צדיק, ר׳ נחקע, איז פריער געוועזן דעם בריסקער רבס אַ תלמיד מובהק, אַז ער האָט ביי אים געלערנט אַ שיינע פּאָר יאָר, און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר „גלות״, און איז נתגלה געוואָרן אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאי טעמא: מען האָט געלערנט תורה, נאָר די תורה, האָט דער רבי געפילט, איז טרוקענע תורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פון שאלות נשים, פון בשר-בחלב, צי דיני ממונות... זייער וואויל! קומט ראובן ושמעון האָבן אַ דין-תורה, קומט אַ משרת אַ שאלה פרעגן, אָדער אַן א ש ה האָט אַ שאלה, — קריגט באותה הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אָן זיי, פילט דער רבי, אַז די תורה, דאָס הייסט: דער גוף פון דער תורה, דער נגלה, דאָס, וואָס עס ליגט פון אויבן אויף — איז טרוקן. נישט דאָס, האָט ער געפילט, איז ת ו ר ת ח י י ם! — תורה דאַרף לעבן! לערנען אַנדערע קבלה-ספרים האָט מען אין בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער רב איז געוועזן אַ מתנגד און בטבע אַ „נוקם ונוטר כנחש״. האָט עמיץ אָנגערירט אַ זוהר, אַ פרדס, פלעגט ער שעלטן, אין הרם אַריינלייגן! איינעם האָט מען געכאַפּט ביי אַ קבלה-ספר, האָט ער אים געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איר? דער מענטש איז יצא מדעתו געוואָרן, אין מרה-שחורה אַריינגעפאַלן. און, וואָס מער חידוש איז, עס האָט אים שוין קיין גוטער ייד נישט געהאָלפן! — איר שפּילט אייך מיטן בריסקער רבן! און פונדעסטוועגן, ווי פאָרט מען עס אַוועק פון בריסקער רבס ישיבה?!

אַ צייט לאַנג האָט ער זיך טאַקע געשלאָגן מיט דער דעה.

נאָר איינמאָל האָט מען אים געוויזן אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער בריסקער רב איז צו אים אַריינגעקומען און געזאָגט: קום, גה, וועל איך דיך פירן אין גן־עדן התחתון אַריין. און ער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט. זיי זיינען געקומען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַריין. אין פּאַלאַץ איז נישט געווען, נישט קיין טיר און נישט קיין פענסטער, אויסער די טיר, דורך וועלכער זיי זיינען אַריינגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַלאַץ געווען, ווייל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זיינען געווען פון קריסטאָל און האָבן געשלאָגן פון זיך אַליין אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מיין יופּעצע, — מאַכט דער בריסקער רב — דאָ איז פאַראַנען סאַליעס אין לשער ואין לספר, און קוים רייסטו דיך אָפּ פון מיר, וועסטו פאַרבלאָנדזען אויף אייביק...

דער רבי טוט אַזוי, און זיי גייען אַלץ ווייטער און ווייטער, און אויפן גאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בענקל, קיין שום כלי־בית, גאָרנישט!

— דאָ זיצט מען נישט, פאַרטייטשט אים דער בריסקער רב, נאָר מען גייט אַלץ ווייטער און ווייטער! — און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געווען פון דעם צווייטן, און די ווענט האָבן געשיינט דאָ מיט דער, דאָ מיט אַן אַנדערער קאָליר; דאָ מיט עטלאַכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפן אויפן וועג...

דער רבי איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים באַגאָסן אַ שווייס, אַ קאַלטער שווייס. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע אברים. דערצו הויבן אים נאָך אָן די אויגן ווי צו טאָן פון באַשטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אים אָנגעפאַלן אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט צו יידן, צו חברים, צו כל ישראל! אַ קלייניקייט — מען זעט קיין ייד נישט פאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער רב —

דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פאַר מיר און פאַר דיר... דו וועסט אויך אַמאָל זיין בריסקער רבֿ!

און דער רבי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגע־כאַפּט זיך אָן דער וואַנט, נישט אומצופאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט! נאָר נישט ווי פייער בריט, נאָר ווי אייז בריט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — די ווענט זיינען אייז, נישט קריסטאָל! פּשוט אייז!

דער בריסקער רבֿ שווייגט.

און דער רבי שרייט ווייטער:

— רבי, פירט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל נישט זיין אַליין מיט אייך! איך וויל זיין צוזאַמען מיט כל ישראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רבֿ נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווי אויס און ווי איין, ווייסט ער נישט; פון די ווענט שלאָגט אויף אים אַ קאַלטער פּחד; און דאָס בענקשאַפט, צו אַ ייד, צו דערזען אַ ייד, באַדיי אַ שוסטער, אַ שניידער, איז אַלץ ביי אים שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. האָט ער אָנגע־הויבן שטאַרק צו וויינען...

— „רבונו של עולם, האָט ער זיך געבעטן, — נעם מיך אַרויס פון דאַנען! בעסער אין גיהנם מיט כל ישראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!"

און באותו הרגע, האָט זיך אים באַוויזן אַ פּראָסט יידל, מיט אַ רויטן בעל־עגלהשן גאַרטל אויף די לענדן, און אַ לאַנגער בייטש אין דער האַנט. דאָס יידל האָט אים, שווייגנדיק, אָנגע־נומען ביים אַרבל, אַרויסגעפירט פון פּאַלאַץ, און איז — פאַר־שוואונדן געוואָרן. אַזאַ חלום האָט מען אים געוויזן!

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גראָען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געוועזן. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און גע־וואָלט לויפן אין בית־המדרש אַריין, לאָזן זיך פּותר חלום זיין פון די לומדים, וואָס נעכטיקן אין בית־המדרש. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזען אַ שטייענדיקע בויד, אַן איינגע־

שפּאַנטע גרויסע, פּאַרצייטישע בויד, און ביי דער בויד איז גע־שטאַנען אַ בעל־עגלה, מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, אַ לאַנגע בייטש אין דער האַנט, און פּונקט אַזאַ יידל, ווי דער, וואָס האָט אים אין חלום אַרויסגעפירט פון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך, אַז „דברים בגו״; גייט ער צו און פרעגט:

— וואו אַהין פאָרט אַ ייד?

— נישט דײַן וועג! ענטפערט דער בעל־עגלה גאָר גראָב.

— פאָרט? — בעט ער זיך, — אפשר וועל איך מיטפאָרן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געענטפערט:

— און צו פוס, — זאָגט ער — קען אַזאַ בחור נישט גיין? גיי דיר דײַן וועג!

— און וואו אַהין זאָל איך גיין?

— וואו די אויגן וועלן דיך טראָגן, — ענטפערט דער בעל־עגלה און דרייט זיך אָפּ, — מיין דאגה!

דער רבי האָט פאַרשטאַנען, און האָט זיך געלאָזט אין גלות אַריין!

ווי געזאָגט, נתגלה איז ער געוואָרן עטלאַכע יאָר שפּעטער אין ביאַלע. (עד מפּי עד, ווי אַזוי עס איז געווען, דערצייל איך נישט. כאָטש עס איז מויל און אויערן אויפצושטעלן!) און, לערך אַ יאָר נאָך זיין התגלות, האָט מיך אַ ביאַלער באַלעבאָס, ר׳ יחיאל האָט ער געהייסן, אַראָפּגעבראַכט צו זיך פאַר אַ מלמד.

לכתחילה האָב איך אַפילו נישט געוואָלט אָננעמען דאָס מלמדות. ר׳ יחיאל, מוזט איר וויסן, איז געווען אַן עושר, אַ פאַרצייטישער, אָנגעשטאָפּטער עושר. די טעכטער פלעגט ער געבן צו טויזנט רענדלאַך נדן און טאָן מיט די גרעסטע רבנים, און זיין לעצטע שנור איז געווען טאָקע דעם בריסקער רבס טאָכטער!

פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז אויב דער בריסקער רב מיט די רעשט מחותנים זיינען הולקים, מוז ר׳ יחיאל אויך זיין אַ חולק... און איך בין דווקא אַ ביאַלער חסיד, נו — ווי לאָזט מען זיך אין אַזאַ הויז אַריין?

האָט עס מיך אָבער פאָרט געצויגן קיין ביאַלע! אַ קליינקייט — מיטן רבין אין איין שטאָט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, איך פאָר!

און ר׳ יחיאל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַן אמת פשוטער, כשרער ייד, איך בין אַייך אפילו ערב, אַז זיין האַרץ האָט געצויגן צו אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. וואָרים באמת, קיין למדן איז ער נישט געווען, אויפן בריסקער רב פלעגט ער אוודאי קוקן ווי אַ האָן אויפן בני אדם! ווערט ער מיר נישט צו האַלטן זיך אין ביאַלער רבין, נאָר ער אַליין איז זיך מתרחק. אַז איך דערצייל עפּעס פון רבין, מאַכט ער זיך געניצן, כאָטש די אויערן, זע איך, שפּיצט ער אויף. נאָר דער זון זייבער, דעם בריסקער רבס איידים, דער קנייטשט אַיין דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כעס און ליצנות צוזאַמען, נאָר שפּאַרן שפּאַרט ער זיך נישט; ער פלעגט בטבע ווייניק ריידן.

ויהי היום, — ר׳ יחיאלס שנור, דעם בריסקער רבס טאָכטער, דאַרף גיין צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע אַ ווייבל גייט צו קינד? איז אָבער אַ מעשה דערביי! געוואוסט האָט מען, אַז דער בריסקער רב, ווייל ער האָט אַ חסיד אָפּגעגאָלט, דאָס הייסט: געהייסן אָפּגאָלן באָרד און פאות, איז ניזוק געוואָרן פון די צדיקי הדור.ביידע צוויי זין זיינען אים, לא עליכם, במשך אַ 5—6 יאָר נפטר געוואָרן, און אַלע זיינע דריי טעכטער האָבן קיין בנים זכרים נישט געהאַט. דערביי איז נאָך יעדע פון זיי געווען, רחמנא ליצלן, אַ מקשה לילד, בשעת מעשה געווען יעדעס מאָל מער דאָרטן ווי דאָ! אַז מען האָט אָבער מן השמים געוואָלט, עס זאָל זיין מחלוקת, האָבן אַלע געזען און געוואוסט, אַז עס איז אַן עונש פון די צדיקי הדור אויפן בריסקער רב, נאָר ער אַליין, מיט זיינע ליכטיקע אויגן, האָט עס נישט געזען! און אפשר — נישט געוואָלט זען! ער האָט ווייטער געפירט זיין התנגדות ביד חזקה — מיט חרמות און תקיפות פון אנשי חייל, ווי אין יענע צייטן...

מיר איז געטעלע (אַזוי האָט זי, דעם בריסקער רבס טאָכטער, געהייסן) באמת אַ שאָד געווען, זייער אַ שאָד געווע-

ערשטנס — אַ יידישע נשמה; צווייטנס — אַ יידישע, כשרע נשמה; עס איז נאָך אַזאַ צדקת, אַזאַ כשרע זאַך אויף דער וועלט נישט געוועזן...

קיין איינציקע אָרימע כלה האָט אָן איר הילף נישט חתונה געהאַט; אַזאַ זיידענע בריאה! און דאָס דאַרף געשטראָפט ווערן פאַרן פאָטערס כעס! און דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נאָר באַ-מערקט, אַז די באָבע הייבט זיך אָן דרייען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כלים, מען זאָל שיקן צום ביאַלער רבין... זאָל זיין אַ קוויטל אָן אַ פדיון, באשר — ער דאַרף נייטיק פדיונות!...

דער ביאַלער רבי האָט גאָר ווייניק געהאַלטן פון פדיונות!

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פרוב מיטן בריסקער רבס איידים, און, איך ווייס — אַז ממש נפשו קשורה בנפשה, וואָרן, ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט עס דאָס שלום-בית אַרויסגעשמעקט פון יעדן ווינקעלע, פון אַלע זייערע תנועות און הויות, — איז ער דאָך אָבער דעם בריסקער רבס איידים! שפייט ער אויס, גייט ער אַוועק און לאָזט מיך שטיין מיט אַן אָפן מויל.

נעם איך מיך צו ר' יחיאלן אַליין, ענטפערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רבס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריס-קער רב, נישט טאָן, אפילו ביי סכנות-נפשות, חס ושלום! פרוב איך מיך מיט זיין פלוניתטע—אַ כשרע יידענע, נאָר אַ פּראָסטע,— ענטפערט זי מיר כהאי לישנא: זאָל מיין מאַן הייסן, שיק איך באַלד צום רבין מיין יום-טובדיק שטערנטיכל מיט די אוירינגלאַך; אַ מטמון מיט געלט האָט עס געקאָסט! נאָר אָן מיין מאַן, נישט קיין פחות משוה פרוטה — נישט אַ פּיפּיק!

— אָבער אַ קוויטל... וואָס שאַדט אייך אַ קוויטל?

— אָן מיין מאַנס וויסן, גאָרנישט! ענטפערט זי, טאַקע ווי אַ כשרע יידענע דאַרף ענטפערן, און דרייט זיך אָפּ פון מיר און איך זע, אַז זי וויל נאָר באַהאַלטן די טרערן, — אַ מאַמע! לב יודע — איר האַרץ האָט שוין געפילט די סכנה...

אַז איך האָב אָבער געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַליין געלאָפן צום רבין.

— שמעיה, — ענטפערט ער מיר, — וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל מתפלל זיין!

— גיט מיר רבי, — בעט איך, — פאַר דער יולדת, וואָס עס איז — אַ שמירהלע, אַ מטבע, אַ קמיעאלע... וואָס עס איז גיט מיר...

— עס וועט, חס ושלום, ערגער מאַכן, — ענטפערט ער, — אָן אמונה שאַדטן אַזוינע זאַכן, און זי האָט דערינען קיין אמונה נישט...

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? עס איז די ערשטע טעג סוכות, זי איז מקשה לילד, העלפן קען איך נישט, בלייב איך שוין בעסער ביים רבין אין שטוב. אַ בן־בית בין איך געוועזן, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדער רגע מיט געבעט צום רבין, אפשר וועט ער זיך מרחם זיין...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטייען שוין די וויען... מען האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט געקענט: די שול אײַנגעריסן, קברים געמאָסטן, הונדערטער פונט ליכט אויסגעברענט אין שול, אין בתי־מדרשים, היינט צדקה — אַ מטמון!... עס איז דען נאָכצודערציילן? אַלע קליידער־שענק זיינען געשטאַנען אָפן; אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגן אויפן טיש, און אָרימעלייט זיינען אַריינגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפיל ער וויל!

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי — זאָג איך, עס שטייט דאָך: צדקה תציל ממות.

און ער ענטפערט מיר, שלא ממין הטענה, דאַכט זיך:

— אפשר וועט קומען דער בריסקער רב!

און באותו הרגע קומט אַריין ר׳ יחיאל! צום רבין רעדט ער נישט, גלייך ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

— שמעיה, זאָגט ער צו מיר, און כאַפּט מיך אָן ביים לאַץ, הינטן שטייט אַ פור, גיי זעץ דיך אויף און פאָר צום בריסקער רב, זאָל ער קומען...

און געפילט האָט ער שוין, אַפּנים, אין וואָס עס גייט, וואָרים צוגעגעבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען, וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן, וואָס צו טאָן!

און אַפּנים האָט ער געהאַט, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, — מתים זייגען שענער פאַר אים!

---

מילא, פאָר איך! טראַכטן, טראַכט איך מיר, אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפון אַרויס! אפשר נאָך אַ שלום! דאָס הייסט: נישט צווישן בריסקער רב מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מחלוקת נישט געפירט, נאָר צווישן די צדדים בכלל! וואָרים באמת, אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען! אויגן האָט ער דאָך!

נאָר מן השמים, אַפּנים, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי גע-שווינד נישט צו. מן השמים האָט מען מיט מיר מלחמה גע-האַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפאָרן פון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע, אָבער ווי הייסט אַ כמאַרע! אַ שוואַרצער שווערער וואָלקן, ממש ווי אַ סמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצים געטאָן, גלייך עס וואָלטן רוחות געפלויגן און פון אַלע זייטן מיט אַמאָל. אַ פויער, להבדיל, פאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן, צלמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זיין, חס-ושלום, אַ שווערער-וועג, און ווייזט מיר מיט דער בייטש אין הימל אַריין... תוך כדי-דבור מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקערער ווינט, ער צערייסט די כמאַרע, ממש ווי מען צערייסט אַ שטיק פּאַפּיר, און הייבט אָן צו יאָגן און צו טרייבן איין שטיק כמאַרע אויף דער צווייטער איינע אויף דער צווייטער, גלייך ער וואָלט קריעס געטריבן אויף אַ טייך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דריי שטאָק כמאַרע. לכתחילה האָב איך אפילו קיין מורא נישט געהאַט: אויס געגעצט ווערן איז ביי מיר קיין. נייס נישט געוועזן און פאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטנס, דונערט נישט סוכות-צייט, און צווייטנס — נאָכן רבינס שופר-בלאָזן! מיר האָבן אַ קיימא-לן,

אַז נאָך אַזאַ שופר-בלאָזן האָט אַ גאַנץ יאָר קיין דונער קיין שליטה נישט! אַז עס האָט אָבער ראַפּטום געגעבן אַ פּלאָסק מיר אין פּנים אַריין, ווי מיט אַ בייטש... איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאַקע דער מוטערס מילך אַנטפאַלן! איך האָב געזען בחוש, אַז דער הימל פּאַטשט מיך, אַז מען טרייבט מיך צוריק!

און דער פּויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריקפאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סכּנות-נפשות. איך זיץ אויף דער פור, און, אינם שטורים, הער איך, ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רבס? איידימס פינגער קנאַקן; ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פאַר מיר ר' יחיאלס שוואַרצע פּנים מיט די איינגעפאַלענע, ברענענדיקע אויגן! פאָר, בעט ער מיך, — פאָר — און מיר פאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פון אויבן, עס שפּריצט פון אונטער די רעדער, און פון אונטער די פערדס פיס. און דער וועג ווערט אינגאַנצן פאַרגאָסן, ממש באַדעקט מיט וואַסער. איבערן וואַסער גייט אַ פּיאַנע. די פור, דאַכט זיך, הייבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָל איך אייך דערציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגעהאַלטן האָב איך!

מיטן בריסקער רב בין איך געקומען אויף הושענא-רבה!

נאָר, דעם אמת צו זאָגן, אַזוי ווי דער בריסקער רב האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פור, איז שטיל געוואָרן! די כמאַרע האָט זיך איבערגעריסן, פון שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די זון, און מיר זיינען בשלום שיין און טרוקן אַריינגעפאָרן קיין ביאַלע. דער פויער, להבדיל, האָט עס אפילו באַמערקט און געזאָגט אויף זיין לשון: וועלקי ראַבין צי דיזשי ראַבין!...

נאָר דער עיקר איז געווען אונזער אַריינקומען!

ווי די היישעריקן זיינען צו אים צוגעפאַלן די ווייבער וואָס זיינען אין שטוב געווען... כמעט אויפן פּנים זיינען זיי פאַר אים געפאַלן און געוויינט... די יולדת פון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכן געוויין פון די ווייבער, אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס-ושלום, קיין כּוח נישט צו קרעכצן...

ר׳ יחיאל האָט אונז אפילו נישט געזען, ער איז געשטאַנען אַריינגעדריקט מיטן שטערן אין אַ שויב. דער קאָפּ האָט אים אַפּנים געברענט...

דעם בריסקער רבס איידים דרייט זיך אויך נישט איבער דערלאַנגען שלום. ער שטייט מיטן פנים צו דער וואַנט, און איך זע בחוש, ווי דער גוף זיינער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אָן דער וואַנט!...

איך האָב געמיינט, איך פאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך און דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים, איך האָב געפילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר, צי האָט איר געקענט דעם בריסקער רב?

דאָס איז געווען אַ מענטש—אַן עמוד ברזל, זאָג איך אייך!

אַ הויכער-הויכער ייד, טאַקע „משכמו ומעלה״... אַן אימה האָט ער געוואָרפן, ווי אַ מלכות! — אַ ווייסע לאַנגע באָרד, איין שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי היינט, האָט זיך אים אַריינגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ-באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווייסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פנים האָבן זיי אים פאַרשטעלט. און, אַז ער האָט זיי אויפגעהויבן — רבונו של עולם! די נשים זיינען ממש צוריקגעפאַלן, ווי פון אַ דונער צוריקגעוואָרפן, אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפים, בלאַנקע חלפים האָבן אין זיי געבליצט! און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב: אַוועק נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און איידעלער געפרעגט:

— און וואו איז מיין טאָכטער?

מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַריינגעגאַנגען, און איך בין געבליבן שטיין ממש אַרויס פון די כלים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קול! עס איז גאָר אַן אַנדערער דרך, אַן אַנדערע וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגן לייכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַריין אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד

באַשיט... און זיין קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמעטן זיסע קול — רבונו של עולם, — ביים האַרץ כאַפּט עס אָן, ביים האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיהדיק... נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פאַר׳ן, נאָר די נשמה צעגייט אין ליבשאַפט, אין מתיקות פון ליבשאַפט. זי וויל אַרויס פון גוף און באַהעפטן זיך מיט זיין נשמה... זי רייסט זיך, ווי, להבדיל, אַ זומערפליגעלע צו אַ העלער פלאַם!... און דאָ — רבונו של עולם: אימה ופחד! אַ גאון, אַ פאַר־צייטישער גאון! און ער גייט אַריין צו אַ יולדת!

„ער וועט פון איר מאַכן, — שרעק איך מיך — אַ גל־של עצמות!״

לויף איך צום רבין.

און דער רבי באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען, מאַכט ער, כבוד התורה? ריינעם כבוד התורה?

איך האָב מיך באַרואיקט. אַז דער שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט! —

---

און עס איז טאַקע גוט געווען. שמיני עצרת איז זי איבער־געקומען. שמחת־תורה האָט שוין דער בריסקער רב געזאָגט תורה ביים טיש. איך האָב געוואָלט אפילו ערגיץ אַנדערש זיין ביים טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט. בפרט, אַז מיט מיר איז גע־ווען אַ מנין... מען וועט בענטשן נברך אלהינו...

מילא, וואָס זאָל איך אייך דערציילן? דעם בריסקער רבס תורה? אויב די תורה איז אַ ים, איז ער געווען דער לויתן אין ים, — מיט איין תנועה גיט ער אַ שווים דורך צען מסכתות; מיט איין תנועה מישט ער אויס ש״ס ופוסקים! אַז עס הילכט און שפּריצט, זידט און קאָכט, טאַקע, ווי מען דערציילט פון אמתן ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר צעשרויפט... נאָר „לב יודע מרת נפשו״! דאָס האַרץ מיינס האָט פאָרט נישט געהאַט קיין שמחת יום־טוב! און דעמאָלט האָב איך מיר דערמאָנט אין רבינס חלום... און איך בין פאַרשטאַרט געוואָרן! די זון איז געלעגן אין פענ־סטער, וויין האָט ביים טיש נישט געפעלט, דער גאַנצער עולם, זע

איך, שוויצט, און מיר? מיר איז געווען קאַלט, קאַלט ווי אייז! און דאָרטן, האָב איך געוואוסט, זאָגט מען אַנדערע תורה... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרים... יעדעס וואָרט איז דורכגעוועבט און דורכגעווייקט מיט אהבה און דבקות... מלאכים, פילט מען, פליען אַרום שטוב; ממש מען הערט, ווי עס רוישן די גרויסע, ווייסע פליגל... אַי, רבונו של עולם! נאָר אוועקגיין טאָר מען נישט!

פלוצלונג האָקט ער איבער, דער בריסקער רב, און גיט אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ רבין האָט איר עס דאָ?

— איינעם, אַ נח, ענטפערט מען אים.

מילא, שניידט עס מיך ביים האַרץ! „איינעם, אַ נח" — אַך, די חנופה, די חנופה!

— אַ בעל-מופת? פרעגט ער ווייטער.

— ווייניק, מען הערט נישט. . ווייבער אפילו דערציילן, נאָר ווער הערט זיי?

ער נעמט אַזוי געלט, אָן מופתים...

זאָגט מען אים שוין דעם אמת, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַ סך אוועק.

דער בריסקער רב פאַרקלערט זיך.

— און לערנען קען ער?

— מען זאָגט — אַ גדול!

— פונוואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז ענטפערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער רב.

— איז ער נישט, דער נח, אַמאָל אין בריסק געווען? פרעגט ער.

— צי דער רבי, שטאַמל איך, איז געווען אין בריסק? דאַכט זיך — יאָ!

— אַ! מאַכט ער — אַ חסיד זיינער! און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ שפין.

און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום עולם:

— ביי מיר, — זאָגט ער, — איז אַמאָל געווען אַ תּלמיד "נח"... אפילו אַ גוט קעפּל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זייט אַריין — — איך האָב אים איינמאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מזהיר זיין, איז ער מיר נעלם געוואָרן... צי איז עס נישט דער?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט אָן אויסמאָלן: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרייזלטע פּאות, אַ פּאַרטראַכטער, אַ שטיל קול און דערגלייכן.

— עס קען זיין, זאָגט דער עולם, אַז דאָס איז ער; קרוב לאמת! איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָרנישט געקאָנט חלומען.

דער בריסקער רב הייבט זיך אויף פון בענקל, רופט מיך אַוועק אין אַ זייט און זאָגט מיר שטילערהייט: פיר מיך צו דיין רבין און מיין תּלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסן!

מן הסתם פאָלג איך, נאָר אויפן וועג פרעג איך אים מיט שרעק:

— בריסקער רב, זאָג איך, מיט וואָס פאַר אַ כוונה גייט איר?

און ער ענטפערט מיר פשוט:

— עס איז מיר איינגעפאַלן ביים בענטשן, אַז איך בין ביז אַהער געווען אַ דן שלא בפניו... זען וויל איך, איך וויל אַליין זען, און אפשר — האָט ער שפּעטער צוגעגעבן — וועט מיר גאָט העלפן, איך וועל אַרויסראַטעווען מיינס אַ תּלמיד.

— ווייסט, שייגעץ, — מאַכט ער ווייטער מיט הלצה, — אַז אויב דיין רבי איז דער נח, וואָס האָט ביי מיר געלערנט, קען ער זיין אַ גדול בישראל, אַ בריסקער רב אַמאָל!

אַצונד האָב איך שוין זיכער געוואוסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבן צאַפּלען...

און די צוויי בערג האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן... אַז איך בין אין דער מיט נישט געבליבן אויפן אָרט, איז טאַקע אַ נס מן השמים.

דער ביאַלער רבי, זכרונו לברכה, פלעגט שמחת־תורה אַרויסשיקן די חסידים שפּאַצירן אַרום דער שטאָט, און ער אַליין איז זיך געזעסן אויפן גאַניקל, און געקוקט, און מקבל נחת געווען...

עס איז נישט געווען היינטיק ביאַלע. עס איז געווען דעמאָלט גאָר אַ קליין שטעטל. סאַמע קליינע, נידעריקע, געבויטע הייזלאַך; אויסער דער שול מיטן רבינס בית־המדרש. דעם רבינס גאַניקל איז געווען אויפן צווייטן שטאָק און מען האָט פון גאַניקל אַלץ געזען ווי אויף דער האַנט — די בערגלאַך פון מזרח־זייט, דעם טייך פון מערב... — — און דער רבי זיצט אויפן גאַניקל און קוקט. דערזעט עטלאַכע חסידים וואָס גייען און שווייגן, וואַרפט ער זיי אַראָפּ פון דער הויך אַ התחלה פון אַ ניגון. זיי כאַפּן אונטער און גייען שוין ווייטער זינגענדיק — — און כיתות, כיתות גייען פאַרביי, און לאָזן זיך אַרויס פון שטאָט, מיט געזאַנג, מיט אמתער פרייד, מיט אמתער שמחת־תורה... און דער רבי פלעגט זיך נישט רירן פון גאַניקל.

דעמאָלט אָבער האָט דער רבי, אַפּנים, דערהערט אַנדערע טריט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַקעגן געגאַנגען דעם בריסקער רב.

— שלום עליכם, רבי, מאַכט ער מיט עניוות און מיט זיין זיס קול.

— עליכם שלום, נחן — האָט דער בריסקער רב געענטפערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רב זעצט זיך און דער ביאַלער רבי שטעלט זיך פאַר אים.

— זאָג נאָר, נחן! — מאַכט דער בריסקער רב מיט אויפגעהויבענע ברעמען, — וואָס ביסטו עס אַנטלאָפן פון מיין ישיבה? וואָס האָט דיר דאָרטן געפעלט?

— עס האָט מיר, רבי, — ענטפערט ער געלאַסן, — אָטעם פאַרפעלט... איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן...

— ווי הייסט? וואָס רעדסטו, נח?

— נישט מיר, — פאַרטייטשט דער רבי מיט א שטיל קול, — נאָר מיין נשמה האָט אָטעם פאַרפעלט...

— פאַרוואָס, נח?

— אייער תורה, רבי, איז סאַמע דין, אָן רחמים איז זי! אָן א פונק חסד איז אייער תורה! און דעריבער איז זי אָן שמחה, אָן פרייען אָטעם... סאַמע ברזל ונחושת, אייזערנע חוקים, קופּערנע דינים... און סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים, פאַר יחידי סגולה!...

דער בריסקער רב שווייגט און דער רבי זאָגט ווייטער:

און זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פאַרן כלל-ישראל? פאַרן האָלץ-העקער, פאַרן קצב, פאַרן בעל-מלאכה, פאַרן פּראָסטן ייד?... בפרט — פאַר א זינדיקן ייד? וואָס, רבי, האָט איר פאַר נישט לומדים?

דער בריסקער רב שווייגט, גלייך ער פאַרשטייט נישט, וואָס מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רבי שטייט אַלץ פאַר אים און זאָגט ווייטער מיט זיין זיס קול:

— זייט מיר מוחל, רבי, נאָר דעם אמת מוז איך אייך זאָגן... האַרט איז געווען אייער תורה, האַרט און טרוקן, ווייל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פון דער תורה!

— די נשמה? פרעגט דער בריסקער רב און רייבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אוודאי! אייער תורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פאַר יחידי סגולה, פאַר למדנים, נישט פאַר כל ישראל. און די תורה מוז זיין פאַר כל ישראל! די שכינה מוז רוען אויף כל ישראל! וואָרן די תורה איז די נשמה פון כל ישראל!

— און דיין תורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תורה — זען? וואונדערט זיך דער בריסקער רב.

— קומט, רבי, איך וועל זי אייך ווייזן!... איך וועל אייך

איר גלאַנץ ווייזן; די שמחה, וואָס שטראַלט אַרויס פון איר אויף אַלע, אויף כל ישראל!

דער בריסקער רב רירט זיך נישט.

— איך בעט אייך, רבי, קומט, נישט ווייט!

ער האָט אים אַרויסגעפירט אויפן גאַניקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפילט: מעגסט נאָכגיין, — מאַכט ער, — שמעיה, היינט וועסטו אויך זען... דער בריסקער רב וועט אויך זען... שמחת תורה וועט איר זען... איר וועט זען, אמתע שמחת תורה!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שמחת-תורה, נאָר איך האָב אַנדערש געזען... ווי אַ פאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפאַלן פון די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין-סוף, און בלאָ, אַזוי העל-בלאָ איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מחיה געווען דאָס אויג. איבערן הימל זיינען געשוואומען ווייסע, ממש זילבערנע, וואָלקנדלאַך, און אַז מען האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, האָט מען געזען, ווי זיי ציטערן ממש פאַר פרייד, ווי זיי טאַנצן אונטער מיט שמחת תורה! הינטען ווייטער האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל-גרינער, נאָר דאָס גרינע איז געווען לעבעדיק גרין, אַזוי לעבעדיק, גלייך עס וואָלט אַ „חיות" אַרומגעפלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בחוש, ווי די פלעמלעך שפּרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזעלעך... גלייך זיי האַלזן זיי און קושן זיי...

און אויף די לאָנקעס מיט די פלעמלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט כּיתּות און כּיתּות פון חסידים... די אַטלעסענע און אפילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפּיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פלעמלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די גרעזעלעך, האָבן זיך געכאַפּט און געציעפּעט אָן די שפּיגלדיקע בגדי יום-טוב, און עס האָט זיך געדאַכט,

אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבות, מיט ליבשאַפט...
און אַלע כּיתות חסידים האָבן געקוקט מיט וואונדערלאַך דאַר-
שטיקע אויגן אַרויף צום רבינס גאַניקל... און די דאַרשטיקע אויגן,
האָב איך געזען ממש בחוש, זויגן פון גאַניקל, פון רבינס פּנים,
די ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזויגן, העכער גע-
זונגען האָבן זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער,
אַלץ הייליקער...

און יעדע כּיתּה האָט זיך געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער
לופט האָבן זיך די אַלע ניגונים מיט אַלע קולות אויסגעמישט;
און צום רבינס גאַניקל איז צוגעקומען איין זמר, איין ניגון...
גלייך אַלע זינגען איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימל זינגט,
די גלגלים זינגען, און די ערד פון אונטן זינגט, און די נשמה
פון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט איך צעגיי אין מתיקות...
עס איז אָבער נישט באַשערט געוועזן.

— מען דאַרף מנחה דאַווענען! — האָט פּלוצים דער בריסקער
רב אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פאַרשוואונדן געוואָרן...

שטיל — — דער פאָרהאַנג איז מיר צוריקגעפאַלן פאַר די
אויגן: אויבן — אַ פּשוטער הימל, אונטן — פּשוטע פאַשע, פּשוטע
חסידים אין צעריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צעריסענע שטיקלעך
ניגונים... אויסגעלאָשן די פלעמלעך — איך קוק אויפן רבין, זיין
פּנים איז אויך חושך — — —

---

זיי האָבן זיך נישט אויסגעגלייכט; דער בריסקער רב איז
געבליבן אַ מתנגד ווי פריער; מיט דעם איז ער אַוועקגעפאָרן!

דאָך אַ פּעולה האָט עס געהאַט! געררודפט האָט ער שוין
נישט. —

# התגלות
## אָדער
# די מעשה פון ציגנבאָק.

דערציילט האָט ר׳ נחמנקע די מעשה אַ שבת-צונאַכטס, אינ-גאַנצן אַ פּאָר וואָכן נאָכן התגלות.

נתגלה איז ער געוואָרן, ווי דער סדר עולם איז, על־פּי מקרה: עס קומט אַ ייד צי אַ יידענע און כאַפּט אָן ביי אַ פּאָלע און שלעפּט אַראָפּ פון די עולמות העליונים; אַן עצה דאַרף ער: וועגן פּרנסה, וועגן אַ שידוך פאַר אַ בוגרת, אַ רפואה פאַר אַ מקשה לילד צי אַזוי אויף אַ מחלה שלא תבא... און גיי זאָג אָפּ אַ יידן! כאַפּט מען זיך אַרויס אַ וואָרט, ווערט עס מקויים, איינמאָל, דאָס צווייטע מאָל— שווימט עס אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער, ציט מען שוין פון אַלע זייטן...

דאָס אייגענע איז געווען מיט ר׳ נחמנקען... ער האָט דען געוואָלט עמיצן עפּעס אָפּזאָגן?—און מען איז געוואָר געוואָרן; דער שטילער נר־תמיד האָט זיך צעפלאַקערט און לייכט שוין אין די גאַסן!

מילא, אין שטעטל ווערט שוין אַ שמחה, אַ גדולה. פון איין צד—צרות פעלן נישט, אַ גוטער ייד קומט צו ניץ; פון צווייטן צד—וועט זיין פּרנסה, מען זעט שוין, אַז מען וועט קומען מארבע כנפות הארץ... און ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן וואַקסן שוין קליינע מופתימלאַך, היימישע נסימלאַך — אַז אַ מענטש קאָן קיינעם נישט אָפּזאָגן, און כל־היוצא מפיו איז אַ דבר מלכות! לאָזט זיך שוין תיכף ומיד דער קלאַנג אַרויס אויף דער סביבה. אויף שבת מוז מען שוין אויסהאַקן צוויי ווענט, דעקט מען שוין אַ טיש איבער דריי שטיבער: שטאָט־לייט, אורחים פון דערפער, פון אַרומיקע שטעטלאַך... מען שטעלט שוין וויינען, פּירות; אַגב, איז געווען יענץ יאָר אַ גערעטעניש אויף פּירות...

און די שמחה וואַקסט מיט יעדן פּנים חדשות. צו שלש-סעודות קנאַקט שוין פון די פענסטער אַרויס אַ „בני היכלא", אַז די שטערנדלאַך אין הימל טאַנצן אונטער פאַר שמחה! געלויבט, זאָגט

מען, איז זיין ליבער נאָמען, מען מאַכט אַ טענצל אַרום טיש... און ער, ר׳ נחמנקע, דער בעל-שמחה אַליין, אויבנאָן און — גאָרנישט. צו הבדלה פאַלט ער גאָר אַריין אין עצבות — ממש די הענט ציטערן אים, ער וועט נאָך אַרויסלאָזן דעם כוס מיט דער הבדלה פון האַנט... נאָך הבדלה פאַרזעצט ער זיך אין אַ ווינקעלע, זאָגט אָפּ פאַר זיך, וואָס מען דאַרף צו זאָגן, און פלוצלונג הייבט ער זיך אויף און גייט אַרויס פון שטוב.

וויל דער עולם, פאַשטייט זיך, נאָכגיין; דרייט ער זיך אויס און ווינקט אויף ניין; בלייבט מען, לאָזט מען זיך צו צום פענסטער, זעט מען, ווי ער גייט איבערן מאַרק און לאָזט זיך פון שטעטל אַרויס, איינגעבויגן, וואַקלדיק, ווי אַן אמתער שרוי בצער. פאַלט אויף אַלע אַ מרה-שחורה.

טייל זעצן זיך צוריק צום טיש, אַנדערע גייען אויף און אָפּ, נאָך אַנדערע גייען אַהיים... דער עולם, וואָס איז געבליבן, וויל זיך נעמען זינגען די „אליהוס" — עס זינגט זיך נישט; מען שיקט נאָך אַ ביסל משקה—עס טרינקט זיך נישט!

— וואָס? ווען? וואָס פעלט אַזאַ ייד?

— מיט פרנסה — פאַלט אַריין אַ גראָבער פליגל — איז ער שוין פאַרזאָרגט! וואַרפט מען, מן-הסתם, אויף אים אַן אויג, אַז דער מוטערס מילך וועט אים אַנטרינען, די שאלה בלייבט דאָך אָבער שאלה! —

— אַז אַ ייד קומט אין אַזאַ מדרגה — זאָגט מען—דאַרף ער זיין אָנגעגאָסן מיט שמחה!

באותו מעמד איז געווען איינער ר׳ יהושע, אַ פאַרצעווער מלמד, נאָך מרואי פני-המלך — פון בעל-שמס לייט, אַ מזג טוב, ממש אַ מענטש אָן אַ גאַל, ווערט דער ר׳ יהושע בייז:

— עצבות—שטאַמלט ער, נעבאַך אַ כבד-פה געווען—וואָס הייסט עצ-עצ-עצבות — אַז אַ ייד קומט צו׳ן אַזאַ מדרגה און קאָן יידן טובות טאָן—ברעכן, ווי זאָגט מען עס, אַ גזר דין... האַ? וואָס?

— אוודאי!—איז מסכים דער עולם. ווייניק האָט ער שוין געהאָלפן?—און מען הייבט אָן דערציילן מעשיות. ווייזט זיך אויס, אַז במשך פון דער קורצער צייט האָט ער שוין אַ סך פועל-יוצא

געווען... מילא, די מעשיות ווייל איך אייך נישט איבערדערציילן— א טיפּה מן הים קעגן דעם, וואָס שפּעטער איז געווען... נאָר די מעשה פון דער ציג מוז איך אייך דערציילן, ווייל דאָס באַווייזט, ווי גרויס עניו, ווי ווייט לב־טוב ער איז געווען!

אין שטעטל איז געווען אַן אַלטע יידענע, אַן אַלמנה, אַ פּשוטע, עפּעס אַ שניידערס אַן אַלמנה. האָט זי, די אַלמנה, גע־האַט אַ ציג. האָט זי געלעבט פון דער ציג. די גאַנצע ציג איז ווערט געווען אַ שמעק־טאַבאַק, נאָר אַן אַלטע יידענע, — האָט זי חיונה פון דער ציג. איז איר שפּעטער אָבער שווער געוואָרן צו מעלקן די ציג; אַ יידענע אויף דער עלטער, האָבן איר, לאָ־עליכם, די הענט געציטערט, האָט זי פאַרגאָסן עטלאַכע טראָפּן מילך. אומשטיינס געזאָגט, וויפיל מילך די גאַנצע ציג האָט געהאַט—כאַפּט זי און שלעפּט זיך צו ר׳ נחמנקען, באשר די ציג איז אַ שלעכטע ציג, האָט קיין דרך־ארץ נישט פאַר אַן אַלטער יידענע, און לאָזט זיך נישט רואיק מעלקן... הערט ער זי אויס און שמייכלט; זאָגט ער איר: גיי אהיים, יידענע, וועסט געהאָלפן ווערן... און זי איז געהאָלפן געוואָרן... דאָס הייסט, די הענט האָבן איר נישט אויפ־געהערט צו ציטערן, אַ זקנה מופלגת געווען, אַן אַכציקערין אַוודאי, אפשר מיט אַ שמיץ—נאָר די ציג איז גאָר אַן אַנדער ציג געוואָרן, האָט אָנגעהויבן אַליין צו קומען זיך מעלקן צו דער צייט, און פלעגט זיך אַליין אַנידערשטעלן, אויפהייבן אַ פיסל און שטיין אַזוי ביזן לעצטן טראָפּן מילך!

נאָך דער מעשה פון דער ציג וויל נאָך עמיצער עפּעס דער־ציילן, דאַכט זיך אַ מעשה מיט צער גדול בנים... ער הייבט אָן, הערט זיך אָבער אַ קול פון יענער זייט פענסטער:

— נאָכאַמאָל גוט־וואָך, יידן!

דעם רבינס קול.

גיט זיך דער עולם אַ לאָז צום פענסטער. שטייט ער, ר׳ נחמנקע, מיט דעם עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אויף דער לייסט פון פענסטער, דער קאָפּ אויף די הענט, די אויגן לייכטן אים משונה־גוט, נאָר אַלץ נישט פריילאַך. —

— איך וועל אייך דערציילן,—זאָגט ער, — אַ מעשה... עס זאָל אייך נישט וואונדערן...

וויל מען אים אַרויסדערלאַנגען אַ בענקל, לאָזט ער נ׳שט; ער וויל שטיין. לויפט אַרויס אַ האַלבער עולם און שטעלט זיך הינטער אים. שטייט ער אַזוי ביים פענסטער, און אויבן אין דער הויך שטעלט זיך אים די לבנה, ווי אַ קרוין איבערן קאָפּ... און אַזוי שטייענדיק האָט ער דערציילט די מעשה פון ציגנבאָק וועגן ענין פון התגלות...

— אַמאָל,—האָט ער אָנגעהויבן, און דאָס קול איז געווען אָנגעזאַפּט פון עצבות—איז געווען אַ ציגנבאָק.

אין פלוג, אַ ציגנבאָק ווי אַלע ציגנבעק, אפשר נישט... עס האָטן קיינער נישט געמאָסטן... עס האָטן קיינער נישט געקענט.

וואָרים ליב האָט ער געהאַט התבודדות; ער האָט זיך קיינמאָל אין רשות הרבים נישט געוויזן... געווען... געווען אַ בכור און אפשר נישט קיין בכור...

געווען איז אונטער דער שטאָט אַן אַלטע חורבה... פון דור דורות אַ מפּולת. געזאָגט האָט מען, און עס איז, אַפּנים, אמת געווען: אַ חורבה פון אַ מקום-קדוש, אַ שול צי אַ בית-המדרש... אַמאָל האָט מען דאָ געדאַוונט, תורה געלערנט, און אפשר, ווען דאָס מקום קדוש איז חרוב געוואָרן, איז עמיץ דאָ אומגעקומען אויף קדוש השם... אַלטע מעשיות... היינט וואַקסט אויף דער חורבה גראָז... משונה גראָז... גאָטס גראָז, קיינער זייט עס נישט, קיינער שניידט עס נישט...

אָט אין דער חורבה האָט דער ציגנבאָק געוואוינט, דאָס גראָז האָט ער געגעסן...

און אויף אַזוינע חורבות, ווי געזאָגט, וואַקסט משונה גראָז— אַ סגולה אויף הערנער... פון אַזאַ גראָז וואַקסן זיי געשווינד און הויך, הויך... און נאָך אַ סגולה האָט דאָס גראָז: די הערנער, וואָס וואַקסן דערפון, זייען לעבעדיקע הערנער: זיי לאָזן זיך איינדרייען און באַהאַלטן זיך און אויסגלייכן און נתגלה ווערן...

וואָרים אַז זיי זיינען איינגעדרייט, איז גאָרנישט! ליגן זיי

שטיל, ווייסט קיינער נישט עד היכן הדברים מגיעים... גלייכן זיי זיך אָבער אויס, קאָן זיין עד לב השמים!

און דער ציגנבאָק איז נאָך אַ גרויסער נזיר געווען. אַן אָפּגעהיטענער נזיר: ער האָט קיין אַנדער גראָז אין מויל אַריין נישט גענומען, קיין צופּ נישט געטאָן... נאָר חורבה־גראָז... אויך נישט פון דער גאַנצער חורבה... ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף גראָז, און אויסגעקליבן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, הן אין געשמאַק, הן אין ריח... און ער איז אַ גרויסער, אַ גרויסער מבין געווען אויף גראָז: דאָס, האָט ער געפילט, וואַקסט אויפן אָרט פון תורה לשמה... יענץ—פון תפילה בכונה, און דאָס איז גאָר פון בלוט, פון יידיש בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן על קדוש השם... און דאָס האָט ער דער עיקר געזוכט...

זיינען טאַקע די הערנער געוואָקסן און געוואָקסן...

און די הערנער האָט ער געהאַלטן פאַרדרייט, אַ נזיר געווען און אַ נסתר... נאָר אינמיטן דער נאַכט, ווען דאָס שטעטל שלאָפט, און פרומע יידן זיינען אין שולן און בתי־מדרשים און זאָגן חצות, און דורך די פענסטער פון שולן און בתי־מדרשים רייסט זיך אַרויס דאָס האַרץ־ווייטאָג פון „על נהרות בבל" און צעגיסט זיך צווישן הימל און ערד, דעמאָלט כאַפּט אָן דעם ציגנבאָק אַ הייסבייסנדיק בענקעניש, שטעלט ער זיך אויף די הינטערשטע פיס, גלייכט ער אויס די הערנער, ציט זיך אַרויף, אַרויף, און אויב עס איז נאָך אַ יונגע, ערשט געבענטשטע און געהייליקטע לבנה, פאַרוואַרפט ער די שפּיצן איבער איר אונטערשטן עק, פאַרהאַלט זי און פרעגט.

— וואָס הערט זיך דאָרט, הייליקע לבנה? נאָך נישט צייט, משיח זאָל קומען?

און די לבנה חזרט איבער די שאלה פאַר די שטערן און די שטערן ווערן ווי פאַרציטערט, און פאַרהאַלטן זי אין איר וועג. און עס ווערט שטיל. שטיל בלייבט די נאַכט, איר זמר האַקט זיך אָפּ... וואונדערט מען זיך אויבן, ביים כסא הכבוד, וואָס מען הערט נישט די שירה פון דער נאַכט. שיקט מען אַראָפּ געוואָר ווערן, וואָס עס קען זיין, ברעגנט דער שליח די תשובה, אַז לבנה און

שטערן פֿאַרהאַלטן זיך און פֿרעגן, צי עס איז נאָך נישט צייט אויסגעלייזט צו ווערן...

זיפֿצט מען, ביים כּסא הכּבוד...
און אַזוינס קאָן אַ פּעולה האָבן...

---

און דאָ האָט זיך ר׳ נחמנקעס קול אָפּגעריסן..

ער פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט, און דער קאָפּ מיט די הענט, זעט מען בחוש, ווי זיי ציטערן, און די לבנה אין דער הויך, וואָס האָט זיך געשטעלט ווי אַ קרוין איבער זיין קאָפּ, דאַכט זיך, ציטערט אויך... און ערשט נאָך אַ ווײַלע האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, עס האָט זיך באַוויזן נאָך אַ בלאַסער פּנים, און מיט אַ וואונדערלאַך פֿאַרציטערט קול האָט ער ווייטער דערציילט:

— און דאָס,—זאָגט ער—וואָס ער האָט זיך דאָ געהאַלטן, איז שוין אויך געווען אַ גרויס חסד פֿון אים...

אַן אַנדערער, האָסט אַזוינע הערנער, פֿאַרצעפּעסט די לבנה, שפּרינג אונטער, מאַך אַ קאָזיאָלעק אַרויף... אין הימל אַריין, לעבעדיקערהייט אין גן-עדן אַריין... וואָס גייט דיך אָן?

איז ער אַ בעל-רחמים; איז אים די קהילה אַ שאָד; וויל ער זי נישט פֿאַרלאָזן... פֿון צייט צו צייט — הונגער-יאָרן, די קהילה הייבט אָן אָפּצופֿאַלן, ווייבער פֿאַרקויפֿן פֿון זיך אַראָפּ דאָס צירונג, מענער — די עטרות פֿון קיטלען און טליתים... חנוכּה-לעמפּלאַך, שבת-לייכטער, בגדי שבת ויום-טוב—וואַנדערן פֿון שטעטל אַרויס... און עס ווערט ערגער... מען נעמט תּינוקות של בית רבן פֿון חדר אַרויס; נישטאָ קיין רבי געלט צו צאָלן... מען הייבט אָן פּאַכען מיט די נשמות—עס קומען תּחלואים רעים פֿאַר, הונגער, און דעמאָלט מוז ער העלפֿן!

פֿאַראַן אין הימל אַ מילך-וועג", אַזוי רופֿן די שטערנזעערס די ווייסלעכע פֿלעקן, וואָס זיינען צעוואָרפֿן אויפֿן הימל. עס איז אָבער קיין וועג נישט... קיינער גייט נישט, קיינער פֿאָרט נישט דאָרט...

פעלדער זיינען עס. גרויסע, גרויסע פעלדער, פּאַרזייטע מיט טייערע שטיינער, מיט אבנים טובות ומרגליות, אין לשער ואין לספר — אבנים טובות ומרגליות אויף קרוינען פאַר צדיקים אין גן-עדן אַריין... קיינער רעכנט נישט, קיינער ציילט זיי נישט — כחול הים! זיי וואַקסן און וואַקסן, די אבנים טובות ומרגליות, זיי ווערן וואָס אַ מאָל מער, צדיקים — וואָס אַ מאָל ווייניקער — זאָלן זיי זיך וואַקסן! פאַרשפּרייטן זיך די פעלדער.

און אַז דאָ איז כלו כל הקצין, און דער גזר-דין לאָזט זיך, חס-ושלום, נישט ברעכן... גייט ער, דער באַהאַלטענער בעל-באָס פון די לעבעדיקע הערנער, אין אַ שטילער מיטער-נאַכט, ווען דאָס שטעטל שלאָפט און פון שולן און בתי-מדרשים שווימט אַרויס אַ שטיל געוויין אויף גלות ישראל און גלות-השכינה, — און שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, און גלייכט אויס די הערנער, און פאַרוואַרפט די שפּיצן צום מילך-וועג אַרויף, און פאַר-ציפּעט און רייסט אויס אַן אבן-טוב, און וואַרפט עס אינמיטן מאַרק אַריין. צעשפּריצט זיך אַזאַ אבן-טוב אויף טויזנטער שטיק-לאַך, גייען יידעלאַך אהיים פון חצות, פינקלט דער מאַרק פון אבנים טובות, געפינען זיי כשרע מציאות, איז דאָ פרנסה אויף אַ צייט...

דעריבער קאָן ער נישט אַרויף.

---

און ווייטער רייסט זיך אָפּ זיין קול און נאָך אַ ווײַלע הייבט ער ווייטער אָן:

— „און דאָס רחמנות האָטן איבערגעפירט"...

דורכן גוטסקייט איז ער נתגלה געוואָרן; נישט ער, — די הערנער...

און דורך אַ קלייניקייט. דורך טאַבאַק שמעקן...

און וואונדערלאַך האָט אָנגעהויבן קלינגען דאָס קול ביים סוף פון דער מעשה, און מען ווייסט נישט, צי לאַכט עס, צי וויינט עס?

— איבער טאַבאַק שמעקן,—זאָגט ער,—עס איז אַ מנהג געוואָרן צו שמעקן טאַבאַק... עס ווערט, זאָגט מען, ליכטיק אין די אויגן. נו, אַז מען שמעקט טאַבאַק, דאַרף מען פּושקעלאַך, שקעטעלאַך... זוכט זיך אַ ייד אַ שטיקל האָרן, געפינט ער אין מיסט, הייבט ער אויף און מאַכט זיך אַ שקעטעלע... גייט אַן אַנדערער און טרעפט אַ ציג צי אַ בהמה און בעט אַ שטיק האָרן, קריגט ער אַ זעץ אָן אַ זייט... מאַכט זיך אָבער, אַז אַ ייד טרעפט אויפן ציגנבאָק, גראָד פאַרבייגעגאַנגען דער חורבה, בעט ער:

— בכור, צי נישט בכור, האָסט אַזויפיל האָרן, שענק מיר דערפון אַ שטיקל אויף אַ פּושקעלע!... קאָן ער נישט אָפּזאָגן — שניידט דער ייד אָפּ אַ שטיקל... קומט ער אין בית-המדרש אַריין און איז מכבד מיט אַ שמעק טאַבאַק, פרעגט מען אים, וואו ער האָט באַקומען אַזאַ פיינעם האָרן, זאָגט ער... גייט שוין קינד און קייט בעטן... ווער עס שמעקט טאַבאַק... קאָן ער נישט אָפּזאָגן... בויגט ער פאַר יעדן איין דעם קאָפּ, שניידט מען האָרן אויף פּושקעלאַך... ווער עס קומט, בויגט ער איין דעם קאָפּ: שנייד... און דער האָרן קריגט אַ שם, פון דער סביבה קומט מען נאָך האָרן... מען וועט קומען פון כל תפוצות ישראל... עס וועט זיין פּושקעלאַך און שקעטעלאַך... נאָר אָנכאַפּן זיך אָן דער לבנה און פרעגן אויף משיחן וועט באַלד נישט זיין מיט וואָס... אַפילו אַן אבן-טוב וועט נישט זיין מיט וואָס אַראָפּצוּוואַרפן...

און ער האָט אָפּגעהאַקט, איבערגעדרייט זיך פון עולם און איז אַוועקגעגאַנגען...

באותו הרגע האָט אַ וואָלקן פאַרשטעלט די לבנה, און אַ טרויער און כמעט אַן אימה איז אויפן עולם געפאַלן...

כּידוע, האָט זיך עס פונדעסטוועגן אויסגעלאָזט צום גוטן.

# ר׳ נחמנקעס מעשיות.

## דאָס בלאָנדזיען אין מדבר.

### I.

**נאָך וואָס און ווען ר׳ נחמנקע פלעגט דערציילן מעשיות.**

די מעשיות פלעגט ר׳ נחמנקע דערציילן מוצאי שבת נאָך הבדלה.

און וויסן דאַרף מען, אַז תכלית המעשיות איז געווען, ערשטנס, מגלה צו זיין סתרי תורה, וואָס מען קען נישט מסביר זיין, נאָר בדרך משל, און צווייטנס—צו פאַרטרייבן די מרה־שחורה, דאָס עצבות און בענקעניש צו דער נשמה־יתרה, וואָס טוט זיך אָפּ אויף אַ גאַנצע וואָך...

די בשמים, פלעגט ער זאָגן, גיבן זייער ריח פאַרן גוף, די מעשהלאַך—פאַר דער נשמה, פאַר דער פאַריתומטער, וואָכנדיקע נשמה.

וואָרים דאָס בענקעניש צו דער נשמה יתרה איז געווען ביי אונז אין לשער. ער פלעגט זאָגן: ווען אַ ייד האָט די נשמה־יתרה אַ גאַנצע וואָך, וואָלט ער אַ גאַנצע וואָך געהאַט בטחון, און ממילא—פרנסה.

און דאָס קול, מיט וועלכן ער פלעגט די מעשהלאַך דערציילן, איז נשתנה געוואָרן לויט דעם ענין, לויט דעם תוך פון מעשהלע, עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן עצבות פון אַן „אל מלא רחמים", און עס האָט געקענט קומען צו דער שמחה פון אַ „היום־תאמצנו", אָדער גאָר דערגרייכן צו דער מדרגה פון דער הייליקער גבורה פון אַ „יגדל"... נאָר די מעשה פון זיין בלאָנדזיען

אין מדבר האָט ער אָנגעהויבן מיט עצבות און געענדיקט מיט עצבות...

וואָרים עס איז אַן אויסטערלישער מוצאי שבת געווען; אויסטערליש ווי דער שבת אַליין.

אַ גאַנצן שבת האָט מען זיך, כמעט אומזיסט, געבאָרעט מיט דער מרה-שחורה... ערשטנס, איז אַ קליינער קבוץ געווען הן בכמות, הן באיכות—עס איז שוין געווען די התחלה פון מחלוקת צווישן ר׳ נחמנקען און אַנדערע צדיקי הדור, האָט זיך דער עולם אַ ביסל דערשראָקן און זיך געהאַלטן פונוויטן; עס האָט אויסגעזען, רחמנא ליצלן, ווי אַ חורבן. „מיינע חיילות—האָט ר׳ נחמנקע געזאָגט—קענען נאָך קיין פולווער נישט שמעקן”. און צווייטנס, איז דער טאָג אַליין אָנגעזאַפּט געווען מיט אומעט.

אינדערפרי—מקוה-צייט — האָט זיך געדאַכט, — קיין מעשה נישט: אַ זון, אַ ביסל קאַלטלאַך, נאָר אַ זון. עס האָבן זיך באַוויזן עטלאַכע כמאַרעס, האָט זיך געמאַכט אַ ווינטל, און האָט זיי צעריסן אויף שטיקער און צויטן, און אָפּגעטריבן פון דער זון. „זה ינחמנו”—האָט ר׳ נחמנקע געזאָגט, ווייזנדיק אויף דער זון. עס האָט זיך אָבער נישט אויסגעפירט: די שטיקער און צויטן האָבן זיך צוריק מצטרף געווען, און צו שחרית איז שוין דער הימל געווען איבערגעצויגן מיט אַ פרוכת, ווי אויף שבת חזון. דער ווינט האָט נישט אויסגעפירט; האָט ער אָנגעהויבן זאָגן קינות. מיר זיצן ביים טיש און זינגען זמירות, דער ווינט אין דרויסן זאָגט קינות. און די שויבן אין די פענסטער האַלטן אונטער, און מיט אַזאַ מין עצבות, אַז עס האָט אונז אַראָפּגעפירט אויף סאַמע ימים-נוראים-דיקע ניגונים...

צו שלש-סעודות האָט זיך—איך געדענק עס ווי היינט—דער ווינט געלייגט, און עס האָט אָנגעהויבן אַ גאָס-רעגן, ווי אויף אַ מבול, חס ושלום! און עס האָט שוין אַזוי גערעגנט און גערעגנט, אַז „אין יוצא ואין בא”, און קאָפּ אויף קאָפּ זיינען מיר געשטאַנען ביים רבין אין שטוב...

באַלד נאָך הבדלה האָט ר׳ נחמנקע פאַררויכערט די ליולקע, פּידוע, איז דאָס רויכערן ביי ר׳ נחמנקען שטענדיק געווען אַ מין

עבדות. ער פלעגט קיינמאָל נישט רויכערן, נישט לשם תענוג, נישט לשם רפואה, נאָר עפּעס פּועל־יוצא זיין. דאָס ווייס איך מפּיו הקדוש. נאָר דעמאָלט האָט מען געזען בחוש, אַז מיטן רוי־כערן האַלט ער ממש מלחמה, אַז ער ראַנגלט זיך; די רינגען זיי־נען אַרויס מפּיו הקדוש, טאַקע „כחצים מיד גבור"... שטיין שטייט „ביד", נאָר עס איז אַלץ איינס...

ווי געזאָגט—„אין יוצא ואין בא". דער עולם שטייט אַרום און אַרום און ר' נחמנקע זיצט אין דער מיט, אין סאַמע־ראָדנע מיט, אויפן רויט־סאַמעטענעם פאָטער־שטול — אַ מתנה פון אַ דאַנ־ציקער סוחר—און פּיפּקעט. און וואָס מער ער האָט געפּיפּקעט, קלענער איז געוואָרן די מרה־שחורה, און עיניו הקדושות האָבן שוין אָנגעהויבן לייכטן און פינקלען, כמנהגם. און עס האָט אָנ־געהויבן פון זיי אַרויסצושיינען און אַרויסצובליצן דער שטאַרקער רצון און די אמתע גבורה פון אַן אמתן צדיק־הדור, וואָס ווייסט, אַז סוף כל סוף, אויספירן מוז ע ר! אַז ער איז פּ אָ ר ט דער רעדל־פירער, דאָס אויבערשטע פון שטויסל — דער מנהיג הדור, וואָס האָט גאָר קיין חשק נישט, אַרויסצולאָזן די לייצן פון האַנט.....

און אַז דער עולם אַרום האָט דאָס דערזען, האָט ער גע־מאַכט יד־אחת, און עס איז געוואָרן אַ געפּיפּקעריי! — טאַקע אין לשער! און דער עתר ענן הקטורת האָט זיך געהויבן, און גע־הויבן, און ר' נחמנקעס אויגן האָבן אָנגעהויבן לייכטן ווי די שטערן... און די ליכט אין די לייכטער און „שאַבאַשניקעס" זיינען גרין און געל געוואָרן פאַר בושה, און אין רויך איז פאַרשוואונדן, בעלם געוואָרן די סטעליע, און דער עולם האָט דערפילט, אַז מען האָט איבער זיך אַן אָפענעם הימל... און מען האָט ממש געהערט דאָס רוישן פון די פליגל איבער די קעפּ, און מען האָט געוואוסט, אַז דאָס רוישן די פליגל פון די מלאכים, וואָס זיינען געקומען צו שוועבן ממלא צו זיין דעם חסרון פון קבוץ, און אַז זיי וואַרטן עס און בענקען גלייך מיט אונז צום רבינס מעשהלאַך.

און ער האָט אָנגעהויבן...

II.

## וועגן בלאָנדזיען.

איינמאָל, — האָט ער אָנגעהויבן שטיל — האָב איך גע־בלאָנדזיעט.

און צוגעגעבן האָט ער, אַז עס איז ביי אים געוועזן נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס לעצטע מאָל.

און גרעסערע פון מיר—זאָגט ער—האָבן געבלאָנדזיעט. אין לשער זיין עניוות!...

און עס איז קיין חידוש נישט.

מי לנו גדול ממשה?

נעמט משה רבנו און שלאָגט אַ שטיין...

צי ווייסט נישט משה רבנו, אַז אַ שטיין לעבט, אַז עס איז אַ צער-בעלי־חיים?

צי ווייסט ער נישט דעם סוד פון: „אבן מקיר תזעק" — אַ שטיין פון דער וואַנט וועט שרייען? אַז כמה וכמה פעמים גייט גאָר אַ מענטש און פאַרגעסט און ערשט אַ שטיין, אַ גל-עד, אָדער גאָר אַ פשוטע מצבה דערמאָנט אים?

ער האָט געבלאָנדזשעט! די שכינה איז נסתלק געוואָרן אויף אַ רגע, האָט ער געבלאָנדזיעט!

און ווער בלאָנדזיעט נישט?

אפשר אַ מתנגד?

דאָס הייסט: ער בלאָנדזיעט אויך, נאָר נישט מיט זיין אייגענער כונה, און—נישט אויף זיין אייגענעם חשבון!

ער בלאָנדזיעט לויט כונה פון אַ ספר, אויפן חשבון פון אַ פוסק! ער אַליין—נישט! ער גייט נאָר אויפן אויסגעטראָטענעם וועג, פון קדמונימס פיס אויסגעטראָטן! און כאַפּט זיך דער וועג אַראָפּ אָן אַ זייט, איז—„אבותינו חטאו"—די, וואָס האָבן אויסגע־טראָטן דעם וועג! אים אַליין וואָלט עס גאָרנישט איינגעפאַלן!

אָבער אַזוי—בלאָנדזיעט מען!

עס גייט אַרום אַ מענטש אין גאַס מיט אַ צדקה־פושקע אין דער האַנט, אויף מעות־חטין, למשל. פורים און חנוכה זיצט

אַ נגידישער מענטש ביים בייטל מיט געלט און טיילט: פאַר פּו-רים-שפּילער, פאַר כלי-זמר, פאַר אלמנות ויתומים און אַזוי אָרימע-לייט... עס שטייט גאָר אַ שליח-צבור ביים עמוד און רייסט איין וועלטן! עס פאַרטיפט זיך גאָר אַ בר-נש אין קבלה-מעשיות און איז ממש מחיה מתים... און באמת איז עס גאָרנישט דער מענטש אַליין, נאָר אַ שאָטן פון אַ מענטש, און ער אַליין, דער מענטש, בלאָנדזיעט, רחמנא יצילנו, אַרום אין אַ מדבר... אויף אַ וויסט אָרט, אָן וועג און שטעג, אָן וואַסער, און טיילמאָל, אָן אַ הימל איבערן קאָפּ!

אַ מענטש איז זיך גאָר משמח: ער זאָגט חידושי-תורה און האָט הנאה! ער האַלט גאָר אַ שטורקאַץ, אַ ברענענדיקן שטורקאַץ, צי אַ הבדלה אין דער האַנט — ער פירט צו דער חופּה זיינע אייגענע, אָדער פרעמדע, אָרימע קינדער. צי ער שטייט גאָר מיט אַ גדלות פאַרן עולם, און זאָגט „אתה הראית"! ער איז זיך גאָר מוסר נפש און קומט אום על-קדוש-השם... און דאָס אַלץ, רחמנא ליצלן, טוט דער גוף, און די נשמה וואַנדערט באותה שעה אַרום אונטער די הרי-חושך... אַ צעשראָקענע, אַ פאַרמאַטערטע, אַ פאַרשוואַרצטע און אַ פאַרציטערטע פאַר קעלט...

## .III

## דער ענין פון בלאָנדזיען אין מדבר.

— הכלל, — האָט ער אָפּגעזיפצט — איך האָב פאַרבלאָנדזשעט.

און ווען?

ביי שחרית, ביי דער „ד'" פון אחד...

איך בין טיף אַריין אין דער „ד'" מיט אַ כוונה פון דער רעכטער זייט, און אַרויס בין איך אין דער לינקער זייט — גלייך אין מדבר אַריין.

און ווייסט איר וואָס „בלאָנדזיען אין אַ מדבר" באַטייט?

עס בלאָנדזיען אַרום אין אַ מדבר כפלים כיוצאי מצרים, און איינער זעט דעם צווייטן נישט, און איינער הערט דעם צווייטן

נישט, ווייל יעדערער בלאָנדזיעט זיין אייגענעם וועג... מען בלאָנדזשעט שטענדיק ביחידות, פאַרלאָזט און פאַרגעסן פון דער וועלט.

און טרעפט זיך, אַז צוויי וועגן זיינען זיך נישט ווייט, און מען הערט אויף איין וועג אַ קרעכץ פון שברות הלב אויפן צווייטן, אָדער עס לייגט זיך פון איין וועג אויפן צווייטן אַ שאָטן פון אַ צעבראָכענעם מענטש... מיינט מען: אַ חיה רעה האָט געשריען, אַ שאָטן פון אַ חיה רעה האָט זיך געלייגט איבערן וועג, און מען אַנטלויפט!

און האָט מען שוין אַ הימל איבערן קאָפּ, איז עס אַ קאַלטער הימל. קוקט ער אויף דיר מיט קאַלטע אויגן פון כוכבים ומזלות: „מיין דאגה" הייסט עס... אַ גרויסע זאַך, עס בלאָנדזיעט אַ מענטש! און עס איז נאָך אַ מין „לועג לרש". די כוכבים ומזלות זאָגן: מיר בלאָנדזיען נישט! מיר גייען אונזער וועג... מיר זוכן קיין כוונות נישט! מען הייסט אונז גיין, גייען מיר; מען הייסט אונז לייכטן, לייכטן מיר—אמתע מתנגדים!

און ביחידות פילט מען זיך אַזוי פאַריתומט, אַזוי פאַרלאָזט, אַזוי דערשלאָגן, אַז עס ווילט זיך גאָרנישט אויפהויבן דעם קאָפּ צום הימל! מען קוקט אַראָפּ אויף די פיס; אויפן זאמד, וואָס קויקלט זיך אונטער די פיס, אויפן בית-עלמין פון פוילע געוויקסן און בלעטער—נשרפים פאַר דער צייט...

און איך וואָלט אפשר פאַרבלאָנדזיעט ביזן שאול-תחתיה אַריין, ווען נישט דער ספק. עס איז מיר פלוצלונג איינגעפאַלן: טאָמער? טאָמער איז ביחידות קיין וועג נישט, קיין גאַנג נישט... אפשר איז גאָר די וועלט קיין מדבר נישט, דאָס לעבן קיין זאמד נישט?

און דאָס איז טאַקע דער חילוק פון אונזער איינעם ביז אַ מתנגד.

אַ מתנגד האָט קיינמאָל קיין ספקות נישט; אויסגעטרעטענע וועגן!

ער זוכט קיין כוונות נישט און בלאָנדזיעט נישט. מען הייסט דאַווענען — דאַוונט ער, אַ פרק משניות לערנען — לערנט

ער... אַ מצוה טאָן—טוט ער... דערפֿאַר אָבער, פֿאַרבלאָנדזיעט אַמאָל אַ מתנגד, איז עד סוף כל הדורות! בלייבט ער שוין אין מדבר...

אין זאַמד איז דער וועג שווער, שטעלט ער זיך אָפּ, זעצט ער זיך. נעמט ער אַרויס אַ סידורל און דאַוונט, אַ ספר און קוקט אַריין... און ער בלייבט שוין אַזוי זיצן. דער ווינט יאָגט אים דאָס זאַמד אין פּנים אַריין, פֿאַרשטעלט ער זיך מיטן ספר, מיטן סידורל... און דער ווינט טוט זיך זיינס: יאָגט און באַגראָבט אים אין זאַמד...

און מחוץ למחנה, וועט ער אַפילו דעם שופר של משיח נישט הערן... און דער מלאך פֿון תחית המתים וועט אים נישט גיין זוכן אין זאַמד פֿון מדבר. פֿאַרגעסן ווערט דער מתנגד...

איך בין אָבער געגאַנגען... און וואָס מער און גע־שווינדער איך בין געגאַנגען, קלאָרער איז מיר געוואָרן, אַז איך בלאָנדזיע, אַז נישט דאָ איז מיין אָרט, אַז מען מוז אַרויס פֿון זאַמד. מיט געשוואָלענע פֿיס בין איך געלאָפֿן... אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער... און דער הימל האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר מיט רחמים... הבא לטהר... און פֿון צו צייט האָט זיך אויף מיר אַ שטערנדל מרחם געווען, ממש מוסר נפש געווען און האָט זיך אַליין אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דער הויך, און אַראָפּפֿאַלנדיק, צעפֿלאַקערט זיך, אום צו ווייזן מיר דעם וועג פֿון מדבר אַרויס...

עס איז אָבער נישט אַזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך...

און נישט שטענדיק לאָזט זיך קוקן אין הימל אַריין... אָפֿט איז דער הימל פֿאַרשטעלט, פֿאַרשלאָסן, און עס בלייבט דיר נאָר זאַמד און זאַמד און אין מוח—זאַמדיקע געדאַנקען.....

און מיט דער צייט פֿליען די אַלטע מחשבות, די מחשבות פֿון ישוב, דיר פֿון קאָפּ אַרויס, ווי די ווייסע טויבן פֿון אַ טויבן־שלאַק... און דו האָסט זיי נישט מיט וואָס צוריק צו פֿירן, און דו האָסט קיין קול נישט, זיי צוריק צו בעטן, צוריק צו רופֿן. און עס בלייבן נאָר די מדבר־מחשבות, מחשבות פֿון זאַמד און פֿון אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות מיט זאַמד!

משוגע צו ווערן! אַז אַ מענטש ווייסט נישט מער, ווי „ברויט און ברויט!" איז עס אַ שגעון, בפרט—זאַמד און זאַמד.

איך טראַכט, למשל:

— עס האָט געמוזט דאָ ערגעץ זיין אַ ים; ווייל זאַמד איז נאָר באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ גרעניץ ביים ים...

— זאַמד איז קיילאַכדיק, ווי דאָס איי פאַרן אָבל; עס קויקלט זיך, ווי דאָס מזל פון אַ בשר־ודם!

— און יידן זיינען געגליכנט צו זאַמד.. דאַרע, טרוקענע, צעוואָרפענע קערנדלאַך, איינס צום אַנדערן האָט נישט מיט וואָס און קען זיך נישט באַהעפטן...

— און מיר וואָלטן געווען אַזויפיל, ווי אין מדבר דאָס זאַמד, ווען נישט גזירות, הריגות און שמדות...

— און וואָס איז דען זאַמד? חוקרים זאָגן: אַמאָל איז געווען אַ פעלזען ביים ים, האָט אים דער ים אונטערגעוואַשן, אומגעוואָרפן, אין זידנדיקן קעסל־גרוב אַריין באַקומען, און צעריבן, צעמאָרשטן, און געמאַכט פון אים זאַמד. — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי האָט ער נאָך לאַנג געדעדט וועגן זאַמד, און וועגן ענין פון בלאָנדזיען אין זאַמד, ביז ער איז געקומען צום גוף המעשה.

## IV.

## אַ מחנה פייגל, און וואָס דער מלך פון די פייגל האָט דערציילט.

נאָענט צו דער צייט, ווען עס איז מיר באַשערט געווען, אויסגעלייזט צו ווערן פון טעות, האָב איך פלוצלונג אַ מחנה פון פייגל דערזען.

און די מחנה איז געווען בצורת משולש, אַ דרייעק אויף גאַנצע מיילן, וואָס האָט זיך גערוקט פאַר מיר אין דער מדבר.

פון הינטן אַ ברייטע שורה פייגל, מיילן די ברייט. נאָר וואָס ווייטער, ווערן די שורות אַלץ שמעלער און שמעלער, ביז

צו איין פויגל, ביז צום קאָפּ, ביז צום ראש פון דער מחנה, ביז צום מלך פון די פייגל...

געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, האָב איך געטראַכט, וואָס איך זע עפּעס נייס, אויסער זאַמד. און באַלד זיינען מיר גאָר אַנדערע מחשבות אין קאָפּ אַריינגעקומען:

פאַרוואָס איז די מחנה דרייעקיק?

און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

על-פּי דין ועל-פּי יושר, דאַרף אַלץ זיין גלייך, אַלע שורות גלייך. די מחנה דאַרף דעריבער זיין אַ מרובע, פירעקיק דאַרף זי זיין. זיינען אָבער די, וואָס גייען אין די שורות, נישט גלייך. און דעריבער, וואָס גרעסער עמיץ איז, שמעלער איז זיין שורה, ווייניקער חברים האָט ער; גייען אַלץ מער אונטער אים און — אַלץ ווייניקער פאַר אים... און אַזוי גייט עס ביז צום מלך, וואָס גייט פריער פאַר אַלע, און איז דעריבער אַזויפיל ווערט ווי אַלע.

היינט — הדיוט קופץ בראש! ביי שנים כתיקונן — גייט משה רבינו פאָראויס, אונטער אים — נושאי כלים, אונטער די נושאי כלים — זקנים, דערנאָך — כוהנים, לווים, צום סוף ערשט — ישראלים: די ברייטסטע שורה. און דאָס איז דער סוד פון „שקול משה כנגד כל ישראל"... ער איז געגאַנגען פאָראויס! פאַר אים איז נאָר געווען דער עמוד ענן, צי דער עמוד אש, קיין לעבע-דיקער מענטש נישט!

דערנאָך וויל איך וויסן, פאַרוואָס פליען נישט די פייגע-לאַך אונטערן הימל אינדערהויך, ווי דער מנהג פון פויגל איז?

און איך האָב „געגעבן דאָס הארץ", און איך האָב מיך צוגעקוקט, און איך האָב דערזען, — אַז די פייגל האָבן כמעט קיין פליגל נישט, כאָטש זיי זעען אויס ווי פייגל...

מיליאָנען-מיליאַסן פון די לעצטע שורות האָבן קוים צייכן, קוים אַ זכר פון פליגל... די פון די ערשטע שורות האָבן שטיק-לאַך אויסגעדאַרטע פליגעלאַך, קליין און דאַר ווי די פלוספעדערן ביי פיש... נאָר די הויכע רירן קוים, קוים מיט די עקן פון די האַרטע פליגעלאַך, און ווישן זיך טיילמאָל אָפּ די מיילער בבחינת

„אָכלה... ומחתה"... און דער מלך אַליין, וואָלט אויך געמעגט מקנא זיין די ערגסטע און די פוילסטע גאַנז... דעריבער פליט מען נישט!

מען פליט נישט און מען גייט אפילו נישט, נאָר מען היפּט.

און גיין קען מען נישט, ווייל מען האָט פויגל־פיס — דאַרע קורצע שטעקעלאַך, נישט צום אויסבויגן.

און פונוואַנען — קלער איך — ציען זיי חיונה? —

און איך קוק מיך צו, און זע, ווי פון צייט צו צייט בויגט, איין שורה נאָך דער צווייטער, איין די קעפּ, וואַרפט אַ הונגעריקן בליק אויפן זאַמד, גיט אַ שטאָך מיטן שנאָבל, גראָבט אויס אַ נשרף — אַ בלאַט, אַ פאַרפוילט שטיקל צווייגל, אַ געוויקסל, וואָס גאָט ווייסט פונוואַנען עס קומט אין זאַמד פון מדבר אַריין, און וואַרפט עס זיך אין מויל אַריין... און שלינגט איין...

דערפון לעבט עס!

און ווייטער וויל איך וויסן, וואו אַהין די פייגל ציען? צי איז זייער וועג אויך מיין וועג, צי איך דאַרף זיי מיידן, און רעכטס אָדער לינקס?! איל איך מיר צו און קום צום שפּיץ פון דעם משולש, צום מלך פון די פייגל.

און מלך בלייבט מלך; יאָ פליגל, נישט פליגל, עס קומט אים זיין כבוד!

איך שטעל מיך אָפּ, מאַך אַ ברכה, נייג מיך מיט דרך־ארץ, און דערנאָך פרעג איך, וואו אַהין ער פירט די מחנה?

ענטפערט ער מיר, דער מלך, אַז עס איז נאָך אַ ספק, צי ער שלעפּט די מחנה נאָך זיך, צי די מחנה שטופּט אים פאַר זיך פאָראויס. נאָר גיין גייט מען אויף מלחמה.

— אויף וועמען?

— אויפן אַלטן הויז!

איך קוק מיך אום, און זע נישט אויסער זאַמד און זאַמד.

דער מלך פון די פייגל האָט זיך געשטויסן, וואָס מיין בליק בייט, און ער האָט מיר געזאָגט:

— דו גייסט געשווינדער פאַר אונז, און וועסט עס פריער פאַר אונז דערזען!

— און וואָס ווילט איר — פרעג איך — פון אַלטן הויז?

— אַלטע חשבונות! ענטפערט דער מלך, און דערציילט מיר אַ באָבע־מעשה:

דאָס אַלטע גרויסע הויז, — וואָס דו וועסט דערזען פריער פאַר אונז, ווייל דו גייסט געשווינדער פאַר אונז, — איז אַמאָל אַ גרויסער פּאַלאַץ געווען, און אין אים האָבן אַ סך פּריצים און פּריצות געוואוינט...

און די פּריצים מיט די פּריצות האָבן גוט געלעבט. עס האָט זיך געגאָסן וויין ווי וואַסער, עס האָבן זיך גאַנצע אָקסן געבראָטן, און ביים וואַלד — ביים פרישן גרינעם וואַלד, וואָס האָט אַמאָל געוואַקסן אַרום הויז — דאָס גאַנצע ווילדפּרעט צוגענומען!

איז זיי נאָך ווייניק געווען. האָבן זיי נאָך געוואָלט מוזיק צו די סעודות, און זיי האָבן די משרתים זייערע אין וואַלד אַריינגעשיקט, און אַלע זינג־ און שפּיל־פייגעלאַך געפאַנגען, און אין שטייגן אַריינגעזעצט, זיי זאָלן זינגען די פּריצים מיט די פּריצות צו דער סעודה.

און פאַרשטומט איז געוואָרן דער וואַלד. און פאַר בענקעניש צו זיינע האָזן, הירשן און אַנדערע חיות, און נאָך פאַר גרעסער בענקעניש צו זיינע זינג־ און שפּיל־פייגל פון צווישן צווייגן און בלעטער, — האָט דער וואַלד אָנגעהויבן קרענקען, ער האָט אָנגעהויבן דאַרן און קוואַרן, ביז ער איז אָפּגעדאַרט געוואָרן און איז מיט דער צייט פאַרשוואונדן געוואָרן אינם זאַמד, פון וועלכן מיר גראָבן נאָך אַרויס רעשטלאַך פון זיינע צווייגלאַך און בלעטער...

די פייגל אין די שטייגן איז עס אויך נישט בעסער צוגעגאַנגען. מען האָט זיי אפילו אויף צוקער געהאַלטן, נאָר אין די ענגע שטייגן האָבן זיי נישט געקענט די פליגל באַנוצן, און די פליגל האָבן ביי זיי אָנגעהויבן צו דאַרן און צו פאַרשווינדן, ווי די ביימער פון וואַלד — פון זייער היים...

און מיר — זאָגט דער מלך — זיינען די אוראייניקלאַך פון יענע פייגל... זע — מיינע פלוספעדערן!... און איך בין עס שוין דער מלך... אנדערע האָבן שוין גאָרנישט! און צונד — זאָגט ער — איז געקומען די צייט, און מיר גייען מלחמה האַלטן מיטן אַלטן הויז...

— וואָסווילט איר מיטן טאָן?

— חרוב מאַכן! מיר ווען די שטאַרקע מויערן צעהאַקן, צעברעקלען אויף שטיינדלאַך; די שטיינדלאַך צערייבן אויף זאַמד, דאָס זאַמד — אויף שטויב, און דעם שטויב ווען מיר איינשלינגען, אָפּצונאַרן דעם לערן מאָגן...

— ווען איר דען בייקומען א הויז?

— עס איז אַלט דאָס הויז, און אינעווייניק אַרבעטן אונזערע שותפים — די האָלץ־ווערים... בייטאָג און ביינאַכט אַרבעטן זיי... און דאָס הויז איז גאָרנישט אַזוי שטאַרק, ווי עס וועט אויסווייזן פון דרויסן... צונד אוודאי נישט... און לאָז עס זיין ווי שטאַרק, זאָל זיין א פעלזן ביים ים, זיינען מיר דאָך א ים פייגל און ווען אים צעמאָרשטן!

— און אין הויז וואוינט עמיץ?

— די אַלטע שררות אייניקלאַך... רעשטלאַך...

— און מיט זיי, וואָס וועט איר טאָן?

— דאָסזעלבע, ווי מיט די מויערן — צעשטויבן און איינשלינגען. זייער שטויב וועט אונז אפשר בעסער שמעקן, און אפשר נישט... נאָר נוקם זיין מוז מען זיך!

און נקמה — זאָגט ר' נחמנקע — האָב איך פיינט, נקמה שרעקט מיך... און איך האָב אויפגעהויבן די פיס און בין געגאַנגען ווייטער...

## V.

## אין אַלטן הויז.

נישט לאַנג בין איך אָפּגעגאַנגען, און האָב דאָס אַלטע הויז דערזען. א גרויס הויז, אויף א באַרג... שטיינערנע מויערן, אייזערנע דעכער... נאָר אויף אַלעם ליגט שוין א מרה־שחורה,

ווי צום איינפאַלן... דער באַרג איז אַ זאַמדיקער, די מויערן קרישלען זיך, פאַרזשאַווערט איז דאָס אייזן... און די, וואָס וואוי- נען אינעווייניק, זעען עס נישט!

און איך קריג רחמנות אויף די, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף שטיין און אייזן און ווייסן נישט פון האָלץ-ווערים, וואָס אַרבעטן אינעווייניק, און פון מתנות פייגל, וואָס קומען פון דרויסן... און איך אייל מיך צו צום אַלטן הויז, איך וויל זיי וואָרענען.

און איך גיי צו נעענטער. און קום פראַנק און פריי אין אַלטן הויז אַריין. טיר און טויער זיינען אָפן געשטאַנען.

און איך גיי פון שטוב צו שטוב, און איך זוך אַ לעבע- דיקן מענטש און זע נישט; און איך בענק צו אַ מענטשלאַך קול און הער עס נישט.

און פון שטוב צו שטוב גיי איך. און איין שטוב איז רייכער פאַר דער צווייטער.

די ווענט זיינען מיט פאָרטרעטן פאַרהאָנגען, מיט אַלטע פאָרטרעטן, טייל פון פאַרן מבול, אַנדערע — פון פאַרן דור הפלגה... נאָר די ראַמען האָבן שוין די האָלץ-ווערים געלעכערט, ווי די זיפּן; פאַרגעלט און פאַרפלעקט זיינען די פאָרטרעטן; עס איז שוין קיינעם נישט צו דערקענען.

און זיידענע פאַרהאַנגען און גאָלדענע פאַסן הענגען אויף די פענסטער און זיינען אויך צעביסן און צעריסן, און עס הענ- גען פון זיי צוויטן אַראָפּ...

און אויף צעפרעסן מעבל ליגן אוצרות: כלים פון גאָלד און זילבער און טייערע זאַכן — נאָר פאַריתומט און פאַרלאָזט זעען זיי אויס; פאַרוואָרלעסיקט, אָן אַ האַנט, וואָס זאָל זיי גלעטן, אָן אַן אויג, וואָס זאָל פון זיי שעפּן נחת...

און אויף די פּאָדלאָגעס זיינען טייערע דיוואַנעס אויסגע- שפּרייט; דיוואַנעס מיט הויכע, זילבערנע און גאָלדענע האָר.. און שלינגען איין די טריט פון אונטער די פיס. זיי שטויבן אָבער, און אויף טייל ערטער זיינען זיי אויסגעקראָכן, — גאָל, ווי אַ קאָפּ פון אַן אַלטן בעל-תאוה...

און עס איז מיר שרעקלאַך און באַנג געוואָרן אויף דער נשמה, און איך האָב געטראַכט: נישטאָ וועמען מציל צו זיין; דאָ איז אַלץ אויסגעשטאָרבן... אַ חורבה! פּלוצלונג אָבער האָב איך דערהערט קולות פון מענטשן...

און איך האָב מיך דערפרייט און בין נאָכגעגאַנגען די קולות, און בין אין אַ לעצט ווינקל-צימער געקומען...

## IV.

## אין ווינקל צימער.

און דאָס ווינקל-צימער איז גרויס געווען ווי אַ פעלד, און האָט דריי גרויסע פענסטער געהאַט...

איין פענסטער — רעכטס; איין פענסטער — לינקס; און אַ דריטס אינדערמיט — פאַר זיך.

נאָר פון די אַלע דריי פענסטער האָט די גרויסע ווינקל-שטוב, ביים שענסטן העלסטן טאָג, קיין איינציקן שטראַל נישט באַקומען.

דאָס פענסטער לינקס, ווי דאָס מיטעלע פענסטער פאַר זיך, זיינען פאַרמויערט געווען. פריי איז געווען נאָר דאָס איינציקע פענסטער רעכטס, פאַר דאָס אָבער — מיט אַ שווער פרוכת פאַרהאָנגען, אַ דיק סאַמעטן פרוכת, מיט אַ שווער גאָלדענעם שלאַק פון אונטן...

נאָר פון באַלקן אַראָפּ האָט אַ קליין רויט לעמפל געהאַנגען, און האָט געוואָרפן קאַרגע רויטע שטראַלן איבערן טיש, וואָס איז אינמיט שטוב געשטאַנען.

און אַלטע כתבים, אַלטע פאַרמעטענע כתבים, מיט אַלטע רויטע וואַקסענע חתימות, מאָדנע גרויסע, וואונדערלאַך בולטע... זיינען געלעגן אַרום טיש.

און ביי די כתבים אַרום טיש זיינען מענטשן געשטאַנען, יעדערער פאַר זיין אַלטן פאַרמעטענעם כתב מיט דער רויטער וואַקסענער חתימה — זיי זיינען געשטאַנען און וועגן עפּעס באַראָטן...

און איך בין שטיין געבליבן מיט דרך־ארץ אויף דער שוועל, און האָב געוואַרט, מען זאָל מיך באַמערקן און צורופן, און פרעגן, נאָך וואָס איך בין געקומען, איך זאָל זיי דערציילן פון דער מחנה פייגל, און וואָרענען זיי פאַר דער סכנה... קיינער האָט מיך אָבער נישט גערופן.

קיינער האָט מיך נישט באַמערקט; אַזוי פאַרטיפט זיינען זיי געווען אין די רייד. נישט ווילנדיק האָב איך דעריבער אויסגע־הערט זייער וויכוח. פון וויכוח, אָבער וואָס איך האָב, נישט ווילנ־דיק, אויסגעהערט, איז קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב פאַר זיי קיין נייס נישט, קיין בשורה נישט; אַז זיי ווייסן אַלץ אַליין, און באַ־ראָטן טאַקע וועגן דער געפאַר...

און איינער זאָגט: אַז מען מוז אַרויספאַלן און מלחמה־האַלטן מיט די פייגל... מען דאַרף צונויפרופן די משרתים און באַוואָפּענען זיי...

עס ווייזט זיך אָבער אויס, אַז די איינוואוינער פון הויז זיינען צו ווייניק און דערביי צו דיק, מלחמה צו האַלטן, און די משרתים זיינען שוין לאַנג אַנטלאָפן, ווי די מייז פון אַ שיף, וואָס האַלט אין אונטערגיין.

און אַ צווייטער ראָט: מען זאָל פאַרמאַכן, פאַרריגלען און פאַרשליסן טיר און טויער. און לאָזן זיך, ווען אפילו יאָרן־לאַנג, באַלעגערן. נאָר דאָס ווייזט זיך אויך נאַריש אויס. אַלטע שלע־סער! מיט דער צייט זיינען זיי פאַרזשאַווערט געוואָרן און לאָזן זיך נישט איבערדרייען, אַלטע ריגלען — און לאָזן זיך נישט רוקן פון אָרט אויף אַ האָר!

זאָגט אַן אַנדערער: איז פאַרפאַלן! מוז מען אַראָפּלאָזן די קעפּ, און אויפנעמען די פייגל, ווי ליבע טייערע געסט, ביז זיי וועלן אַריבערגיין...

נאָר, ווער ווייסט, צי זיי וועלן אַמאָל אַריבערגיין? וואו אַהין? און מען האָט זיי נישט מיט וואָס אויפצונעמען... וויין און עסנוואַרג פאַר אַלע איז קיין מאָל נישט געווען!

פאַלט עמיץ נאָך אויף אַן עצה:

— לאָמיר זיך — זאָגט ער — אויך פּאַר אַ פויגל פאַר־שטעלן, און אַרויסגיין אין מדבר אַריין, און באַהעפטן זיך צו דער מחנה, און מיר וועלן אויך פּיקן אין זאַמד, עסן אַלט גראָז און שילטן און גיין אויפן אַלטן הויז עס אײַנצונעמען... אַבי לעבן צו בלײַבן!...

דאָס איז אָבער נאָך נאַרישער געווען, ביי דעם גאַנצן עגמת־נפש, האָבן זיי נאָך צופיל פלייש אויף זיך געהאַט, און דערביי — קיין זכר פון פליגל...

וואו נעמט מען פליגל?

און אַלע זײַנען טרויעריק און שטיל געוואָרן. און איך האָב דערוויל אויף אַ זייט אַן אויג געוואָרפן, און איך האָב דער־זען אַן אַלטן, גרייז־גרויען מאַן, וואָס איז געזעסן אָפּגעזונדערט פונוויטן און שווייגנדיק אויסגעהערט, וואָס אַנדערע זאָגן.

עס איז אַ וואונדערלאַכער אַלטער מאַן געווען... ממש אַ וואָלקן איז אים געלעגן אויפן צעאַקערטן שטערן און דערביי האָבן די אַלטע אויגן ווי שטאָל געגלאַנצט, און אַרום די ליפּן האָט עפּעס אַ מין ביטערער שמייכל געשוועבט.

און איך טראַכט מיר: ער איז זיכער דער קליגסטער פאַר אַלע. — פאַרוואָס שווייגט ער? צי איז באמת שוין קיין עצה און קיין ראָט נישט פאַראַן?

און ווי מיט אַ תשובה אויף מיין שטילער שאלה, רופט זיך פלוצים אָן אַ יונגערמאַן, דאַכט זיך — דער ייִנגסטער פאַר אַלע און זאָגט:

— מען קען האָבן פליגל! מיט דער צייט קענען אַלע האָבן פליגל!

— ווי אַזוי? ווי אַזוי? פרעגט מען פון אַלע זייטן.

— נעמט — זאָגט ער — די אַלטע כתבים און פאַרברענט... פאַרברענט זיי, די אַלטע פאַרמעטענע כתבים, מיט די רויטע, וואַקסענע חתימות, און רייסט אויף די פענסטער, און לאָזט אַרויספליען זייער אַש, און לאָזט עס פאַרשטויבן זיך אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט...

און דער ייִנגסטער פון זיי איז אַ מקובל געווען, און ער האָט געוואוסט, אַז פאַרברענען אַלטע כּתבים איז אַ רפואה בדוקה און אַ טייערע סגולה, עס זאָלן אַרויסשפּראָצן פליגל, אויב מען האָט זיי נאָר אין תּוך, איבעווייניק!

און דער יונגערמאַן זאָגט און טוט וואָס ער זאָגט, ער שפּרינגט אַרויף אויפן טיש, דערגרייכט מיט די כּתבים צו דער רויטער פלאַם פון דעם לעמפל... עס הייבט זיך שוין אַ דינער רויך...

און אַנדערע, זע איך, שפּרינגען אים נאָך, מיט די כּתבים אין די ציטעריקע הענט, אויפן טיש אַרויף, און ווילן אויך דערגרייכן צו דער פלאַם; צו דער פלאַם, וואָס זאָל זיי רייניקן פון איבעריקן פלייש און שפּראָצן מאַכן פליגל... און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן שוין אויפן טיש קיין פלאַץ נישט געהאַט, לויפן צו צו די דריי פענסטער, און ווילן זיי אויפרייסן — — —

נאָר אין דערזעלבער רגע איז אויפגעשפּרונגען דער אַלטער, ווי אַ לייב, און ער האָט אַ בריל געטאָן:

— פעלשער, מערדער, אונטערצינדער!...

און ער האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי אַן אײַזערנע זייל און האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די נעגל קעגן לעמפל, און מיט איין בלאָז האָט ער עס פאַרלאָשן...

און אין ווינקל-שטוב איז פינסטער געוואָרן...

## VII.

## אָן אַ סוף.

— און דער סוף פון דער מעשה? בעטן מיר זיך, אַז ר׳ נחמנקע איז שטיל געבליבן.

— עס איז נאָך קיין סוף נישט פאַראַן — האָט ר׳ נחמנקע געענטפערט. — פייגל מיט פליגל ווי פלוספעדערן, מיט צייכן פון פליגל, און דאַרע שטעקעלאַך במקום פאַר פיס, דערגרייכן נישט אַזוי געשווינד צום אַלטן הויז...

---

# יוחנן מלמדס מעשהלאך.

### א.

### ווער עס גיט לעבן, גיט פונוואנען צו לעבן.

### I.

א הקדמה. איך בין אייך מוסר מודעה און בין מיך מתנצל, מיין דעה, אז עס איז קיין כפירה נישט פאראנען.

רבותי! איך, יוחנן מלמד, וויל אייך דערציילן א „מעשה".

און די „מעשה", וואס איך וויל אייך דערציילן, וועט זיין ווי א רעדל אין א ראד — א מעשה בתוך מעשה.

אוןביידע „מעשיות" טראכט איך מיר נישט אויס פון קאפ, זויג נישט, ווי דער עולם זאגט, פון פינגער ארויס; איך בין, ברוך השם, קיין שרייבערל נישט, מיינע אבות אבותינו זיינען קיין שרייבער נישט געוועזן.

און דערציילן וועל איך אייך פשוטע דבורים, אן זאלץ און אן שמאלץ; מליצות האב איך פיינט... ווער עס זאגט אמת, דער דארף קיין מליצות נישט... דער רעדט פראסט מאמע־לשון...

נאך איין הקדמה מוז איך אייך געבן: איך האלט פאר מעגלאך, אז די מעשיות, וואס איך וויל אייך דערציילן, וועלן אייך אויסווייזן באשיינפערלאך, אז אין א סך זאכן זייט איר רבותים, צו ווייט פארקראכן; אז איר האט אייך צופיל פארלאזט אויף אייערע חושים; אז אויף דער וועלט זיינען פאראנען אזעלכע זאכן, וואס האבן זיך נישט געחלומט, נישט אייך, נישט די גרעסטע חכמים אייערע... בעט איך אייך טאקע, איר זאלט קיין פאריבל נישט האבן.

ווילט איר—גלויבט, נישט—נישט!

אגב, וויל איך מיר פאַרענטפערן פאַר אַנשי שלומנו.

אנשי שלומנו קען פאַרדריסן, וואָס איך זאָג מכלומרשט אויס פון חדר, בכּרט היינטיקע צייטן מיט אַזויפיל כופרים... און דורך זיי קען אפשר אַרויסקומען אַ תקלה, חס־ושלום!... האָב איך טאַקע פאַר אנשי שלומנו אַ בשורה טובה! איך וויל זיי אָנזאָגן, אַז עס איז גאָר קיין כפירה, חס־ושלום, נישט פאַראַנען; עס איז אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטע מעשה!

די גאַנצע וועלט איז סאַמע אמונה! —

און קען דען אַנדערש זיין?

די וועלט איז גרויס אָן אַ שיעור. טאַקע אין־סוף! און אונזער מוח איז אַזוי קליין, אַזוי פּיצל, אַז מיר זעען אויס, ווי אַ מענטש, וואָס גייט אַרום אין אַ פינסטערער נאַכט, אין אַ ווילדער, פינסטערער מדבר, מיט אַ גראָשנדיק ליכטל אין דער האַנט, וואָס לייכט קוים ד׳ על ד׳!

איך האַלט מיך ביי מיינעם. אָן אמונה איז ניט מעגלאַך! מיטן שכל אַליין קען מען נישט אויסקומען. אלא וואָס? דיזעלבע פוסטע שרייבערלאַך, וואָס מאַכן די ביכלאַך פאַרן המון־עם, פאַר די קעכינס און דינסטמוידן, וואָס טראַכטן אויס מעשיות פון גזלנים און רוצחים, פון פאַלשע וועקסל און פאַלשע געלט־מאַכער,—אַבי איבערצושרעקן דעם עולם, דאָס בלוט זאָל אויפקאָכן...

אָט — די אייגענע שרייבערלאַך האָבן אויסגעטראַכט די כפירה, דאָס אַפּיקורסות! און אויך מהאי טעמא, איבערצושרעקן דעם המון—די דינסטמוידן מיטן שוסטער, מיט די שניידער־יונגען...

דער אמת איז, אָן אמונה, אָן רצון! אויף פּראָסטע יידיש הייסט עס,—אַ מענטש, וואָס גלויבט נישט, וויל גאָרנישט, גלוסט צו גאָרנישט!

אַזאַ מענטש איז נישט מער, ווי אַ שטיק ליים, אַ גולם!

און, אויב דו זעסט, אַז מענטשן האָבן תאוות, אָבער זיי ברעכן די תאוות צוליב גרעסערע, אָדער העכערע תאוות, אַז מענטשן, על כל פנים, עסן און טרינקען, האָבן שלום־בית, אַרבעטן מיט שוויס, דער מוח איז פאַרטאָן אין מסחרים, — זאָלסטו

וויסן, אַז זיי גלויבן! אַז זיי גלויבן לכל-הפחות אין זייער אייגן לעבן!...

ווערן מסופק זיין קען מען אין דעם אויך! אַז מען וויל, זאָגט מען—גאָרנישט! און טו עפּעס!

דער כּלל איז: אַלע גלויבן! נאָר וואָס דען? איינער גלויבט, אַז דער לויתן גייט פּאַרן שור הבר; און דער אַנדערער זאָגט: ניין! דער שור הבר איז פריער, און דער לויתן קומט דערנאָך, אַלץ צוביים. און אַ יונגערמאַן אַ משכּיל, וואָס גלויבט נישט, נישט אין שור הבר, נישט אין לויתן, גלויבט אין עטער! און וואָס איז אַזוינס דער עטער? האָט מיר זייערס אַ מענטש פאַרטייטשט, אַז עטער איז אַזוינס, וואָס איז נישט קיין גוף, נישט כּוח בגוף; נישט קיין נשמה, נישט קיין רוחניות גאָר... און ער פאַרנעמט גאָרנישט קיין אָרט, און האָט נישט קיין משקל... מיט איין וואָרט: אַ „יאָ" און אַ „ניין" צוזאַמען!

פרעג איך אים, צי ער האָט געזען דעם עטער?

— ניין,—זאָגט ער,—נאָר ער גלויבט! הכלל—מען גלויבט וואָס דען איז דער חילוק?

נישט מער, נאָר וואָס יעדערער האָט זיך זיין רבין, זיי" אמונה, כּמעט—זיין עבודה-זרהלע!

אַלע קוקן פרעמדע אין מיילער אַריין! אַלע קושן, נאָר איינער קושט דאָס פּרוכת, כאָטש ער ווייסט נישט, וואָס אין אָרון שטייט; און אַ צווייטער — דעם „מגלה טמירין", אַז ער פאַלט אים אַראָפּ פון טיש!

און בעיני ראיתי — געזען האָב איך מיט מיינע אויגן, ווי איינער פון זייערע לייט האָט אַ קוש געטאָן דעם „מסתרי פּאַריז"! און, לויט איך האָב געהערט פון אַ זיכערן מענטש, איז דער „מסתרי פּאַריז" אַ „מעשה נורא" פון עפּעס אַ „חרבונה", — נישט אונזער חרבונה, דער „זכור לטוב" פון דער מגילה — נאָר עפּעס אַ האָלץ-העקער, פון פּאַריז, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט באָרוועסע פיס אויף שטיקער גלאָז; און נאָך אַזעלכע שקרים, וואָס אַ פּאַריזער שקרן האָט אויסגעטראַכט, און אַ ווילנער משכּיל האָט איבערגעשריבן אויף לשון-קודש!

רבותי! איך האָב, ברוך השם, אָפּגעלעבט אַ שטיק וועלט. פּינעַן בין איך געווען מלמד אין דערפער און אין שטעטלאַך, און אין גרויסע שטעט! שוין אַ יאָר זיבן בין איך, ברוך השם, מלמד אין וואַרשע, און קום, געלויבט דער אויבערשטער, צווישן מענטשן, און קען מענטשן...

איך קען מתנגדים, וואָס שפּרינגען אויס דער הויט פאַר אַ „ויצמח פורקניה"; חסידים, וואָס האַלטן די, וואָס פאָרן צו אַנ־דערע רביים, פאַר כּופרים בעיקר, חס ושלום!

אויך קען איך משׂכּילים, אַ סך משׂכּילים: גרעסערע און קלענערע, קענער און אַזוי שרייבערלאַך, און אַפילו אַ סך, אַ סך מופקרים!

דאָס אַלץ קען איך! נאָר קיין כּופר, דאָס האָב איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געזען!

איך האָב אַפילו די העזה צו זאָגן, אַז צווישן דעם גאַנצן עולם משׂכּילים איז נישטאָ איינער, וואָס זאָל האָבן זיין אייגענעם שׂניט! וואָס זאָל האָבן זיין אייגענע שיטה, זיין אייגענעם דרך. איך האָב אַפילו צווישן גאַנצן עולם משׂכּילים נישט געזען קיין מענטשן, וואָס זאָל קוקן אויף עפּעס מיט אייגענע אויגן.. אויסער, אפשר, צוויי דריי גדולים—קאַרפּן־קעפּ... די רעשט,—ווי איר קוקט זיי אָן—די גאַנצע חברה משׂכּילים, זיינען נישט ווערט, זאָג איך אייך, קיין אויסגעבלאָזן איי! זיי זיינען אויך חסידים, נאָר אַנדערע חסידים! זיי גלויבן אין ז י י ע ר רבין! און זיי הענגען אין זייער גדול הדור, פּונקט ווי מיר אָן אונזער גדול הדור!

איך קען שווערן בנקיטת חפץ, אַז קיינער פון זיי האָט גאָר קיין שיטה נישט, אַפילו נישט אויף חיי שעה! נאָר אַלץ אמונה איננם גדול. און זיי טוען אים נאָך, און ווייסן אַפילו קיין חילוק נישט צווישן דעם, וואָס דער גדול האָט געזאָגט מיט ישוב הדעת, מיט אַ קלאָרן שׂכל, מיט אַן ערנסט, און וואָס ער האָט געזאָגט אין פּלוג, צי אין כּעס, צי גאָר לשם נצחון!

פּונקט ווי אנשי שלומנו, עס פעלט נאָך נישט אַ האָר!

און קומט צו מיר איינער פון דער חברה, און זאָגט מיר, אַז ער איז כּופר,—עס איז דאָך נאַריש, איך וועל דאָך אים נישט

מבייש זיין, — נאָר ווייסן ווייס איך, אַז ער מאַכט חוזק, אָדער גלאַט ער מאַכט זיך גרויס! אַז דווקא אַזוינער—האָט מורא ביי־נאַכט אַרויסצוגיין איינער אַליין! און אפשר מוז ער אַזוי זאָגן, די פּרנסה וויל אַזוי! און, וואָס טוט אַלץ נישט אַ מענטש צוליב פּרנסה!... עס קען אויך זיין אַ מענטש—אַ נאַר, סתּם אַ שוטה; אַזוי־נער, וואָס ווייסט נישט, וואָס ער ווייסט נישט, אין וואָס מען מוז גלויבן!...

און אויב אַזוי, וואָס זאָלן מיר זיך שעמען מיט דעם, אין וואָס מיר גלויבן?!

מיט וואָס זיינען אנשי שלומנו ערגער פאַר דער חברה משכּילים, וואָס טוען נישט מער, נאָר דערציילן און דערציילן באָבע־מעשׂיות און שבחים פון זייערע גדולים? באשר בכן — אונזערע מעשׂיות זיינען נישט קיין אויסגעטראַכטע! באשר בכן— מיר שרעקן נישט דעם עולם מיט גזלנים, רוצחים, פאַלשע געלט און פאַלשע וועקסל־מאַכער! דווקא מוז מען שרייבן, וואָס עס איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן?

און בפרט, אַז איך וויל נישט דערציילן קיין מעשׂה מעבר לים, און נישט קיין מעשׂה פון קדמונים, נאָר אַ זאַך, וואָס האָט זיך געטראָפן דאָ, אין אונזער וואַרשע, און דווקא ערשט נישט לאַנג!

איי וואָס? עס וועט קומען איינער און זאָגן לא־כי! שקר די זאַך!

אַדרבה, זאָל ער קומען, זאָל ער די העזה האָבן! איך, ברוך השם,—בין אַ פּראָסטער מלמד, נישט קיין שרייבערל, חס־ושלום, און מיין מלאכה איז נישט קיין ליגנט, און מיין פּרנסה איז נישט פון ליגנט!

הכּלל—די מעשׂה איז אמת, — אפשר וועט עמיצער קומען און געבן אַן אַנדערן פּירוש? וועלן מיר הערן!

און ביז אַהער איז די הקדמה, צונד גייט די מעשׂה גופא!

.I

דעם שווייגערס, זכרונו לברכה, א גלייכווערטל; די מעלות
פון מיין אחי, עליו־השלום; א התחלה־טובה.

מען דערציילט פון שווייגער, עליו־השלום, אז איין מאָל תורה האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס ער זאָגט נישט קיין ווי אַלע צדיקים? האָט ער,—ווי זיין שטייגער איז געווען,—געשוויגן.

אין אַ שעת רצון אָבער, אַז מען איז צו אים צוגעשטאַנען, שטאַרק מפציר געווען, האָט ער מיט זיין שמייכעלע אַזוי געזאָגט:

— די וועלט—זאָגט ער—וואונדערט זיך אויף מיר, פאַרוואָס איך זאָג נישט קיין תורה; און איך וואונדער מיך אויף זיי, ווי קענען זיי גאָר זאָגן תורה? ווי קען מען עס אָנהייבן און אויסלאָזן אַ תורה, אַז די תורה האָט נישט, נישט קיין התחלה, נישט קיין סוף, אַז זי איז אין־סוף!

אלא מאי? דער ענין דערפון איז אַזוי: די וואָס הייבן נישט אָן צו קענען די תורה, און זאָגן, וואָס עס קומט זיי אין מויל אַריין, הייבן אָן, ווען און וואו זיי ווילן, און ענדיקן וואו און ווען זיי ווילן! וואָרן די תורה, וואָס זיי ווילן, איז נישט דער אין־סוף; נישט דעם רבונו־של־עולמס תורה! נאָר זייער אייגענע, אויסגעטראַכטע תורה!.. אַזוינער אָבער, וואָס קען די תורה, זאָגט נישט קיין תורה, וואָרן ער ווייסט נישט, וואו אָנצוהויבן און וואו אויסצולאָזן!

און לאָמיר זען אין וועלט־זאַכן, למשל: ביי אַ דין־תורה. מען רופט אָן עדות. אַן ערליכער מאַן, וואָס וויל נישט און קען נישט זאָגן קיין ליגנט, אַז ער שטעלט זיך פאַרן בית־דין, הייבט ער אָן פון ששת ימי בראשית, און קען גאָרנישט צוקומען צו דער זאַך; בפרט, צום סוף המעשה... אָבער דער, וואָס זאָגט אויסן קאָפּ אַרויס, דער איז זיך אַלץ מסדר, דער רעדט ווי אַ מענטש־ דער ווייסט אַן אָנהייב און ווייסט אַ סוף... און די מעשה אַליין גיסט זיך ווי אַ בוימל!

הוא הדין ביי אַ מעשה: אַ שרייבערל, וואָס נאָגט אויס, ווי מען זאָגט, פון פינגער, קען אָנהייבן און ענדיקן אַ מעשה, ווי ער וויל, ווען ער וויל... עס איז זיין אייגענע זאַך, טוט ער מיט איר ווי ער וויל! וויל ער, מאַכט ער זי גרויס, וויל ער, מאַכט ער זי קליין... איך אָבער, וואָס וויל דערציילן דברים כהויתן, — אַן אמתע מעשה, ווייס איך טאַקע נישט, פונוואַנען אָנצוהויבן און וואו זיך אָפּצושטעלן! „אין כל חדש תחת השמש"—יעדע זאַך הענגט אָפּ פון אַ פריערדיקער זאַך, און די פריערדיקע זאַך אין אַ נאָך פריערדיקע, און יענע ווייטער איז אויך נישט צו פאַר־שטיין, אַז מען ווייסט נישט, וואָס גאָר פריער איז געווען, און אַזוי קומט מען צו ששת ימי בראשית...

נאָר לכבוד אָחי אהובי זיינוויל־יחיאל, עליו השלום, וועל איך אָנהויבן ביי אים...

עס איז ידוע לכל — די גאַנצע פראַנצישקאַנער גאַס ווייסט, אַז מיין ברודער, זכרונו לברכה, איז געווען אַ למדן מופלג און אַן אמתער ירא שמים.

אַן אַלמן איז ער געווען, און אויף דער עלטער איז ער געבליבן איינער אַליין מיט דער טאָכטער, ברכה לאה, אַ בתולה, להבדיל בין החיים והמתים! געלעבט האָט ער אין דחקות, קנעלן האָט ער שוין כוח נישט געהאַט, איז ער טאַקע, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, געבליבן אָן ברויט; און די בתולה, ברכה לאה, וואַקסט, קיין עין־הרע, אויף הייוון... הכלל—צרות צרורות!

וואָס טוט דער רבונו של עולם? קומען זיך צוזאַמען עט־לאַכע באַלעבאַטים, טאַקע אנשים חשובים, פיינע באַלעבאַטים, וואָס האָבן ביי אים קינדער געהאַלטן, און נעמען אויף זיך חתונה צו מאַכן ברכה לאהן, און צו געבן מיין ברודער, עליו השלום, אויף הוצאות, ער זאָל זיך אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

הגם די נסיעה איז נישט געקומען לידי גמר, ווייל עס האָט׳ן, לא עליכם, אָנגעכאַפּט דער פעלער, און ער איז, לא עליכם, נפטר געוואָרן אויפן וועג, האָט ער דאָך זוכה געווען צו זען

צפת, וואו ער איז נסתלק געוואָרן, און איז דאָרט געקומען בכבוד גדול צו קבר־ישראל.

דער צפתער רב האָט געהאַלטן אַ שאַרפן הספד און האָט׳ן אָפּגעדרוקט, דעם הספד, אין ספר „מרגליות טובות“, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, און ווער עס קוקט אַריין, לעקט די פינגער.

און, אַז איך האָב שוין אַ התחלה, וועט שוין גיין די מעשה גופא...

## III.

די מעשה גופא: נישט געטראָפן, צרות צרורות, ברכה לאה ווערט אַן עגונה.

גדולה צדקה, צדקה איז אַ גרויסע זאַך! אָבער נאָר פאַר די, וואָס גיבן צדקה. נישט מקנא בין איך אָבער דעם, וואָס נעמט צדקה, וואָס מוז, נעבאַך, אָנקומען צום גבאי של צדקה...

און מקנא בין איך מיין ברודער, עליו השלום, וואָס איז נפטר געוואָרן צו דער רעכטער צייט, און האָט די שפּעטערדיקע צרות נישט געזען!

וואָרן די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געגעבן אויף הכנסת־כלה, האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז ברכה־לאה איז אַ בת תלמיד־חכם, און אַ כשרע פרומע נשמה... און מען האָט פאַר איר נישט געזוכט קיין חתן לפי כבודה, ועל אחת כמה וכמה נאָכן פאָטערס כבוד...

זייער גאַנצער מיין איז געווען, צו געבן איר מאַן, אַ ברויטגעבער; איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם עול!...

האָבן זיי טאַקע געטאָן אָן ישוב־הדעת, אַבי געפּטרט.

און מען האָט באַקומען אַ בחורל בזול, אַן איינגייער ביי אַדוואָקאַטן!

קיין גרויסע זאַכן האָט ער נישט פאַרלאַנגט; מפרנס זיין אַ ווייב קען ער, — האָט מען צוגעקלאַפּט.

האָט מען געמאַכט מלבושים, איינגעליינט נדן, גערופן כלי־זמרים, געשטעלט אַ חופה, —

מזל־טוב, מזל־טוב!

מיר, דעם אמת־זאָגנדיק, איז דער בחור נישט געפעלן, מיין פייגע, זאָל געזונט זיין, האָט אויך געזאָגט, אַז גאָר פון די אַנטיקן איז ער נ י ש ט. נאָר, אַז אחי, עליו השלום, האָט גאָר־נישט געזאָגט, האָבן מיר אוודאי געשוויגן.

און דאָס שווייגן איז קיין חכמה נישט געווען!

קוים איז אחי, זכרונו לברכה, אָפּגעפּאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק! עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נ י ש ט ווי עס דאַרף צו זיין!

מן־הצד בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער שלום־בית ביים זיווג, איז אַ ביסל הינקעדיק: מען קריגט זיך, מען מאַכט אַ ביסל קולות, שכנים קלאַפּן אין די ווענט!

אויך האָב איך געהערט, אַז ברכה־לאה וויל נישט ליידן וואָס בעלה, משה ישראל, איז נישט קפּריסינדיק פרום!

און ע ר ווייטער מאַכט איר אַ מורא, אַז ער וועט זיך נאָך אָנטאָן דייטש, און וועט ווערן אַ ל י י ן אַן אַדוואָקאַט!

אויך טענהט משה ישראל, אַז די באַלעבאַטים האָבן אים אַריינגענאַרט אין זאַק, מען האָט אים געוויזן אַן אַנדערע, אַ שענערע כלה; אויף דער וואָלט ער נישט באַשטאַנען! און אירע מלבושים געפעלן אים אויך נישט, צוזאַמענגעקליבן, — זאָגט ער, — אַלטע לאַכעס...

מען האָט אים צוגעזאָגט, — זאָגט ער, — קעסט, און מען ווייזט אים אַ פייג!

און נאָך אַ טענה האָט ער, אַז ער האָט גערעכנט אויף קרבות מיט די באַלעבאַטים, ווי ער זאָגט—פּראָטעקציע, און זיי, אַז זיי האָבן זיך נאָר אָנגעגעסן און אָפּגעטאַנצט אויף דער אָרימער חתונה, לאָזן זיי אים נישט פאַר די אויגן...

פאַרשטייט זיך, אַז אַריינמישן זיך אין דער ערשטער שעה האָב איך נ י ש ט געוואָלט... באַלעבאַטים און זוגתי, פייגע תחיה, האָבן נישט געלאָזט... און וואָס איז דאָס פאַר אַ בייס? עס טרעפט זיך ביי לייטן! נאָך דער חתונה, איידער מען געוויינט זיך צו, טרעפט זיך גאַנץ אָפט מחלוקת צווישן מאַן און ווייב, דערנאָך — הרגל נעשה טבע, מען ווערט געוויינט, לעבט מען!

און באמת, איך מיט זוגתי פייגע, תחיה, האָבן מיר אויך דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה זיך אויפגעשטויסן... דערנאָך אָבער, אַז זוגתי פייגע האָט אָנגעהויבן קינדלען, פון קעסט איז מען אַראָפּ, האָט מען די נאַרישקייטן אַוועקגעלייגט.

איך האָב מיר אָנגעהויבן זוכן אַ שטיקל עסק... עס איז מיר נישט געראָטן; בין איך געוואָרן מלמד. און גאָרנישט, מען לעבט, ברוך השם, הלוואי, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

הכלל, — שווייג איך! און בפרט אַז אין קורצן האָט מיר זוגתי פייגע, תחיה, אַ וואונק געטאָן אויף ברכה־לאהן, ווי איינער זאָגט: פאַרשטייסט! ! דאַרף מען דאָך מיר קיין פינגער אין מויל אַריין נישט לייגן; טראַכט איך: סימן־טוב ומזל־טוב!

לאָזט זיך אָבער אויס אַ בוידים!

ער איז דאָס אייגענע וואָס פריער, נאָך ערגער ווי פריער!

אונזער תכשיט האָט אברהם־אבינוס מעלה: ער רעדט ווייניק און טוט אַ סך; לא די, וואָס ער האָט זיך אָנגעטאָן דייטש, האָט ער נאָך אָנגעהויבן שפּילן גאַנצע נעכט אין קאָרטן!

נאַכט אויף נאַכט ברענגט ער זיך אַהיים חברה־לייט, נויט נאָך ברכה־לאהן, זי זאָל זיי מאַכן טיי, געבן אַ ביסל בראָנפן, מאַכן אַ הערינג, און דווקא מיט עסיק און מיט בוימל, אַ נישט — פאַסט זיי נישט! צום פאַרבייסן מוזן זיי האָבן ווייסע זעמל; ברויט — חס ושלום! און טאָמער פעלט עפּעס פון די זיבן זאַכן, מאַכט ער קולות! און ער שפּעט נאָך אויס איר! מאַכט אויס איר לייטן־געלעכטער!

נאָך אַ שאַש, זידלט ער נאָך און שילט!

זע איך שוין, אַז עס איז נישט היטב, אַז מען טאָר שוין נישט שווייגן; מאַך איך מיר אַ לב און איך גיי צום זוג.

איך קום אַריין, הייב אָן, פאַרשטייט זיך, מיט גוטע דבורים, מיט פיינע דבורים, אפילו מיט אַ הלצהלע, ווי מיין שטייגער איז. פאַר גוטפריינטשאַפט מאַך איך מיר אַ געלעכטערל און זאָג אים, אַז אָבוואויל ער איז אַ פושע ישראל, איז נאָך פונדעסטוועגן קיין סכנת־נפשות נישט! און דערצייל אים די גדולות

פון אַ בעל-תשובה... און זאָג אים, אַז ברכה-לאהס זכות-אבות וועט אים ביישטיין! זאָל ער נאָר, זאָג איך, אָנהייבן... זאָל ער נאָר האָבן אַ ה ר ה ו ר תשובה!

איך זאָג אים נאָך צו, אַז איך וועל אים מקרב זיין, מיט-נעמען אין מיין שטיבל אַריין. און, אַז איך וועל, אם ירצה השם, פאָרן, וועל איך אים אויך מיטנעמען, וכדומה אַזעלכע ווייכע דבורים...

פּלאַצט ער אָבער פאַר געלעכטער!

ער לאַכט אויס מ י ר, אויסן ש ט י ב ל, אויסן ר ב י ן. ער איז מיר מוחל — זאָגט ער — די אַלע גליקן, איך זאָל אים נאָר ברכה-לאהן צונעמען!

דערביי רעדט ער אַזוינע דבורים, — נישט פאַרן מויל צו ברענגען!

באין ברירה, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַ ביסעלע האַרטער, האָב איך אים שוין געזאָגט, אַז כאָטש ער גייט דייטש, איז ער פאָרט אַן עם-הארץ, אַ שוטה. און ווייטער האָב איך אים, גאָר אָן פחד, געזאָגט: אַז אויב ער וועט תשובה טאָן, איז רעכט, און אַז אויב נישט, וועט ער זיך טאַקע אויסריכטן אַ שוואַרץ, פינסטער יאָר אין גיהנם!

צעלאַכט ער זיך ווידער אויף אַ קול! וועלער גיהנם, וואָס גיהנם?? גלייך ער וואָלט דאָרט געוועזן און געזען, אַז עס איז, חס ושלום, קיין גיהנם נישט פאַראַן!

און דערנאָך, ווייזט ער מיר נאָך, דער עזות מחוצף פנים, די טיר!

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

ברכה-לאה, זע איך, איז גרין און געל, די טרערן גיסן זיך איר ווי וואַסער, גיי איך אַרויס און שיק דעם מחוצף רופן צום דיין.

ק ו מ ט ער נישט, וואַרט איך אַ צייט...

מיט דער צייט איז די זאַך שטיל געוואָרן! איך הער נישט...

און הערן הער איך נישט, ווייל דער פושע ישראל האָט אָנגעזאָגט ברכה-לאהן, איר פוס זאָל איבער מיין שוועל נישט

קומען; מכות אכזריות וועט ער זי שלאָגן! מילא, איז דאָך ברכה־לאה אַן אשה כשרה, טוט זי, וואָס דער מאַן הייסט; זיצט זי אינדערהיים און שלינגט די טרערן בסוד.

הער איך נישט; ווייס איך נישט!

דערווייל באַקום איך מיינס אַן אייגן פעקל צרות!

זוגתי פייגע ווערט מיר קראַנק. דער רופא זאָגט — היץ, די שכנים — עפּעס אַנדערש, מיר דאַכט זיך — אַן עין־הרע.

די שטוב האָט קיין באַלעבאָס, די קינדער קיין מאַמע נישט. און קיין טאַטן אויך נישט, ווייל עס איז בין־הזמנים, און עס פעלט מיר נאָך אַ צוויי־דריי תלמידים!

איז ווייניק? בין איך אַליין אויך נישט אינגאַנצן!

די וואַרשעווער טרעפּ נעמען מיר אַרויס דאָס חיות! און דאָ יאָגט מען מיך פון אַלע זייטן: דער באַלעבאָס וויל דירה־געלט, — פאַר צוויי קוואַרטל נישט באַצאָלט! און דער רעווירעווע וויל דווקא, איך זאָל נאָך צודינגען אַ שטוב, עס זאָל זיין גרוי־מער פאַר די חדר־יינגלאַך, מער לופט זאָלן זיי האָבן!

גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן דערפאַר, — האָב איך טאַקע אָן ברכה־לאהן פאַרגעסן!

און דערמאַן איך מיך אַמאָל, טראַכט איך, אַז עס איז שטיל, האָט אוודאי דער רשע תשובה געטאָן, און עס איז קוש־וואָך!

פשוט — אַז עס גייט איר גוט, שמעקט זי נישט אַריין צו אָרימע קרובים...

נאָר איינמאָל, קום איך אַהיים מיט אַ פאַרחלשט האַרץ און געשוואָלענע פיס, לא עליכם, — וויל איך מיך וואַשן, נעמען וואָס עס איז אין מויל אַריין, אָפּבענטשן און אויסציען זיך די ביינער אין בעט, — דערציילט מיר זוגתי פייגע אַ בשורה טובה: ברכה־לאה איז דאָ געווען און האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן: געזאָגט, אַז מיר זיינען פשוטע רוצחים, אַז אונז אַרט גאָרנישט איר פינסטער מזל, אַז זי איז אַ וויסטע יתומה, עלנד ווי א שטיין.

דערציילט האָט זי, אַז בעלה משה־ישראל טוט איר אַ

געבראָכענעם לייד. אַז ער איז איר אַ דם־שונא; ער שלאָגט און רגעט זי. ער האָט איר כמה פעמים בלוט געלאָזט פון דער נאָז, פון די אויערן...

איך פרעג זוגתי פייגען: היתכן? אַ ייד זאָל שלאָגן אַ ווייב, בפרט נאָך אַ מעוברתע?

ענטפערט זי מיר, אַז דאָס איז טאַקע זיין משוגענער כעס! משה־ישראל איז שוין גאָר, גאָר אַראָפּ פון דרך... קיין בטחון האָט ער נישט, — שרייט ער, אַז ער האָט נישט פונוואַנען צו לעבן, וויל ער, ימח שמו וזכרו, ברכה־לאה זאָל, חס ושלום, אָן זיך אַ מעשה טאָן...

די גאַנצע וועלט, — זאָגט ער, — טוט אַזוי!

אַלע גבירישע ווייבער טוען אַזוי!

און ווייל זי וויל נישט, שלאָגט ער זי און שילט זי מיט טויטע קללות, זי מיטן פאָטער צוזאַמען!

אַז איך האָב דערהערט, אַז ער שילט אָחי, זכרונו לברכה, בין איך שוין געוואָרן מלא חימה! פאַרגעס איך, וואו איך האַלט אין דער וועלט, כאַפּ דעם שטעקן: מיין טויט, אָדער זיין טויט! קוילן וועל איך דעם כלב! און לויף אָן אַ האַרץ, אָן אַן אָטעם...

און איך בין געקומען און געזען — — —

צרות האָב איך געזען!

די טיר איז אָפן... אין שטוב — פינסטער־חושך... דער חברה־מאַן איז נישטאָ! עוקר געווען!

קיין כלים, קיין בעטגעוואַנט, — אָפּגעצויגן האָט ער... און זי וואו איז?

זי ליגט, אויף דער פּאָדלאָגע ליגט זי, זי וואַרפט זיך...

## IV.

אַ נס. זוגתי פייגע תחיה און אירע מעשים. מען וואַרפט מיך ארויס און וואו איך ביי.

אַ נס איז געשען, וואָס זוגתי פייגע האָט, קיין עין־הרע, אַ שכל־הישר.

אַז איך האָב געכאַפּט דעם שטעקן און געשריגן, אַז איך גיי ממית זיין דעם כּלב, האָט זיך זוגתי פייגע גאָרנישט גענומען צום האַרץ... זוגתי פייגע ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין, חס ושלום, קיין רוצח נישט, אַז אַ פליג אויף דער וואַנט, וועל איך אויך נישט טויטן. זי ווייסט, אַז, ווען איך קום שוין גאָר אין כּעס אַריין, הייב איך ערשט אָן צו וויינען. אַזאַ טבע האָב איך שוין, פאַר כּעס גיסן זיך מיר טרערן ווי וואַסער.

און דאָס ווייסט אויך זוגתי פייגע, אַז אפילו די תּלמידים מיינע שלאָג איך אויך נישט ווי עס דאַרף זיין, און די באַלע-באַטים האָבן אויף מיר תּרעומות דערפאַר; איך אַליין, האָב אויך אַמאָל מורא, אַז איך בין נישט יוצא פאַר גאָט און פאַר לייט; מען דאַרף אַמאָל אַ שמיץ! און בפרט, זייט איינער פון מיינע תּלמידים איז אַרויס לתּרבות רעה, גלויב איך אוודאי, אַז מען דאַרף אַ שמיץ...

נאָר, לאָמיך נישט אַראָפּ אין אַ זייט!

הכּלל — זוגתי פייגע ווייסט, אַז איך וועל אים קיין רעה נישט טאָן, זיצט זי זיך רואיק אויפן בעט. שפּעטער אָבער, אַז עס איז אַריבער איין שעה און אַ צווייטע שעה און איך קום נישט, האָט זיך ערשט זוגתי פייגע דערשראָקן; איז ביי איר גע-בליבן, אַז איך האָב טאַקע דעם כּלב קורע-כּדג געווען און מען האָט מיך אַריינגעזעצט תּפוש!

נו — נו! פאַרגעסט זי שוין אַלע יסורים, פאַרגעסט זי די קינדער אין די בעטן, דאָס ביסל כּלי-בית אין שטוב; כאַפּט זי אויף זיך וואָס עס איז, און לויפט מיר נאָך. זי האָט אפילו פאַר-געסן די טיר צו פאַרשליסן!

איך קוק מיך אום, — זי איז דאָ, און קוים איז זי גע-קומען, האָט זי שוין מיט איין בליק דערקענט, וואָס עס טוט זיך!

קודם-כּל, אַז זי זעט, אַז איך שטיי ווי אַ גולם, גיט זי אַ געשריי: בטלן!

און תּוך כּדי דבור רייסט זי אויף די טיר און שרייט. געוואַלד! שרייט זי. און עס באַווייזן זיך באַלד עטלאַכע שכנות,

און זוגתי פייגע קאָמאַנדעוועט, און די שכנות טוען. און איינע האָט מיך טאַקע, אויף זוגתי פייגעס באַפעל, — אַרויסגעוואָרפן פון טיר...

וואו גייט מען? אין גאַס איז אַ נאַסער שניי, דער ווינט פּאַטשט אין פּנים אַריין, גנבעט זיך אַריין דורך די לעכער פון מיינע מלבושים...

גיי איך אין בית־המדרש אַריין.

אין בית־המדרש, זיינען נאָך געזעסן עטלאַכע מענטשן, וואָס קוקן נאָכן דאַווענען אַריין אין אַ ספר.

נעם איך מיר אַראָפּ אַ גמרא!

און שוין! איך דאַרף נישט מער!

קוים עפן איך די גמרא — אויס ברכה־לאה! אויס דער מאַן אירער, דער רשע מרושע — אויס וועלט!

ווער איז אַן עגונה? ווער איז אַנטלאָפן? ווער איז אַ מקשה לילד? גאָרנישט! גאָרנישט!

---

## V.

מיינע תלמידים, ווער איז מיין רבי? זו תורה וזו שכרה. משל לצפור...
הרהורים רעים און ספקות.

אַז איך אַליין לערן אַמאָל מיט חשק, קענען עס מיינע גבירישע תלמידים נישט פאַרשטיין. זיי פרעגן מיך, צי איך דאַרף אויך נאָך לערנען? ווער מיין רבי איז?...

די שוטים! זיי ווייסן גאָרנישט, אַז די וועלט איז גאָר אַ וואויל׳ער רבי, אַז דאגת פרנסה איז אַ רבי! צרות צרורות זיינען גוטע מלמדים... דער יתוש, וואָס קראַצט אַלץ־אײנאײנעם אין מוח מיטן „אם תאמר: מה נאכל?״, איז גאָר אַ פייערדיקער רבי! און זיי אַליין, די תלמידים מיינע, און די פאָטערס זייערע — די באַלעבאַטים מיינע, זיינען אויך גאָר פיינע מלמדים... אוי, ווי פיין!

אַלץ טרייבט צום לערנען!

אָבער זו תורה וזו שכרה!

מיש איך אויף די גמרא, — ווער איז צו מיר גלייך.

אַז איך עפן די גמרא, פיל איך, אַז דער הימל האָט זיך מיר געעפנט! אַז דער רבונו־של־עולם האָט מיר מיט זיין גרויס חסד געגעבן פליגל; גרויסע, ברייטע פליגל האָט ער מיר גע־געבן! און איך פלי מיט זיי; אַן אָדלער בין איך! און פליען — פלי איך ווייט, ווייט! נישט מעבר לים; פון דער וועלט אַרויס פלי איך!

פון דער וועלט מיט שקר, מיט חנופה, מיט יסורים רעים!

און איך פלי גאָר אין אַן אַנדערער וועלט אַריין! אין אַ נייע וועלט, אין אַ וועלט פון כל טוב, פון רק טוב; אין אַ וועלט, אָן אַ דעה פון בויכיקע באַלעבאַטים, פון מיוחסים — עמי־הארצים; אַ וועלט אָן אַ צורת מטבע, אָן אַ דאגת פרנסה. דאָרט איז נישטאָ קיין מקשה לילד, קיין הונגעריקע קינדער, קיין ווייבערשע קולות!

און דאָרטן בין איך, איך דער אָרימער, קראַנקער, דער־שלאָגענער, אויסגעהונגערטער און אויסגעדאַרטער מלמד, — איך עני מדוכא, וואָס שטימט דאָ ווי אַ פיש, וואָס מען טרעט דאָ ווי אַ וואָרים, — איך בין עס דאָרט דער מענטש, דער מיוחס, דער בעל־דעה! און פריי בין איך און פריי איז מיין רצון, און צו שאַפן האָב איך! וועלטן בוי איך אויף און וועלטן צעוואַרף איך! און איך בוי מיר נייע אויף זייער אָרט! נייע, שענערע און בעסערע וועלטן! און איך לעב אין זיי, פלי אַרום אין זיי! אין גן־עדן בין איך... אין אמתן גן־עדן!

און ווייסן ווייס איך, אַז איך ווייס מער, ווי דאָס וואָס איך וויל און קען אויסזאָגן מיינע תלמידים, און וואָס איך זאָג מיר אַליין אויס! און איך פיל אַזוינס, וואָס מען קען איבער די ליפּן נישט ברענגען; וואָס קיין אויג זעט נישט און קיין אויער הערט נישט, נאָר אין הארץ וואַקסט עס, דאָרט לעבט עס, דאָרט קלאַפּט עס!

די שנים אוחזין בטלית זיינען פאַר מיר נישט קיין מענטשן פון גאַס, נישט קיין פּראָסטע ראובן ושמעון, ווי איך פּאַרטייטש פאַר מיינע תלמידים! און דער טלית, איבער וועלכן זיי שפּאַרן

זיך, איז נישט קיין טלית, וואָס מען קויפט ביי יוסל פעשעס אין געוועלב... איך נעם טיפער!

איך זאַפּ דאָך איין די ניצוצין — די ליכטיקע פונקען פון צווישן די שורות, פון צווישן די ווערטער, פון צווישן די אותיות; די נשמה זאַפּט זיי דאָך איין ווי אַ שוואָם! איך פיל דאָך, ווי איך ווער אינגאַנצן דורכגעצויגן, דורכגעזאַפּט מיט דער ליכט, וואָס איז טאַקע באַהאַלטן געוואָרן פאַר די צדיקים לעתיד לבא — אויף יענער וועלט!

אוי, נאָר זיצן און לערנען! נאָר לערנען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָס מוז איך אייך אויך זאָגן, אַז אויב איך בין אין די גבירישע הייזער, און זע ווי זיי זיצן און שפּילן גאַנצע נעכט אין קאָרטן, אָדער זיי פאַרברענגען די צייט מיט שיחת-נשים, מיט אַנדערע הבלים...

אָדער אַז איך זע אין גאַס, און זע דורך אַן אָפענע שענק-טיר, ווי עס זיצט אַ בעל-מלאכה אין אַ וואָלקן פון רויך און טרינקט, און רעדט נאָך גרעסערע הבלים... אַז, ווען איך זע דאָס אַלץ, זאָג איך אייך, ווער איך גאָר נישט אין כעס... בין איך אויף זיי גאָרנישט מקטרג... אדרבא: מיר צעגייט דאָס האַרץ פאַר רחמנות אויף זיי!

וואָרן, צוריק געשמועסט, וואָס זאָלן זיי טאָן אָן תורה?...

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך אַמאָל געקנעלט אין אַ דאָרף, האָט מיר מיין תלמיד געוויזן, ווי צום סוף זומער פליען זיך צונויף די פייגעלאַך און פאַרלאָזן אונזער מדינה, איידער דער ווינטער קומט... איך האָב געזען ווי זיי נעמען זיך צוזאַמען גאַנצע מחנות און לאָזן זיך אַוועק ווייט, ווייט...

די קליינע פייגעלאַך קענען נישט און ווילן דאָ נישט בלייבן אין דער צייט פון שניי און פרעסט... אין דער צייט, קען דאָ קיין אָרים פייגעלע קיין קיום נישט האָבן... און די פייגעלאַך ווייסן עס: זיי פילן, אַז דער ווינטער קומט, אַז זייער מלאך-המות קומט...

נאָר איינמאָל האָב איך געזען, ווי אַ קליין פייגעלע, אַ בעל-מום, נעבאַך, מיט אַ צעבראָכן פליגעלע, האָט געהיפּט און געהיפּט איבער דער נאַסער, קאַלטער ערד, עס האָט געפּישטשעט, און עס האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן אין דער הויך, נאָכצופליען די גרויסע פייגל...

און עס איז אַ צער בעלי-חיים געוועזן צו קוקן, ווי דאָס אָרימע פייגעלע האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, און אַלץ גע-היפּט און געהיפּט, און געקוקט ווי יענע, די פרייע פייגעלאַך, פליען, פליען הויך, הויך אַוועק...

און דענסטמאָל האָב איך מיר געטראַכט: צו דעם קראַנקן פייגעלע איז געגליכן די נשמה פון אַן עם הארץ!...

פליען קענען זיי נישט די עם-הארצים; זיי האָבן קיין פליגל, קיין תורה נישט!

גיב זיי תורה, גיב זיי פליגל, וועלן זיי פליען... וועלן זיי אויך פליען אַרויף, צו די הויכע וועלטן!

מען האָט זיי אָבער די פליגלען צעבראָכן, היפּן זיי אַרום אויף דער ערד, איבער דער קאַלטער בלאָטע...

רעדט מען ניבול-פה, שפּילט מען אין קאָרטן!

דער רייכער אין סאַליע, דער אָרימער אין שענק...

נאָר, לאָמיר צוריקגיין צו דער זאַך...

הכלל — איך זיץ און לערן...

ביסלאַכווייז איז זיך דער קליינער עולם צעגאַנגען... דער שמש איז אַרויסגעגאַנגען דער לעצטער...

וואָס אַרט עס מיך? איך זע גאָרנישט!

ביי אַ ליכט, אין וואַרימען בית-המדרש, ביי דער אָפענער גמרא, האָב איך, אפילו איינער אַליין, קיין פחד נישט!

און פאַרטיפט בין איך געוועזן, ווי עס דאַרף צו זיין!

תורה, ווייסט איר דאָך, איז געגליכנט צו אַ ים, פאַליעס שלאָגן!

איינשלינגען ווילן זיי מיך... נאָר איך קען שווימען! איך לאָז מיך אַראָפּ און שווים אַרויף, און בין ווייטער אויבן אָן! טיילמאָל ווערט שטיל דער ים; ער ווערט שיין, ריין און קלאָר

ווי דער הימל... און מיין נשמה באָדט זיך אינם פרישן, מחיהדיקן וואַסער; זי גליטשט זיך ווי איבער אַ שפּיגל, מיט תּענוג, מיט חן... און דאָס וואַסער וואַשט זי אַרום, רייניקט זי אָפּ פון אַלע פלעקן, מיט די שוואַרצע עולם-הזה-פינטעלאַך!

און ריין, און הייליק ווערט די נשמה...

נאָר פּלוצלונג דערפיל איך אַ ברי אין פינגער... און איך בלייב אין דער פינסטער...

צווישן די פינגער איז מיר דאָס ליכטל אויסגעגאַנגען...

און אַליין, אין דער פינסטער, האָב איך מורא!

עס פאַלט אויף מיר אַ גרויסער פחד...

אַז עס איז ליכטיק, בייטאָג צי ביי נאַכט, שרעק איך מיך נישט.

מיר איז גוט! איך זע די וועלט אַרום מיר, איך פיל דעם באַלעבאָס איבער דער וועלט! איך זע די וועלט, און די וועלט זעט מיך; און איך ווייס, אַז איך בין אַ חלק פון דער וועלט, אַז איר באַלעבאָס איז אויך מיין באַלעבאָס; אַז אָן זיין רשות, וועט מיר קיין האָר נישט געקרימט ווערן. ער וועט נישט לאָזן, און די וועלט אַליין וועט אויך נישט לאָזן...

וואָרן — פאַרוואָס, פאַרווען!

אָבער אין דער פינסטער, אַז איך בין אַליין אין דער פינסטער, אַז איך זע נישט די וועלט, — אוי, דעמאָלט ווער איך גאָר אויס מענטש! בייזע געדאַנקען באַפאַלן מיך דעמאָלט! דעמאָלט דאַכט זיך מיר,—זאָל מיך גאָט דערפאַר נישט שטראָפן,— אַז איך האָב גאָר קיין שייכות נישט מיט דער וועלט, אַז מען האָט מיך פון איר אויסגעריסן און אַוועקגעפירט.

איך געהער מיך מיט איר נישט אָן; נישט איך, נישט מיין ווייב, נישט מיינע קינדער... מיר האָבן מיט איר קיין מגע ומשא נישט!... אָט כאַפּט מען מיך, אָדער איינס פון זיי, אַוועק, גאָר אין דער שטיל אַוועק און קיינער וועט נישט זען, קיינער וועט נישט וויסן, פילן אוודאי נישט?

און, קוים איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט, איז מיר אויסגעגאַנגען די נשמה יתרה פון לערנען; בין איך געבליבן ביי-

מיין ציטעריקע, דערשראָקענע, פּשוטע נשמה, פון אַ קבצן — אַ מלמד...

איך בין שוין צוריק אַ גאָרנישט, אַ וואָרים, אַ פּאַרלוי־רענע זאַך...

און די ליפּן מיינע ציטערן: גאָט זאָל העלפן, גאָט זאָל העלפן...

און דאָס האַרץ נאָגט און פּלאָגט: ברכה־לאה וועט געווינען... אוודאי וועט זי געווינען... און נאָך אַ צווילינג וועט זי האָבן! די מאַמע אירע איז מפורסמת געוועזן מיט צווילינגער!

טאָמער האָסטו ווייניק ווייב און קינד, נאַ, פאַלט אויף דיר גאָר ברכה־לאה מיט אַ קינד, ברכה־לאה מיט צוויי, דריי קינדער... זיינוויל־יחיאל איז אַ שוכן עפר; ער זיצט זיך דאָרט אין גן־עדן און לערנט תּורה; און דו האָרעווע... זיי מפרנס...

און די ליפּן ציטערן: זאָל גאָט רחמנות האָבן, זאָל גאָט רחמנות האָבן!

און שלעכטע געדאַנקען זאָגן: אַז גאָט זאָל זיך וועלן מרחם זיין, האָט ער קיין אַנדערע עצה נישט, נאָר דעם מלאך־המות צו שיקן... צו מיר... צו דער יולדת...

— רחמנותדיקער גאָט, רחמנותדיקער גאָט!

און איך ווייס, אַז איך זינדיק פאַר גאָט, אַז איך ווער, חס־ושלום, אַ כופר בעיקר. איך ווייס, נאָר איך האָב קיין שליטה נישט צו פאַרטרייבן פון האַרץ אַרויס דעם שד... די בייזע מחשבה... וואָרן איינער אַליין בין איך שוואַך! אין דער פינסטער— גאָר שוואַך!

איך ווייס, אַז איין רפואה דערצו איז תּורה, און איך וויל לערנען אויסנווייניק, איך וויל מיך דערמאָנען די סוגיא, און איך קען נישט! איך האָב זי פאַרגעסן, איך האָב אַלץ פאַרגעסן! כל התורה כולה פאַרגעסן!

און מיט אַלע כוחות האָב איך דעמאָלט אויסגעשריען:
רבונו של עולם! העלף מיר! העלף מיר!
און — עס איז מיר אַ נס געשען!

## VI.

על הנסים. אור הגנוז. א תיקון פאר א נשמה. א מלאך-המות, וואס קומט, ווייל מען האט'ן גערופן!

שפעטער, אז איך האב דערציילט די מעשה א משכיל, מיי־נעם א געוועזענעם תלמיד, האט ער געלאכט, און ווי הייסט גע־לאכט! עס איז — זאגט ער — גאר קיין נס נישט געוועזן! נאר א מקרה, א צופאל, זאגט ער, אדער א כוח הדמיון און אפשר פשוט א חלום... וכדומה...

נאר, וואס ארט עס מיך?

יתרו, ווייס איך, האט זיבן נעמען געהאט, און געוועזן איז איין יתרו!

רוף עס ווי דו ווילסט: נס, מקרה, כוח-הדמיון... מעשה בלייבט מעשה!

און איך ווייס נאר, אז בשעת מעשה, ווען עס האט זיך מיר שוין געדאכט, אז איך פאל, חס-ושלום, אין שאול תחתית אריין, איז פלוצלונג דאס גאנצע בית-המדרש געווארן פול מיט ליכט! און א וואונדערלאך זיסע ליכט! אזא בלאע ליכטיקייט, ווי די זיילן, וואס לאזן זיך אמאל, זומער-צייט, משופע אראפ פון דער זון, אין שטוב אריין דורך א פענסטער...

די זייל, זעט מען בחוש, באשטייט פון קליינע, ליכטיקע טראפן, און יעדער טראפן יאגט זיך בליצנדיק ארום אין דער זייל...

און אזא זייל האט דעמאלט דערפילט דאס גאנצע בית-המדרש...

און פלוצלונג ווער איך רואיק... אויס מחשבות!...

דאס בית-המדרש איז פול מיט זיסער ליכט! און איך ווער פול מיט ליכטיקן, זיסן בטחון! און אלץ אין מיר איז אזוי קלאר, אזוי ריין, אזוי קריסטאלן!

און, אז איך קוק מיך אום אויף מזרח-זייט, פונוואנען די זייל שלאגט, דערזע איך עמיצן!

און וועמען, מיינט איר, דערזע איך?

אָחי, זכרונו לברכה, דערזע איך! און טאַקע, אויף דעם אָרט, וואו ער פלעגט שטענדיק זיצן און לערנען!

און ער זיצט ביי אַ ספר... זיין פנים זע איך נישט, ווייל ער האַלט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט; נאָר דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז ער!.. אַז דאָס איז אָחי זיינוויל־יחיאל...

אין איך האָב מיך גאָרנישט געשראָקן!

דען דער כּלל איז: ווער עס האָט קיין מורא נישט פאַר לעבעדיקע, דער ציטערט פאַר טויטע.. אָבער איך? איך, אָרימער וואָרים, וואָס ציטערט שטענדיק פאַר אַלעם וואָס לעבט, וואָס זאָל איך מורא האָבן פאַר טויטע? און פאַר ווענען! פאַר אָחי זיינוויל־יחיאל, וואָס איז נאָך ביים לעבן געוועזן אַ זייד? און איך פרעג פשט פשוט:

— דו ביסט עס, זיינוויל־יחיאל?!

— איך! ענטפערט ער, און נעמט אַוועק די האַנט פון די אויגן.

איך דערזע זיין פּנים... עס שלאָגט דערפון אַזאַ מין ליבּ־לאַכקייט; אין די אויגן זיינע שטעקט אַזאַ מין מתיקות...

און איך פרעג ווייטער:

— וואָס טוסטו דאָ, ברודער?

און ער ענטפערט מיר:

— וואָס איך טו? זייער פיל טו איך! ביים לעבן בין איך דאָ געזעסן און געלערנט, און דער שטן האָט מיך מבלבל געוועזן, דאגת פרנסה האָט זיך אַריינגעמישט, און איך האָב איבערגעפּירט כּמה וכמה מקומות, אין אַ סך אָן כּוונה געלערנט... טו איך צונד, וואָס עס איז אויף מיר בגזר געוואָרן, מתקן צו זיין די נשמה! איך חזר איבער.

— און אַלץ מיט כּוונה?

ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און איך זאָג:

— זיינוויל־יחיאל דו לערנסט מיט כּוונה, ווייל דו ווייסט נישט...

און ער שלאָגט מיר איבער די רייד מיט זיין זיס קול:

— שוטה, — זאָגט ער — גאָר פאַרקערט; ווייל איך ווייס, לערן איך היינט מיט כונה! לעבעדיקערהייט, האָב איך ווייניק געוואוסט, אַ סך ספקות געהאַט, בין איך אַריבער איבער אַ סך זאַכן אָן כונה; ווארים נאָר דאָס, וואָס מען ווייסט נישט, איז מבלבל, די ספקות...

אַצונד אָבער, אַז איך ווייס, אַז איך האָב קיין ספקות נישט, איז אַלץ מיט כונה!

— און דו ווייסט, אַז משה ישראל?...

— ... איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע? איך ווייס אַפילו מיט וואָס פאַר אַ שיף ער איז אַוועק... טרפות עסט ער אויף דער שיף; איך ווייס!

— און ווייסט, אַז ברכה לאה?...

— ... איז מקשה לילד? אַוודאי ווייס איך. איך ווייס אַפילו, אַז זי וועט האָבן אַ בן זכר...

— נישט קיין צווילינג?

— ניין, קיין צווילינג וועט זי נישט האָבן! נאָר גרויס רחמים דאַרף זי! דאָס קינד וועט זיין אַ בעל-מום... דער רשע האָט איר אַ שטויס געטאָן און מקלקל געווען...

און איך פרעג ווייטער:

— און טאָמער ווייסטו, פונוואַנען זי וועט לעבן?

— דאָס ווייס איך אויך, — מאַכט ער בנעימות. ער רוקט זיך צו מיר נענטער צו, נעמט מיך אָן ביים אַקסל און זאָגט:

— קוק אַרויס, קוק דורכן פענסטער.

איך פאָלג.

— נו, וואָס זעסטו?

— איך זע, עמיץ גייט פאַרביי... אָנגעטאָן אין ווייסן... דאָס פנים זיינס שיינט, גלייך די שכינה וואָלט דערויף גערוט, אין לשער שיינט עס... און ער גייט זיך פאַמעלאַך.

מיר דאַכט, איך הער ווי אַ כלי-זמר שפילט, גייענדיק, אַ זיסן האַרצנדיקן ניגון!...

אָט איז ער פאַרבייגעגאַנגען דער מענטש...

— נישט קיין מענטש איז עס געווען, — אַ מלאך!

— אַ מלאך?

— אַ מלאך, און אַ גוטער מלאך... זייער אַ גוטער! דער מלאך המות!

— דער מלאך המות? ווער איך שוין דערשראָקן.

— וואָס ציטערסטו אַזוי? ווילסט פאַר'ן אַנטלויפן?

— און וואו, וואו אַהין איז ער געגאַנגען דער מלאך?

— וואוהין? צו ר' שמחהן, דעם גביר; זיין טאָכטער איז אויך מקשה לילד...

— איך ווייס... פאַר איר מיטן וולד האָב איך היינט פרי מיט אַ חברה תהילים געזאָגט...

— תפילה עושה מחצה; דאָס קינד וועט לעבן...

— און זי?

— האָסט דאָך געזען!..

— דאָס איז ער געגאַנגען צו'ן איר!.. און אַזוי אָן אַ חשק, טריט ביי טריט; פאַר רחמנות?

— אפשר! נאָר ער האָט זיך נישט וואָס צו איילן; נישט גאָטס שליח איז ער!

— וואָס רעדסטו?—שריי איך דערשראָקן, — ווער נאָך האָט צו שאַפן?

— דער מענטש האָט אויך, זיין רצון... זי אַליין האָט'ן גערופן...

— זי אַליין?!

— זי האָט נישט געוואָלט קיין קינד האָבן, קיין מאַמע זיין! אויך מקלקל געוועזן...

— רבונו של עולם! — האָב איך אויסגעשריען מיט גרויס צער,—זי וועט שטאַרבן פאַר אירע זינד... אָבער וואָס איז דאָס קינד, נעבאַך, שולדיק. דאָס קינד וועט בלייבן אַ יתום... רבונו של עולם!

— שריי נישט, נעמט מיך זיינוויל־יחיאל אָן ביי דער האַנט, שריי נישט! ברכה לאה וועט זיין דעם קינדס אַם!

... און פון היינט אָן ווייס: ווער עס שענקט דאָס לעבן, דער גיט פון וואָס צו לעבן!

ובאותו רגע, איז ער מיר אין דער לופט צערונען, די ליכ־טיקע זייל איז פארשוואונדן און דורכן פענסטער האָט שוין אריינ־געקוקט דער בלאסער מאָרגן.

## VII.

ווער עס גיט לעבן, גיט פון וואָס צו לעבן.

איר קענט אייך באָרנישט משער זיין, וואָס איך האָב בשעת מעשה געפילט!

איך בין אנידערגעפאלן, ווי גרויס איך בין; די קוואלן פון די אויגן האָבן זיך מיר געעפנט, און די טרערן האָבן זיך געגאָסן און געגאָסן...

און מיר האָט זיך געדאכט, אז נישט מיט טרערן וויין איך, נאָר מיט שטיינער; אז שטיינער קומען מיר ארויף פון הארץ און קאָלערן זיך מיר דורך די אויגן ארויס! וואָרן, וואָס מער טרערן עס זיינען ארויס, ווייניקער שטיינער איז מיר געבליבן אויפן הארץ, לייכטער איז מיר געוואָרן און פרייער!

און די מעשה ענדיקט זיך שוין.

איך גיי אהיים.

די טיר, זע איך, שטייט אָפן!

איך קום אין שטוב אריין, און ביים שוואכן שיין פון בלאסן מאָרגן, זע איך, אז דאָ זייגען גנבים געווען!

די כלים פון שטוב זייגען פארשוואונדן!

— מאכט נישט אויס! טראכט איך.

די קינדער הוסטן פון שלאָף, טרוקן און הייזעריק.

איך הער און טראכט מיר — עס שאדט נישט, עס מאכט נישט אויס!

באלד קומט אָן זוגתי פייגע. זאָגט זי מיר: מזל טוב! ענטפער איך איר:

— א יינגל, א בעל־מום.

בלייבט זי פארגאפט.

— אַ נביא ביסטו צי וואָס? און הערט נישט ווי די קינ־
דער הוסטן, און זעט נישט ווי די שטוב איז אויסגעלערט.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

און איך זאָג איר:

— און נאָך ווייס איך, זוגתי פייגע! איך ווייס, אַז ר׳
שמחה דעם גבירס טאָכטער איז אַוועקגעקומען („נפטר" האָט זיך
מיר אויף דער צונג נישט געלייגט), דאָס קינד—אַ בן זכר—לעבט!
און ברכה לאה וועט זיין זיין אַם!

— ווער האָט דיר דאָס אַלץ געזאָגט?

— וואָרן,—ענטפער איך איר — ווער עס גיט לעבן, גיט
פונוואַנען צום לעבן.

און איך האָב איר אַלץ דערציילט!

## ב.

# וואָס אַמאָל ווייניקער.

זאָגט יוחנן המלמד: אַז די משכילים האָבן נישט געלאַכט
און אנשי שלומנו האָט נישט פאַרדראָסן פאַר מיין ערשטער
מעשה, איז אַ סימן, אַז איך בין גערעכט; אַז עס איז אַזוי ווי
איך זאָג: אַז די גאַנצע נפקא מינא צווישן אַ משכיל און אַ חסיד
איז היינטיקע צייטן נישט מער ווי אינם נאָמען. איי וואָס, חברה
שלאָגט זיך, מאַכט קולי קולות, איז עס אויך נישט מער ווי צו־
ליב דעם נאָמען...

און אויב אַזוי, וואָס שווייג איך?

די בין, וואָס נאָגט זאַפט פון גראָזן און בלומען, גיט האָ־
ניק; און איך, וואָס האָב מיך אין לעבן אַ סך אָנגעזען — בין
מחוייב צו דערציילן.

און איך וויל אייך דערציילן, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט,
בשעתן קנעלן...

געקומען דערצו בין איך דורך מיין תלמיד איציקל, וואָס
האָט ליב צו האָבן מיט מיר וויכוחים! אַז איך פאַרשווייג אים,

מחמת בטול תורה, מיינט איציקל, אַז איך בין אים מודה! זאָל אים השם יתברך העלפן...

און דער בחור איציקל האַלט שטאַרק פון היינטיקע צייטן...

— אַ שפּאַס,—זאָגט ער,—אַ וועלט! סאַמע מאַשינען (דער פאָטער זיינער האָט אַ פאַבריק), אַלץ גייט אויף פּאַרע און עלעק־טרי; דאָס זיינען—זאָגט ער,—אונזערע משרתים: זיי מאָלן אונז מעל, באַקן ברויט, מאַכן זייף, פירן איבער פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, ריין קפיצת הדרך!...

און ער איז בטוח, אַז די בעלי המצאות וועלן נאָך כאַפּן אַמאָל די ווינטן און וועלן זיי איינשפּאַנען צום וואַרשטאַט; מען וועט נאָך צוזאַמענגעמען די שטראַלן פון דער זון, און הייסן זיי־ למשל, שטיוול פּוצן! און דער עיקר—מען וועט נאָך אַמאָל אויף באַלאָנען פליען אין דער לופט, ווי מלאכי השרת, להבדיל...

מילא, בנוגע צו דער מלאכה, צו די מאַשינען, איז נאָך צו דערליידן... איין דור ירשנט המצאות פון צווייטן — ווערט, וואָס אַמאָל, מער המצאות; דאָס קינד אויפן פאָטערס אַקסל איז העכער פאַרן פאָטער...

מיין תלמיד איציקל זאָגט אָבער, אַז בכלל דער מענטש ווערט וואָס אַמאָל קליגער, פיינער, הן אין דעות, הן אין מדות טובות...

וואָס אַ יאָר,—זאָגט ער, — וואַקסט מען מיט אַ קאָפּ אין דער הויך.

אפשר קומט עס דערפון, וואָס מיין תלמיד, איציקל, איז בטבע אַ בעל מזג טוב, און, אגב — איז ער טאַקע צופרידן פון דער וועלט!

דער שלום—זאָגט ער — פאַרשפּרייט זיך אין אַלע לענדער, מדת הרחמים וואַקסט פון טאָג צו טאָג (מען גיט גוזמות צדקה; דער טאַטע זיינער, דער גביר, גיט אויך אַ סך!), און באַלד, באַלד,—זאָגט ער, — וועט מקויים ווערן ישעיה הנביאס ווערטער, וגר זאב עם כבש,—עס וועט וואוינען אַ וואָלף צוזאַמען מיט אַ שע־פּעלע, און ווי ווייטער שטייט...

און אָט אין דעם בין איך מסופּק!...

איך דערמאָן מיך אָן שלמה המלכס שאלה: ווער ווייסט, צי שטייגט דער גייסט פון מענטש אַרויף?... וואָרן ווייסן ווייס איך, אַז עס איז פאַראַן אומריין וואַסער, וואָס פליסט אין זאַמד, און, פליסנדיק, ווערט עס וואָס אַמאָל ריינער, ווייל עס לאָזט איבער דאָס אומריינקייט אין זאַמד; צום סוף קען מען אפשר דאָס גאָר טרינקען! עס איז אָבער אויך פאַראַן קוואַל-וואַסער, וואָס פליסט פון אַ פעלז, גאָר פון אַ ריין, גאָר פון אַ הויך אָרט, נאָר עס פליסט איבער אַ מושב, און וואָס ווייטער עס גייט, שמוציקער ווערט עס; סם ווערט עס?

צו וועלכן וואַסער זיינען מיר גליך?

איך זיץ און טראַכט, און עס שטעלן זיך מיר פאַר די אויגן: ר׳ זישעלע, זכר צדיק לברכה—דער באַוואוסטער גאון עולם, וואָס איז געזעסן אַ יאָר צוואַנציק על כסא הרבנות אין זאַמושץ, און דער זון זיינער, ר׳ יחיאל, עליו השלום, אַ ייד אַ גביר, וואָס מען האָט מיט׳ן געטאָן אַ שידוך מיט אַ לובלינער גביר, און ער איז דאָרט געזעסן על התורה ועל העבודה, און וואָס זיינע צדקות ומעשים טובים האָבן געשמט אויף דער וועלט!

און אַ דריטער, אויך נישט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן, ר׳ יחיאל, עליו השלומס, אַ זון, דעם גאונס ר׳ זישעלעס אַן אייניקל, להבדיל בין החיים והמתים, הגביר הנכבד ר׳ יוסף, איציקלס, מיין תלמידס, פאָטער, וואָס וואוינט דאָ אין וואַרשע, האָט אַ גרויסע פאַבריק און איז אַן איש מכובד אין דער גאַנצער שטאָט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

לאָמיר צוריקגיין צו ר׳ זישעלען.

עס איז ידוע לכל, אַז ר׳ זישעלע איז געווען איינער פון די גדולי הדור!...

יינגלווייז, האָט ער געלערנט ביים ליסער רב,—גאָר אַ פאַרצייטישער גאון! דער ליסער רב האָט פון אים געהאַלטן עולם ומלואו; ער דערמאָנט׳ן אין אַ תשובה, וואו ער שרייבט מיט דעם לשון: „און מיין תלמיד מובהק, כמ״ר זישע, האָט פאַר מיר געלערנט די סוגיא, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינם טיפן וואַסער,

און האָט אַרויפגעבראַכט אַ טייערע פּערל. און בטוח בין איך, אַז ער וועט זיין אַ גדול בישראל".

און אַזוי איז טאַקע געוועזן!

ר' זישעלע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ גייענדיקע שאַנק מיט ספרים, — אַ גריילאַכער זכרון, אַ קלאָרער שכל, — אַ גאון מיט אַלע מעלות.

און פאַרוואָס דען האָט מען אים גערופן: ר' זישעלע, פאַרוואָס נישט ר' זישע?

ערשטנס — פאַר גרויס ליבשאַפט:

ער איז אַ גרויסער עניו געוועזן, אַ גרויסער מרוצה לבריות... אַ לייב אין תורה ועבודה, אין קהל־זאַכן; נישט געקוקט אויף באַלעבאַטים תקיפים, אויף גבירים גרויסע... און געשטעלט אויף זיך; ביי אַ הפסד מרובה, האָט ער אַפילו אויף אַ קדמון אַ מחמיר נישט געקוקט. קוים איז געגאַנגען אין יידיש געלט, פלעגט ער זאָגן: דער קדמון איז געווען רב אין זיין צייט און אין זיין שטאָט, און איך בין מרא דאתרא אין מיין צייט און אין מיין שטאָט.

און דער אייגענער ר' זישעלע האָט געפירט זיין רבנות — די קהילה מיט דייטשן, באַלעבאַטים, אַלערליי כיתות חסידים און בעלי־מלאכות, טאַקע ווי אַ גוטער פאַסטוך פירט די שאָף...

פאַר דעם האָבן אַלע מורא געהאַט, קיין הויך וואָרט נישט גערעדט!

ער האָט נאָר געדאַרפט זאָגן: איך מיין אַזוי און אַזוי...

און עס איז גענוג געוועזן!

וואָרן, אַז נישט, — "וועט ר' זישעלען פאַרדריסן!" און ר' זישעלען זאָל נישט פאַרדריסן, וועט דער, וואָס האַלט די פאַכט, נישט הויבן דעם מקח פון פלייש.

ר' זישעלען זאָל נישט פאַרדריסן, וועט דער וואָכערניק נישט פאַרקויפן דעם אביונס משכון...

ר' זישעלען זאָל נישט פאַרדריסן, וועט די חברה־קדישא נישט באַליידיקן די נושאים, און די חברה נושאים וועלן זיך נישט שטעלן קעגן די גבאים פון חברה־קדישא... עס וועלן זיך אפילו די חסידים קיין באַזונדערן שוחט נישט אויפנעמען!

און, ווען אַלע ציטערן פאַר ר׳ זישען, וואָס איז שטיל ווי אַ טויב, ציטערט ער נישט מער, נאָר פאַר חמץ בפסח!

אַ גאַנץ יאָר איז כוחא דהיתרא עדיף... כשר און כשר; ביי הפסד מרובה—אַוודאי כשר!

און פסח — אַלץ טרפה! טרפה און טרפה; אסור באכילה, אסור בהנאה, מען צעברעכט די כלים—סכנת-נפשות!

און פאַרוואָס שרעקט ער זיך? פאַר דער „משהו" שרעקט ער זיך! אַ קליינינקייט, זאָגט ער: אַ משהו! און וואָס קומט! כרת! דער עונש איז: „ונכרתה הנפש ההיא מעדת ישראל!"

און ער זאָגט: בעסער אַלע מדורות פון גיהנם, — דאָס נעם איך אויף מיר, פאַר אַ יידישן גראָשן,—אַלס כרת, אַרויס פון כלל ישראל!

אַ טיפער ענין!

דאָס איז ערשטנס...

און צווייטנס (רופט מען אים ר׳ זישעלע), ווייל ער איז געוועזן גאָר קליין געוויקסיק.

די גרויסע נשמה האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט גע־קאָנט שפּאַצירן אונטערן טיש!

אַז ר׳ זישעלע זיצט אויבן אָן אויף אַן אסיפה פון די באַלע־באַטים, זעט מען אים נישט אַרויס; כאָטש אַ ספּאָדיק האָט ער געטראָגן אַ הויכן...

אַז אַ באַלעבאָס פאַרשפּעטיקט זיך, פרעגט ער: שוין דאָ אונזער ר׳ זישעלע? אומקוקן זיך העלפט נישט.

פאַר דאָס אָבער, אַז ער זעט, אַז עס איז שטיל, אַז דער עולם האַלט די קעפּ אָן אַ זייט און הערט זיך איין — ווייסט ער שוין, אַז ר׳ זישעלע איז דאָ.

שמייכלט ער, דער באַלעבאָס, און טראַכט: „עס שיטן זיך שוין פּערל פון ר׳ זישעלעס מויל... דער עולם שווייגט און שלינגט זייבע ווערטער... לעבן זאָל ער, ר׳ זישעלע!"

דער עיקר האָט ר׳ זישעלע זיך צוגעלאָזט צו קינדער! ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער.

דער יונגער עולם אין בית-המדרש האָט עס געוואוסט, און

קוים האָט זיך ר׳ זישעלע געוויזן אין בית־המדרש אַריין, פאַר יום־כּיפּור־קטן, צי פאַר אַן אַסיפה, פלעגט אים חברה אַרומרינגלען פון אַלע זייטן, מיט אָפענע גמרות, מיט אַלערליי שאלות, פון דער סוגיא, פון יענער סוגיא, פון אַ רמב״ם. און ער פלעגט שמייכלען, יעדן ענטפערן מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, מיט שמחה און ליבשאַפט אין די קינדישע אויגן, וואָס ער האָט גע־האַט עד יום פטירתו, און זיין זיס קולכל, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ זילבערן גלעקל!

נאָר אַרויסגעזען פון צווישן דעם קליינעם עולם האָט מען אים נישט!

איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, שעבערשין—דריי מייל פון זאַמושץ—האָט זיך אַראָפּגעבּרענגט אַ נייעם רב, פון ערגעץ פון דער פרעמד; ער האָט ר׳ זישעלען פון פנים נישט געקענט, און באַלד נאָכן ערשטן שבת, נאָך דער ערשטער דרשה, איז ער געקומען קיין זאַמושץ צו ר׳ זישעלען...

טרעפט ער אים נישט אינדערהיים, גייט ער דערווייל אין בית־המדרש אַריין; וואו־דען זאָל גיין אַ שעבערשינער רב?

זעט ער אַ רעדל ייִנגלאַך, און איינער אין דער מיט קלינגט מיטן קול איבערן גאַנצן בית־המדרש און ענטפערט אַלע תּוך־כּדי־דבור, כּלאחר־יד.

גייט ער צו; ווערט ער נבהל ומשתּומם, און פרעגט: וואָס איז עס דעם ייִנגל געשען, וואָס ער איז גראָ געוואָרן ווי אַ טויב?...

מוסף ראש־השנה פלעגט ר׳ זישעלע דאַווענען פאַרן עמוד אין שול. אין שול פאַרן עמוד איז דאָך טיפער, „ממעמקים קראתיך ה׳״, זעט מען דאָך ר׳ זישעלען אַוודאי און אַוודאי נישט אַרויס... דער עולם וויל דאָך אָבער זען, ווי זיין קליין זיס קעפּל הוידעט זיך, און דער שווערט זיך נאָך, אַז אין די תּנועות פון זיין קעפּל, צוזאַמען מיט זיינע זיסע ניגונימלאַך, פאַרטייטשן זיי אַלע תּפילות... שטייען זיי טאַקע גאַנץ מוסף אויף די נעגל; אַנדערע שפּרינגען אַרויף אויף די בענק.

און אַ שונא־בצע איז ער געוועזן גאָר אַן אויסטערלישער...

כמעט יעדעס יאָר קומען שלוחים פון די גרעסטע שטעט און בעטן זיך ר׳ זישעלע זאָל אָננעמען דאָרט דאָס רבנות!

מען וויל ר׳ זישעלען אָפּגילטן.

ער וויל נישט הערן און געדענקען...

און ער מאַכט זיך אַן הלצהלע: איך האָב עמיצן, — זאָגט ער — חס-ושלום, געהרגעט, איך זאָל דאַרפן זיין נע-ונד?!

בעט זיך ביי אים די שטאָט: רבי זישעלע קרוין, רבי לעבן, לאָזט אייך כאָטש מוסיף זיין אויף די שכירות...

בייזערט ער זיך: וואָס ווילט איר מאַכן פון מיר אַ פרעסער אויף דער עלטער? זאָט בין איך אַזוי אויך!

און וויפיל נעמט ר׳ זישעלע שכירות? פופציק פוילישע גילדן אַ וואָך!

און קיין רח״ש נעמט ער נישט.

ר׳ זישעלע זאָגט, אַז ער איז אַ רב, נישט קיין מקבל! פסק-געלט גיט ער אַוועק די דיינים.

זיין תורה, — זאָגט ער, — פאַרקויפט ער נישט; אַפילו זיין שכל הישר ביי אַ פּשר האָט ער אויך נישט צו פאַרקויפן...

יום-טוב-געלט — פאַרשענקט ער די שמשים.

דאָ זוכט ער שוין קיין תירוץ נישט; גלאַט — אָרימע יידן!

שלח-מנות ווייטער טוישט ער... וואָס ער באַקומט פון רייכע, שיקט ער אָפּ אביונים; פון די אביונים, וואָס ער באַקומט, שיקט ער אָפּ די רייכע. און ער עסט, וואָס די רביצין באַקט...

„אדם רוצה בקב שלו!״

נאָר דאָס אַלץ האָב איך אייך דערציילט אגב אורחא... מען דערמאָנט ר׳ זישעלען, מוז מען כאָטש אַ ביסל דערציילן!

דער עיקר איז דער מנהג, וואָס ר׳ זישעלע האָט געהאַט.

עס פלעגט זיך אים טרעפן צרויסצוגיין דער לעצטער פון שטוב און צו פאַרשליסן די טיר. זעענדיק, אַז די טיר איז אַלט, דער שלאָס נישט יינגער, און אַז מיט אַ ליאַדע קלאַפּ צעברעכט מעןביידע, טראַכט ער, אַז עס איז אים לייכט צו באַגנבענען, און —

— ויוב גנב ישראל נינהו! — זיפצט ער.

און ר׳ זישעלע וויל נישט, אַ ייד זאָל, חס־ושלום, נכשל ווערן דורך דעם, וואָס ער פאַרגעסט צו פאַרריכטן די טיר...

וואָס טוט ר׳ זישעלע?

זאָגט ער:

— רבונו של עולם, זיי דו מיין עדות, אַז איך בין מפקיר, אַז איך צי אויס פון מיין רשות מיין גאַנץ האָב און גאָב, הן מטלטלין פון שטוב, הן באַרעס געלט, וואָס איך ווייס, און וואָס איך ווייס נישט.

און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען, האָט ער צוריק זוכה געווען מן ההפקר!

---

איך האָב מאריך געווען ביי ר׳ זישעלע, זכרונו לברכהן, וועל איך שוין ביי זיין זון מיטן אייניקל מקצר זיין...

ווי אויבן איז געשטאַנען, האָט ר׳ זישעלע געטאָן מיט ר׳ יחיאלן אַשידוך פון לובלין. אַ צייט לאַנג האָט ר׳ יחיאל געגעסן קעסט, דערנאָך אַ ז ער געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. אַן עושר במזומן איז ער געווען, כל ימיו האָט ער זיך מפרנס געווען פון פראָצענט, און איז זיך געזעסן על התורה ועל העבודה, און האָט עוסק געווען אין מצוות ומעשים־טובים.

קיין וואָכערניק, פאַרשטייט זיך, איז ער נישט געווען...

און איין מדה האָט ער געירשנט פון פאָטער ר׳ זישעלע— נישט מבייש זיין קיין שום בן-אדם! און—עניוות!

ר׳ יחיאל מישט זיך שטאַרק אין קהל-זאַכן, נאָר קיין התמנות נעמט ער בשום אופן נישט אָן; ער איז קיין דאָזאָרצע, קיין גבאי נישט, גאָרנישט!

צדקה הייסט ביי אים נאָר מתן בסתר...

ער גייט ווינטער גאַנץ פרי אין גאַס אַריין; זעט ער פויע־רים פירן האָלץ (פון שטיינקוילן האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט),—קויפט ער אַ פורל האָלץ, — צוויי־דריי פורלאַך האָלץ, און זאָגט דעם פויער, וואו ער זאָל אָפפירן... ער ווייסט שוין וואו אַ געפרוירענער קבצן וואוינט! ער פלעגט פאַר יעדן יום־טוב אָפּ־

שיקן נדבות מיט דער פּאָסט — אַ ספרא-רבה איז ער געווען, — באַר די אַדרעסן פלעגט ער שרייבן מיט דער לינקער האַנט, מען זאָל זיין כתב-יד נישט דערקענען, ווייל ער פלעגט אַמאָל שרייבן צו גרויסע שררות וועגן יידישע זאַכן...

דערפון האָט זיך געמאַכט אַ מאמר, אַז די נדבות דורך דער פּאָסט שיקט אַ באַהאַלטענער בעל-תשובה, וואָס האָט אוודאי עמיצן באַגזלט און קאָן די גזלה נישט אָפּגעבן... ערשט נאָך ר׳ יחיאלס פּטירה, איז מען געוואָר געוואָרן, ווער דער „גזלן" איז געווען...

און אויסער אין חברה-פּושקעס אריין, פלעגט ער מיד-ליד קיין נדבה נישט צו געבן... אַלץ געבאָרגט,—כשרע הלוואה הייסט עס! „ווען גאָט וועט העלפן, וועסטו אָפּגעבן, מיטאַמאָל, ביסלאַכ-ווייז; מיר אָדער פאַר מיר אַן אַנדערן נויטבאַדערפטיקן"...

און איינמאָל האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה: ר׳ יחיאל קומט אהיים פון גאַס און טרעפט עמיצן ביי זיך אין שטוב. יענער האָט דערזען און איז געבליבן ווייס ווי אַ קאַלך.

ר׳ יחיאל קוקט, פון אונטערן יידס פּאָלע שטאַרט עפּעס בולט אַרויס.

אין יידס פּנים האָט ר׳ יחיאל דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין פּשוטן גנב נישט... ער שטויסט זיך באַלד, אַז עס איז אַן עני הגון, אַז ער איז געקומען עפּעס בעטן, און, אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפן, איז ער נישט עומד געווען בנסיון, האָט׳ן דער יצר-הרע גובר געווען...

גייט ר׳ יחיאל צו אים צו גאַנץ פריינדלאַך און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איר האָט אוודאי געוואָלט לייען אויף אַ משכון? ווייזט נאָר דעם משכון...

דעם אָרימאַן קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— וואָס איז די חרפּה? פרעגט ר׳ יחיאל געלאַסן: דאָס מזל דרייט זיך ווי אַ רעדל, געלט איז קיילאַכדיק! היינט באָרגט איר ביי מיר, מאָרגן איך ביין אייך...

און אַזוי ריידנדיק, נעמט ער אים אָפּער פון אונטער דער פּאָלע זיין אייגענע פּאָר זילבערנע לייכטער!

און ר׳ יחיאל שטעלט זיי געלאָסן אַנידער פאַר זיך אויפן טיש, גלייך ער זעט זיי באמת דאָס ערשטע מאָל, און וויל אָפּשאַצן וויפל ער מעג אויף זיי באָרגן.

דער ייד, נעבאַך, וויל דערוויל אַנטלויפן, זייבען אים אָבער די פיס ווי צוגעשמידט.

— הכלל, ר׳ קרוב, — פרעגט ר׳ יחיאל, וויפל ווילט איר באָרגן?

און דער קאָן, נעבאַך, נישט די צונג איבערדרייען.

— איר זענט, ר׳ קרוב, אַ גרויסער בושת פנים... נו, וואָס קען מען מאַכן? „אַת פתח לו" שטייט, וועל איך פאַר אייך ריידן:

עס גייט צו פסח, — הערט, צי איך בין מיך נישט טועה — איך בין שטאַרק מסופק, צי איר האָט אויף מצות... נו, שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ צי ניין!

יענער, נעבאַך, שאָקלט אויף ניין.

— וואָס דען! מען דאַרף דערצו קיין נביא נישט זיין! דאָס פנים אייערס מכרט! נאָר — איר האָט אפשר נאָך אַ טאָכטער צו פאַרקנסן? יאָ?

נו, שאָקלט מיטן קאָפּ — יאָ צי ניין?

דעם אָרימען ייד האָבן זיך שוין אָבער געעפנט די קוואַלן פון די אויגן, ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— נאַרישער מענטש! — מאַכט ר׳ יחיאל, — וואָס וויינט איר? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, גלגל חוזר!

דער ייד קאָן זיך אָבער נישט איינהאַלטן; ווערט ר׳ יחיאל, מכלומרשט, ברוגז, האָט ער פאַראיבל.

— על־פי דין — זאָגט ער — בין איך אייך, ר׳ קרוב, מחויב צו העלפן; „עזוב תעזוב" שטייט, פאַרפאַלן! אָבער וואו שטייט עס, איך בעט אייך, אַז איך בין מחויב אויסצוהערן אייער געוויין, האַ?

דער ייד האַלט זיך איין מיט די לעצטע כוחות, און ר׳ יחיאל זאָגט ווייטער:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ קרוב, איך וועל אייך געבן לויט דעם משכון...

אין מיינע אויגן איז דאָס משכון, עובר לסוחר — אויף פחות — ווערט ק״ן קערבלאַך... וועל איך אייך באָרגן פינף־און־זיבעציק, — אַכציק! צען רובל אויף יום־טוב, זעכציק אויף נדן פאַר דער טאָכטער, און נאָך צען — אַ התחלה אויף חתונה־קליידער, חתונה־הוצאות; די רעשט וועט גאָט העלפן.

און אַז גאָט וועט העלפן, — גיט ער צו, ווי זיין מנהג איז געווען, — וועט איר באַצאָלן... איך בין בטוח, איר וועט באַצאָלן!

---

צינד גייען מיר איבער צו ר׳ זישעס איי‏ניקל.

איינמאָל, אַ יומא דפגרא איז עס געווען, האָט מיך איציקל מיין תלמיד שטאַרק געבעטן, איך זאָל מיטן גיין באַקוקן דעם פאָטערס פאַבריק. ער וויל מיר ווייזן די טייערע און קונציקע מאַשינען...

איך האָב אים נישט געקענט אָפּזאָגן; אַ יומא דפגרא איז, גיי איך.

אין פאַבריק אַריין גייען מיר דורך אַ שמאָל פּעדערהייזל, וואו צוויי מענטשן קענען נישט צוזאַמען דורכגיין, נאָר איינער נאָכן אַנדערן; פון דאָרט זיינען מיר געקומען אויף אַ גאַנץ גרויסן הויף אַרויס, פון הויף ערשט אין פאַבריק אַריין. אין פאַבריק איז נאָך מער רחבות ווי אויפן הויף.

און די פאַבריק איז פול מיט וואַרשטאַטן, און ביי יעדן וואַרשטאַט שטייט אַ פּועל. דער וואַרשטאַט וואַרפט זיך, און דער פּועל וואַרפט זיך מיטן וואַרשטאַט, און דער פּועל מיטן וואַרשטאַט זעען אויס ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואָס וואַרפט זיך, שאָקלט זיך און זעצט...

און וואָס איז די נשמה פון דעם גוף? די פּאַרע! זי רודערט עס מיט אַלעם דורך לעדערנע רימען, מיט וועלכע יעדער וואַרשטאַט איז אַרומגענומען...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדערע נשמה

נישט, נישט דער וואַרשטאַט, נישט דער פּועל, וואָס טוט נאָך דעם וואַרשטאַט; זיי האָבן קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט...

אַזוי דאַכט זיך מיר!

און מיין תּלמיד וויל מיר אַלץ פּאַרטייטשן, געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך, וואָס מען אַרבעט, ווי אַזוי מען אַרבעט; נאָר, — איך הער נישט, איך שרעק מיך פאַר די קלאַפּנדיקע גולמות...

די אויערן ווערן מיר טויב פון גערויש און קלאַפּעריי...

אַ ים קולות, אַ מבול קלעפּ און שלעג... און עס קראַצט, און רייבט, און קריצט מיט די ציין...

און אַ וואונדערלאַכע מחשבה פליט דורכן מוח:

און ווען עס קומען אַהער, אין דעם גיהנם אַריין, די גרעסטע נביאים... ישעיה, ירמיה... און ווען משה רבינו אַליין, — ווען זיי עפענען די מיילער, און — זיי ווילןריידן — צי וואָלטן זיי איבערגעשריען דאָס גיהנם? צי וואָלט זיי עמיצער פון די געפייניקטע נשמות געהערט?

ניין, זיכער נישט! טראַכט איך און לויף אַרויס, באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס פאַר שרעק!

און מיר גייען ווייטער דורכן שמאָלן פעדערצימער, און איך מיט יצחקן קאָנען צוזאַמען נישט דורכגיין...

— נאָך וואָס איז דאָ אַזוי ענג? פרעג איך.

— דאָ רעווידירט מען די אַרבעטער, — ענטפערט יצחקל — איינעם נאָכן צווייטן רעווידירט מען...

— נאָך וואָס?

— מען גנבעט פון פאַבריק... פלים... סחורה...

— גנבים זיינען זיי, גנבים?

— נישט אַלע, חס־ושלום! נאָר אויף טייל פאַלט אַ חשד!...

— און אַז אויף אַ טייל פאַלט אַ חשד, רעווידירט מען אַלע?

— דער טאַטע זאָגט, אַז מען קאָן נישט מבייש זיין, רע-ווידירט מען אפילו די מייסטער אַליין...

---

אויך „שלא לבייש", נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן נוסח!

ג.

# די קללה.

און ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט איז געוועזן אַ גרויסע גבירה.

און די גבירה איז געוועזן אַ מיוחסת, הן פון איר צד, הן פון מאַן, פון גבירס צד.

אַ גרויסע יפת-תואר איז זי אויך געוועזן, האָט זי זיך גרויס געהאַלטן, ווי מען זאָגט, געבלאָזן פון זיך, און מיט די רעשט ווייבער פון שטאָט קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט.

זי פלעגט אין ערגעץ אפילו אויף קיין שמחה נישט גיין, און ביי איר איז נאָך קיין שמחה נישט געוועזן, ווייל זי האָט, כאָטש עטלאַכע יאָר נאָך דער חתונה, נאָך קיין קינדער נישט געהאַט.

אין דעריבער, אַז דער מאַן, אַ לייפסקער סוחר, איז אַרויס-געפאָרן פונדערהיים, איז די גבירה אַרומגעגאַנגען איינע אַליין אין אירע גרויסע און רייכע שטובן, און האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן.

לייענען צאינה-וראינה, קב-הישר, צי אַנדערע מוסר-ספרים אויף עברי-טייטש, האָט זיך איר נישט געגלוסט; פיאַנע פלעגט מען נאָך אין יידישע הייזער נישט שפילן, קיין מעשה-ביכלאַך פאַר ווייבער איז נאָך דעמאָלט נישט געוועזן; דעם משרת מיט די צוויי דינסטן, וואָס זי האָט געהאַט, פלעגט זי האַלטן פון זיך ווייט; אומגערופן האָט קיינער געטאָרט צוקומען, — פלעגט זי שטיין גאַנצע טעג ביים צירונג-קעסטל, שפילן זיך מיט די אַלערליי גאָלדענע און בריליאַנטענע זאַכן, וואָס זי האָט געהאַט,

קוקן ווי די פלעמלאַך גיסן זיך איבער אין די טייערע שטיינער; אָנמעסטן און אויסטאָן, אויסטאָן און אָנמעסטן, אַבי, ווי עס איז, די צייט צו פאַרברענגען.

אַז איר איז דאָס נמאס געוואָרן, פלעגט זי צוגיין צו דער קליידער־שאַנק און איבערוואַרפן אַלע זיידענע, אַטלעסענע און סאַמעטענע קליידער, וואָס זי האָט געהאַט.

און אַזוי פלעגט זי אָפּלעבן די צייט ין אָפּוואַרטן ביז דער מאַן וועט צוריקקומען פון לייפּסק.

איין מאָל האָט זיך אָבער דער מאַן לענגער פאַרזאַמט און, ווען ער האָט געדאַרפט, לויט אַלע יאָר, אַרויספאָרן, האָט ער ערשט געשיקט אַ בריוו: היות די עסקים וועלן אים לענגער פאַרהאַלטן... מיט גאָטס הילף וועט ער אַפילו מאַכן גרויסע און גוטע געשעפטן, נאָר זיין עגמת־נפש איז גרויס, וואָס ער קען אפילו נישט מגביל זיין די צייט פון אַרויספאָרן.

און ווייל ער רעכנט, אַז זי האָט אויך אוודאי עגמת־נפש דערפון, וויל ער — שרייבט ער — זי משמח זיין אַ ביסל, שיקט ער איר גאָרנאָסטאַיען אויף אַ פוטער, טייערע גאָרנאָסטאַיען צו 15 רענדלאַך אַ שטיק...

אין עטלאַכע טעג אַרום, אַז די גבירה האָט באַקומען די גערנאָסטאַיען, האָט זי זיך גענומען צום מאַכן דאָס פוטער.

ערשטנס, זיינען איר די פעלכלאַך זייער געפעלן; צווייטנס, וועט זי האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען, נישט משוגע צו ווערן איבער דער צייט.

אַהיים־געבן אַ בעל־מלאכה די פעלכלאַך, האָט זי מורא, מען זאָל זי נישט באַגנבענען, שיקט זי נאָך אַ שניידער, ער זאָל אויפנייען דאָס פוטער ביי איר אין שטוב; זי אַליין וועט זיצן ביי דער אַרבעט.

און דער שניידער, וואָס די גבירה האָט געלאָזט רופן, איז געווען אַ וואוילער יונג, ווי עס טרעפט זיך צווישן שניידער.

אַ מאַנספאַרשוין — אַ פאָרטרעט, אַ מויל — ווי אויף שרויפן, און אַ בריה, — די נאָדל פלעגט אים פליען אין דער האַנט, און

דערבײַ, אויב ער האָט נישט גערעדט, פֿלעגט ער זינגען ווי א קאַנאַריק.

און עס איז געקומען דערצו, אַז עס האָט זיך געמאַכט א שמועס צווישן דער גבירה מיטן חייט.

און דער שנײַדער דערציילט איר פֿון זײַנע קינדערשע יאָרן:

אַז ער איז גאָר פֿרי א יתום געבליבן, אָן א טאַטן און אָן א מאַמען, רחמנא ליצלן; אַז די אָרימע קרובים זײַנע, וואָס האָבן אים נישט געקענט מפרנס זײַן און צאָלן פֿאַרן חדר-געלט, האָבן אים אָפּגעגעבן צו א שנײַדער...

און דער שנײַדער האָט אים זייער שלעכט באַהאַנדלט...

עבודת-פּרך האָט ער געאַרבעט, גאָר נישט בײַ דער מלאכה... האָלץ פֿלעגט ער האַקן, וואַסער טראָגן...

און מכּות אכזריות פֿלעגט מען אים שלאָגן... דער באַלע-באָס, די באַלעבאָסטע, די עלטערע פּועלים...

הונגער האָט ער אויך געליטן...

און וואָס איז ער נישט אויסגעשטאַנען?

זומער און ווינטער פֿלעגט ער אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס.

אין די גרעסטע פֿרעסט פֿלעגט ער שלאָפֿן אויף דער גאָ-לער ערד, אונטערגעלייגט די פֿויסט! ער האָט אפֿילו נישט געהאַט קיין מלבוש מיט וואָס זיך צוצודעקן, וכדומה...

און די גבירה, אויף וועלכער מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט א שטיינערן האַרץ, האָט רחמנות געקראָגן אויפֿן יתום, און פֿרעגט דעם שנײַדער גאָר מיט אַן אַנדער קול, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ געקענט אויסהאַלטן?

און דער שנײַדער זאָגט איר, אַז ער ווייסט אַליין נישט! אַז ער איז טאַקע שטאַרקער געווען פֿון אײַזן, אַז ער האָט עס אויסגעהאַלטן!

גאָר א מוטער האָט ער געהאַט א צדקהס: אפשר איז אים איר זכות בײַגעשטאַנען...

דעם פֿאָטער האָט ער נישט געקענט!

נאָר וואָס מער וואונדער, ביי אַלע צרות און יסורים, וואָס ער האָט אויסגעליטן, איז ער תּמיד געווען פריילאַך און לוסטיק; מען שלאָגט אים אומזיסט, שטעלט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע און וויינט, נאָר איידער די טרערן ווערן טרוקן—ער זינגט שוין.

וואָרן זינגען האָט ער ליב געהאַט דאָס לעבן! עס האָט זיך אים תּמיד געוואָלט זינגען, אַזוי זינגען, ווי דאָס פייגעלע, וואָס פליט אין דער לופטן, און האָט איבער זיך קיין אויבערהאַר נישט! דעריבער האָט מען אים טאַקע גערופן משה פויגל! „משה" האָט ער געהייסן.

און דער שניידער דערציילט איר ווייטער, אַז ער האָט געקענט אויסנווייניק אַלע חזנישע זאַכן; אַפילו פון פרעמדע חזנים, וואָס פלעגן קומען דאַווענען אויף בילעטן! דורך די פענסטער פלעגט ער זיך אריינגנבענען און הערן...

קומט מען צו פאָרן מיט אַ קאַטערינקע, גנבעט ער זיך שוין אַרויס, און לויפט איר נאָך פון הויז צו הויז, פון גאַס צו גאַס, ביז ער נעמט איבער אַלע ניגונים!... גאַנצע נעכט פלעגט ער שטיין אונטערן פענסטער פון אַ חתונה, אויב עס האָבן פרעמדע כּלי-זמרים געשפּילט, צו מאָרגנס האָט ער שוין אַלץ איבערגעזונגען... אַפילו דער פידלס שטייגער צו דער חופּה!

„ויהי ערב — ויהי בוקר", — דער שניידער דערציילט, די גבירה פרעגט איבער; און טיילמאָל, אַז זי פרעגט נישט, זינגט ער אין דער שטיל; הערט זי ווי ער זינגט.

---

אויף מאָרגן האָט דער שניידער דערציילט, אַז די שמחה, דאָס באַשטענדיקע פריילאַך זיין, איז אים טאַקע בייגעשטאַנען.

אַ ביסל איז עס געווען מעשה נסים.

דער מייסטער, דער באַלעבאָס זיינער, איז פּלוצים קראַנק געוואָרן, ער האָט געפילט, אַז לאַנג לעבן וועט ער שוין נישט. די דאָקטוירים האָבן אים אויך שוין געלאָזט אויף גאָטס באַראָט...

האָט ער דער עיקר גרויס צער געהאַט דערפון, וואָס ער גייט פון דער וועלט אָן אַ קדיש, און לאָזט איבער אַ ווייב אָן

אלמנה און אַ טאָכטער אַ יתומה; וואָרן ער האָט קיין בן־זכר נישט געהאַט, וואָס זאָל קדיש זאָגן און איבערנעמען די מלאכה...

האָבן אים קרובים, שכנים און גוטע פריינט אַן עצה געגעבן, ער זאָל די טאָכטער זיינע,—אסתרל האָט זי געהייסן—תיכף חתונה מאַכן מיט אַ פועל, וועט דער איידים מפרנס זיין די טאָכטער מיט דער אַלמנה און קדיש זאָגן במקום אַ זון.

באַשטייט ער.

זאָגט אָבער אסתרל: אַז זי וויל מיך; משה פויגל וויל זי.

זאָגט מען איר, אַז איך בין קוים אַלט אַכצן יאָר.

זאָגט זי, אַז זי האָט נאָר זיבעצן, איז עס אַ גלייכער שידוך!

זאָגט מען איר ווייטער, אַז איך קען נישט די מלאכה, איך בין קיין פרנסה־געבער.

זאָגט זי, אַז איך וועל מיך אויסלערנען; אַז אויב איך קען נאָך נישט, איז עס נישט מיין שולד! אַז משה פויגל איז קיין פי גל נישט, און מסוגל צו דער מלאכה איז ער, נאָר מען האָט אים נישט געלערנט!

דער פאָטער בעט זיך ביי איר, די מוטער וויל שלאָגן.

די בת־יחידה אָבער האַלט זיך שטאָל און אייזן: אָדער משה פויגל, אָדער גאָרנישט!

— נו, און דו האָסט זי געוואָלט? פרעגט די גבירה מיט אַ צופרידענעם שמייכל.

— אַ שאלה אַ ביסל! שמייכלט דער שניידער—מיין אסתר איז דאָך שיין ווי אסתר המלכה, און אַזוי גוט ווי אסתר המלכה! — —

און וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן? דער חולה איז מסוכן און ער וויל זיך באין־אופן נישט שיידן פון דער וועלט, אָן אַן איידים; קוועלט ער זיך נעבאַך אַזוי לאַנג, ביז ער מוז באַשטיין! האָט מען אַ חופה געשטעלט!

און דעם צווייטן טאָג בין איך אויפגעשטאַנען אַ מייסטער, און האָב באַקומען שליטה איבער די, וואָס פלעגן מיך קוועלן אָן רחמנות...

און, אַז די גבירה פרעגט, צי ער באַצאָלט זיי אַצונד מיט פּראָצענט? — ענטפערט ער: — חס־ושלום!... ער גלויבט, אַז אַ מענטש איז נאָר דעמאָלט אַן אכזר, ווען עס איז אים נאָר ביטער אויפן האַרץ! „זיי האָבן געליטן, האָבן זיי צו מיר אויסגעלאָזט דעם כּעס... איך בין דאָך דער שוואַכסטער געווען... אָבער איך?

געלויבט איז השם־יתברך, מיין האַרץ איז נישט טערט... טרעפט זיך אַמאָל אַן עגמת־נפש, זינגט מען..."

די גבירה פרעגט, צי זיין אסתּרל זינגט אויך?

— מיין אסתּר המלכּה זינגט, נאָר נישט אויף אַ קול!

די גבירה פאַרשטייט נישט און משה פויגל זאָגט, אַז ער אַליין פאַרשטייט אויך נישט!

נאָר איזן איז אַזוי! און אויב ער פלעגט אַמאָל נאָכזינגען כּלי־זמרים, אָדער חזנים, זינגט ער היינט אסתּרלס ניגונים...

ערשט צונד איז אים איינגעפאַלן, אַז עס איז אַזוי!

„אַז איך קוק איר אין די אויגן אַריין, זינגט זיך! איז אַ סימן, אַז דאָרט שטעקט ער, דער ניגון!"

די גבירה ציט ווייטער מיט די אַקסל און משה פויגל זאָגט נאָכאַמאָל, אַז ער פאַרשטייט אַליין אויך נישט, נאָר עס איז אַזוי!

— אַזוי איז עס! זאָגט ער — און הייבט זיך אויף.

ער האָט די אַרבעט געענדיקט; די גבירה האָט אים באַצאָלט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען...

---

און די גבירה איז ווייטער אַליין געבליבן... זי האָט ווייטער נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן; עס האָבן זי שוין אפילו די קליידער מיטן צירונג נישט פאַרנומען... אויסער ביים אָנמעסטן, האָט זי נאָך דעם מאַנס מתּנה, דעם טייערן פעלץ אויפן לייב נישט געהאַט!

דערמאָנט זי זיך פּלוצים, אַז זי האָט מלבושים איבערצומאַכן... און שיקט נאָך משה פויגל.

און עס מאַכט זיך ווייטער אַ שמועס.

די גבירה וויל וויסן, ווי משה פויגל לעבט מיט זיין „אסתר המלכּה״, און דער שניידער דערציילט:

— השם־יתברך, זאָל געבן אויף לאַנגע יאָר, — זאָגט ער — עס זאָל אונז נאָר קיין בייז אויג נישט שאַדן!...

מיר לעבן זיך ווי די טויבן...

נישט שטענדיק באָדט מען זיך אין מילך און אין פּוטער... אינמיטן דער וואָך פעלט אַמאָל אַ שטיקל פלייש, נאָר וואָס מאַכט עס אויס?... נישט דאָס איז דער עיקר... אַבי דער מענטש איז נאָר צופרידן, די נשמה הייסט עס!

די גבירה הייבט אָן חוקר־ודורש זיין; וואָס זיי טוען? — פרעגט זי...

— וואָס זאָלן מיר טאָן? — איך טו מיר מיין אַרבעט... איך ניי און שטעפּ, און זי איז באַלעבאָסטע: קערט, קאָכט און וואַשט, אַ דאגה! איך אַרבעט און זי אַרבעט; איך זינג און זי הערט זיך צו פונדערווייטן, פון איר ווינקעלע. האָט זי צייט, קומט זי צו מיר צו, זעצט זיך ביים טיש...

אַ קליין חנעוודיק קעפּל האָט זי, שפּאַרט זי עס אָן אויף דער האַנט...

אויגן האָט זי גרויסע, קוקט זי אויף מיר...

טו איך איר להכעיס, און קוק איר אין די אויגן אַריין, ווערט זי רויטלאַך, און מיר ווערט פריילאַך, אַז עס הייבט זיך אָן צו זינגען... זינגט זיך! עס לעבט זיך נישטקשה! בפרט אַצונד... וואָס „אַצונד״?

— אָ! דער „אַצונד״ איז אַ גרויסע זאַך, — ענטפערט דער שניידער, — אַ ניי פייגעלע קומט אויף דער וועלט... משה פויגלס אַ פייגעלע וועט קומען! אסתר המלכּהס פייגעלע...

---

משה פויגל האָט נאָך נישט געענדיקט די אַרבעט ביי דער גבירה און אסתר המלכּה ריכט זיך אין בעט אַריין...

משה פויגל לאָזט איבער די באָבען אין שטוב און גייט צו דער אַרבעט; ער זאָגט צו, באַלד צוריק צו קומען...

און קומט נישט אַזוי געשווינד!

אסתּר האָט דערווייל ווייען באַקומען, און משה פויגל זיצט נאָך אַלץ ביי דער אַרבעט, און דערציילט, ווי גוט אסתּרל איז, ווי שיין זי איז, ווי צוגעבונדן ער איז צון איר...

די גבירה לאָזט אים נישט אַוועקגיין; דאָס קלייד דאַרף זי נייטיק...

ער אַרבעט ווייטער.

די גבירה באַצאָלט ווי אַן אמתע שׂררה! פאַר געלט קריגט מען גוטע זאַכן, און „אסתּר המלכּה" וועט דאַרפן גוטע זאַכן... דער קליינער פויגל וועט אויך דאַרפן!

און אַ ברית וועט זיין אַ קנאַקנדיקער!

אַרבעט ער געשווינד, און זינגט, און דערציילט...

און, אַז די ווייען האָבן זיך געשטאַרקט, און אסתּר המלכּה האָט געשיקט אַ שכנה נאָך משה פויגל, איז די שכנה צוריקגעקומען מיט אַ תּשובה, אַז זי האָט משה פויגל נישט געזען; אַרויסגעקומען איז די גבירה... זי האָט איר אַליין געעפנט און געזאָגט, אַז זי וועט אים שוין שיקן!

און אַז די ווייען זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרן, איז אַן אַנדערע שכנה געגאַנגען, שוין אַן עלטערע יידענע, וואָס האָט שוין געזאָלט „אַננעמען משה פויגל ביי די פּאות און אַהיימשלעפּן ווי אַ פּגר". נאָר זי האָט אויך נישט די העזה געהאַט קעגן דער גבירה, און איז אויך צוריקגעקומען מיט דער בשׂורה, אַז זי וועט אים באַלד שיקן...

— זי האָט מיך, — פאַרענטפערט זי זיך, — איבער יער שוועל נישט געלאָזט!

און אַז די באָבע האָט געזאָגט, אַז אסתּרל איז אין אַ גרויסער סכּנה, אַז, אויב, השם־יתבּרך, וועט זיך, חס־ושלום, נישט מרחם זיין, ווייסט זי נישט, וואָס דער סוף קען זיין...

האָט די יולדת פאַר גרויס צער אַ געשריי געטאָן:

— רבּונו של עולם! אויב עס איז אויף מיר בגזר געוואָרן פון הימל, אַז איך זאָל אַזוי פרי אַוועקגיין פון דער וועלט און

מיין אייגן קינד נישט זען, לאָז מיך כאָטש נאָכאַמאָל זען מיין משה פויגל!

און אַ דריטע שכנה איז געלאָפן, און איז צוריקגעקומען, און געזאָגט: אַז באַלד קומט ער, ער ענדיקט שוין דאָס קלייד! אַזוי האָט די גבירה געזאָגט...

און די גבירה האָט באמת נישט געוואוסט, אַז עס איז סכנות נפשות, זי האָט גאָרנישט געלאָזט צו זיך ריידן...

— וואָס טוען זיי דאָרט? האָט די יולדת מיט די לעצטע כוחות געשריען.

און די שכנה איז מודה, אַז זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע אונטער דער טיר און האָט געהערט, ווי משה פויגל דערציילט עפּעס, זאָגט וואָס אַמאָל: אסתּר המלכה, מיין אסתּר המלכה און זי, די גבירה לאַכט...

און אסתּרל האָט אויסגערופן:

— רבונו של עולם, זאָל זי שוין לאַכן ביזן טויט אַריין; אין קבר זאָל זי לאַכן...

און זי איז אַוועקגעקומען...

---

דאָס איז געווען אַ קללה פון אַ שכיב־מרע!

און זי איז מקוים געוואָרן, די קללה!

די גבירה האָט שוין נישט אויפגעהערט צו לאַכן!

אַ צופרידענער שמייכל איז איר ווי צוגעקלעפט געוואָרן צום פנים. און, עפּנט זי דאָס מויל, לאַכט זי!

זי שמייכלט ביים גרעסטן צער, ביי די גרעסטע יסורים; דאָס האַרץ ברעכט און זי לאַכט!

זי שמייכלט, ווען זי בעט אויף זיך דעם טויט; זי לאַכט! ווי ווען דער מלאך המות וואָלט פאַר איר אַ מלאך־הגואל געווען.

עס קומט אַריין דער משרת, ער שטעלט זיך פון ווייטן און ווייזט איר, ער האָט אַ בריוו, אַוודאי פון מאַן.

שטייט ער און וואַרט, זי זאָל אים געבן אַ צייכן, אַז ער

זאָל איר דערלאַנגען דעם בריוו; דערזעט ער, אַז זי איז עפּעס היינט פריינדלאַכער, ווי אַלע מאָל, אַז זי שמייכלט!...

גלויבט ער זיינע אויגן נישט, עפּנט זי דאָס מויל, און לאַכט.

זי וויל אים זאָגן, ער זאָל דערלאַנגען דעם בריוו און — לאַכט...

דער משרת איז געווען בטבע אַן אויסגעלאַסענער, אַ באַהאַלטענער רשע, קוקט ער אויף איר שוין גאָר אַנדערש.

זי שמייכלט ווייטער...

זי וויל זיך בייזערן, עפּנט ווייטער דאָס מויל און — לאַכט!

— וואָס איז מיט איר געוואָרן? מיט דער מיוחסת?

ער קען עס גאָר נישט פאַרשטיין. קלערט ער, ווי אים טויג זיך. גייט ער נענטער צו, — זי שמייכלט!

מיינט ער, דער רשע, אַז ער האָט ביי איר פלוצלונג נושא חן געווען, גייט ער צו נאָך נענטער!

נעמט ער זי אָן ביי אַ האַנט! זי שמייכלט! קושט ער די האַנט, — און לאַכט!

מער דאַרף ער נישט, דער אויסגעלאַסענער משרת! פאַרגעסט ער אָן בריוו, וואָס דער באַלעבאָס האָט געשיקט פון וועג, אַז ער קען אָנקומען באַלד נאָכן בריוו, — און נעמט זי אַרום...

זי שמייכלט, זי לאַכט!

קומט טאַקע אָן דער באַלעבאָס, זעט ער וואָס עס טוט זיך, און נעמט זי אָן און — וואַרפט זי אַרויס...

זי לאַכט!

עס איז ווינטער; אַ קעלט, אַ שניי, זי גייט אַרום און שמייכלט...

מען לויפט איר נאָך, מען לויפט אויף איר וואונדער און זי לאַכט; זי שמייכלט און לאַכט...

---

און אַזוי טרייבט זי זיך, לאַכנדיק, אַרום אין די גאַסן — זי בעטלט און לאַכט.

מען וואַרפט איר נאָך שטיינער, שלעכטע מענטשן פייניקן זי, זי שמייכלט און לאַכט...

זי גייט איבער פון איין האַנט צו דער צווייטער, פון איין רשע צום צווייטן, מיטן פאַרגליווערטן שמייכעלע אויפן פנים, מיטן קלינגענדיקן געלעכטערל אין מויל!

זי פאַלט ביז אויף דער נידעריקסטער מדרגה — און אַלץ מיט אַ שמייכל אויפן פנים, מיט אַ געלעכטער אין מויל!

און אַזוי האָט זי געשמייכלט און געלאַכט, ביז צום טויט, און — נאָכן טויט!

זי גוססט און לאַכט, די נשמה רייסט זיך איר פון גוף אַרויס און דאָס פנים לאַכט...

און דאָס פנים לאַכט אפילו אין קבר!...

די עטלאַכע נושאים, וואָס האָבן זי אַריינגעלאָזט אין קבר אַריין, האָבן מיט טויט-שרעק דעם קבר פאַרשיט. און געאײלט זיך, זיי זאָלן שוין דעם וויסטן שמייכל נישט זען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָרגט אייך יוחנן מלמד: היט אייך פאַר אַ קללה, בפרט, פון אַ שכיב מרע!...

---

# דער עונש.

## ד.

אָמר — האָט געזאָגט — יוחנן המלמד.

האָט יוחנן דער מלמד געזאָגט:

דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן אַ וועלט, און אַלעס אויף דער וועלט זיין באַזונדער פרצוף-פנים געגעבן. נישטאָ קיין צוויי גלייכע ביימער, קיין צוויי גלייכע בלעטלעך; קיין צוויי גלייכע מענטשן אַוודאי און אַוודאי נישט. און אַזוי אין חצוניות, ווי אין תוך אַריין, נישט פאַראַן קיין צוויי גלייכע נשמות.

און יעדער פּרצוף-פּנים דאַרף אויסלעבן זיין וועלט, ווי גאָט, זיין ליבער נאָמען, האָט אים באַשאַפן, און נישט אַראָפּגיין פון זיין אייגענעם דרך הישר, וואָס דאַרף אים פירן פון דער וויג ביז צו קבר אָבות.

פאַרלייקענען זיין אייגענעם פּרצוף-פּנים און פאַרשטעלן זיך פאַר אַן אַנדערן; נאָכטאָן, נאָכקרימען אַן אַנדערן איז אַ מדה מגונה, אַ מיאוסע מדה, ועונשה בצדה — יעדע מדה מגונה ווערט באַשטראָפט.

מאַכט-נאָך אַ ישראל (צוליב פּרנסה, כּבוד, אָדער ווייס איך וואָס) אַן אינו-ישראל, זעען מיר באַשיינפּערלאַך, אַז סופו — דאָס ער אַליין, אָדער זיינע בנים, און ביי גאָר גרויס ארך אַפּים — זיינע בני-בנים, גייען אַוועק אינגאַנצן... גאָר אינגאַנצן... לרעות בשדה אחר, צו פּיטערן זיך אין אַ פרעמד פעלד!

און אַז אַ ייד וויל גאָר זאַמלען נדבות און פאַרשטעלט זיך, כּדי צו דערוועקן רחמנות, פאַר אַ בעל-מום: פאַר אַ הויקער, אַ בלינדן, אַ שטומען, צי אַ לאָמען, — גייט ער נישט אַוועק פון דער וועלט, ווי אין די ספרים הקדושים שטייט, ביז ער באַקומט נישט דעם מום, וואָס ער האָט נאָכגעמאַכט. ביז ער ווערט נישט, נישט פאַר אייך און נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, אַ הויקער, אַ בלינדער, אַ שטומער... וכדומה...

אַ כיבע, ער האָט אויף זיך אַן אַנדערן, אַ גרעסערן חטא, און ער ווערט חיב מיתה, און גייט אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט און פאַרן עונש...

ווי איז אָבער דער דין, ווען עמיץ מאַכט נאָך און פאַר-שטעלט זיך, אויסצונאַרן כּבוד אָדער געלט, פאַר אַ גרעסערן פון זיך: פאַר אַ למדן אַ גרויסן, פאַר אַ צדיק אָדער גדול הדור?

נעמט, האָב איך בקבלה, ער ביי יענעם איבער יענעמס רע-מזל; וואָס יענעם איז באַשערט פאַר אַ שלעכטס...

און אין אָדם בארץ... מלאכים, וואָס שוועבן אַרום כּסא-הכּבוד, זינדיקן, בפרט אַ בשר ודם.

און וועגן דעם וויל איך אייך פאַרציילן אַ מעשה.

אַ מעשה בשני אַחים. אַ פּאַרצייטישע. ווען קרוין־פּוילן איז נאָך גאַנץ געווען, און די ממשלה איז געווען ביי די גרויסע שררות אין די הענט...

און די צוויי ברידער זיינען געווען ברידער פון איין טאַטע־מאַמע; צווילינג־ברידער.

מאַכט מען דאָך אָבער פון איין שטיק האָלץ אַ לאָפּאַטע און אַן עץ־החיים; זיינען זיי געווען אין חיצוניות ענלאַך, ווי איין טראָפּן וואַסער צום צווייטן: צוויי געוויקסיקע יידן, לאַנגע, ווייסע בערד — קוים צו דערקענען...

און איינער פון די צוויי איז געווען רב און ראש־ישיבה, געשריבן אַ ספר „שער הברזל", וכשמו כן הוא: אַזוי האָט דער ספר געהייסן, אַזוי האָט מען אים גערופן! אַן אייזערנער ייד! אַ ייד, ווי אַ בוים, וואָס איז געפלאַנצט ביי אַ וואַסער, ואין מים, ווייסט איר דאָך, אלא תורה. די תורה איז געגליכן צו וואַסער, פון דאַנען האָט ער געהאַט זיין יניקה. און דערצו — מצוות און מעשים טובים. ושרשיו — און זיינע וואָרצלען זיינען געווען מרובין מענפיו, מער ווי די צווייגן, ווי אין פרקי אבות שטייט. איז ער טאַקע געווען אַ גרויסער ייד און אַ פעסטער ייד, וואָס אַלע ווינטן פון דער וועלט וועלן אים נישט אַוועקרירן פון אָרט.

מאַכט זיך אַ מעשה און אַ סוחר פון שטאָט האָט אַ זון אַ גרויסן בן־תורה, און דעם „שער הברזלס" ברודער איז אַ שדכן, רעדט ער דעם סוחר אַ שידוך מיטן שררהס פאַכטער, וואָס האָט אַ בתולה. דער פאַכטער איז אַ רייכער, די רעכטע האַנט ביים שררה. גיט ער אַ גרויסן נדן... שרייבט מען תנאים, ברעכט מען כלים — מזל טוב, מזל טוב!

גייט גישט אַוועק אַ חודש, ווערט דער סוחר געוואָר, אַז צום פאַכטער אין שטוב קומען אַריין יונגע פּריצים פון הויף, אַז מען איז זיך ביי אים אין שטוב משמח, אַז זיין טאָכטער, דאָס כלה־מיידל, דערלאַנגט צום טיש, רעדט מיט פּריצים, לאַכט זיי אָקעגן וכדומה. וויל דער סוחר דעם שידוך אָפּלאָזן.

פאַרלאַנגט דער פאַכטער חצי נדן קנס, ווערט אַ דין־תורה, זעצט מען אַ בית־דין. דער ראש־בית־דין איז דער „שער הברזל"!

פאַרשטייט זיך ·

געדויערט אַזאַ דין-תורה... גבית-עדות, טענות, אַ טאָג נאָך אַ טאָג... עס קומט אַלץ אַרויס, ווי בוימל אויפֿן וואַסער, ודי בזיון וקצף — אַ חרפה פאַרן פאַכטער. גייט ער און פאַרקלאָגט זיך פאַרן שררה. זאָגט דער שררה: גוט, ער וועט זען.

צו מאָרגנס, מען האָט אויסגעהערט דעם לעצטן עד, די לעצטע טענה, דאָס בית-דין האָט שוין געהאַט אַ ישוב, דער פסק איז שוין אויפגעשריבן, דער ראש בית-דין, דער „שער-הברזל“, שמרעקט אויס די האַנט צו דער געגזענער פען אין טינטפאַס און וויל אונטערשרייבן —

פלוצלונג דערהערט זיך אַ רייטער פון גאַס. מען גיט אַ קוק דורכן פענסטער: עס טרייבט דעם שררהס לייב-קאָזאַקל, ווי אַ רוח. דער עולם ווערט נבהל ונשתומם, דער פאַכטער גיט אַ שמייכל און טראָגט זיך בגנבה אָפּ, און דאָס קאָזאַקל איז שוין אַראָפּ פון פערד און אַריין אין בית-דין-שטוב מיט אַ קול:

דער שררה לאָזט זאָגן, אַז די האַנט, וואָס וועט אונטערשרייבן אַ פסק קעגן זיין פאַכטער, וועט ווערן אָפּגעהאַקט.

כאַפּט אָן דעם עולם אַ שרעק, בלייבן אַלע פאַרציטערט, דער „שער-הברזל“ אָבער זאָגט:

— בעסער זאָל אָפּגעהאַקט ווערן ביין ייד אַ האַנט, איידער עס זאָל, חס ושלום, אויסגעמעקט ווערן איין אות פון דער תורה הקדושה...

וואָס האָט ער יאָ געטאָן?

ער האָט אונטערגעשריבן מיט דער לינקער האַנט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערווייל האָט מען די לינקע האַנט אויך נישט אָפּגעהאַקט.

דאָס קאָזאַקל איז געריטן אין שטאָט אַריין, און צום שררה איז אָנגעקומען אַ שליח מיוחד מיט אַ ידיעה, אַז אַ שונא איז באַפאַלן די גרעניץ, און אַז אַלע פריצים און שררות גייען אַהין מיט זייער חייל מלחמה צו האַלטן...

תוך כדי דבור, איז שוין געבלאָזן טראָמפּייט, די קאָזאַקלאַך — פאַרזאַמלט ביי די פערד, דער שררה — געגורט די לענדן; אַ שפרונג אַרויף און מען גאַלאָפּירט שוין צו דער גרעניץ...

בשעת מעשה אָבער, ווען דעם פּריצס קאָזאַקל האָט געטאָן זיין שליחות פון הויף, האָט זיך נאָך עמיץ אַרויסגעשלייכט פון שטוב. דאָס איז געווען דעם שער-הברזלס ברודער — שלמה האָט ער געהייסן...

דער שלמה איז אין תוך אַריין געווען דער הפך פון „שער-הברזל". אַ מענטש אָן אַ וואָרט, אַ נאָכמאַכער, אַן אָפּנאַרער, ער האָט שוין אויסגעדינט כל עבודה-זרהס שבעולם און צו גאָרנישט געקומען. דער ברודער העלפט, קהל העלפט, און עס העלפט נישט. מאַכט מען אים פאַר אַ סרסור, נאַרט ער אָפּ ביידע צדדים. מאַכט מען אים פאַר אַ שליח און מען שיקט מיט אים געלט, האָט ער שוין אַזאַ מזל: גנבים באַפאַלן אים; אַזוי זאָגט ער, און איז מקבל קנין...

איז ער צולעצט אַ שדכן געוואָרן און געוואָלט פאַרשלייערן דעם פאַכטערס טאָכטער. און ווי ער האָט געזען, אַז די זאַך שטייט שלעכט, אַז דער פאַכטער וועט צוריק מאָנען מיט דער יד דאָס שדכנות, און די בושה, וואָס עס וועט זיין... און געוואָלט זיך לאָזן אויף דער וועלט האָט ער שוין לאַנג, איז ער זיך מיישב און גייט אַרויס נאָכן פאַכטער. הענגט אין פעדערהייזל דעם שער-הברזלס שטריימל מיטן טיזליק, נעמט ער צו, לאָזט זיך אַהיים. ביינאַכט טוט ער זיך איבער און גייט אַזוי אין דער וועלט אַריין זאַמלען נדבות.

דער „שער הברזל" און די שטאָט הייבן נישט אָן צו וויסן פון קיין פתרון, פון קיין חלום...

מען האָט אַוועקגעגנבעט דעם שער-הברזלס שטריימל מיטן טיזליק; שלמה דער ברודער איז ערגעץ נעלם געוואָרן, — ווער שטעלט זיך אָפּ דערויף? וועמען ליגט עס אין זין? דעם שער-הברזל וועט מען, אַז דער פריץ וועט קומען, אָפּהאַקן אַ האַנט, און ווען די לינקע?

— — — — — — — — — — — — — — — —

די מלחמה ביי דער גרעניץ האָט זיך געענדיקט בשלום. די שררות רייטן אַהיים מיט די חיילות מיט גרויס נצחון. וואו די וועגן שיידן זיך, שטעלט מען זיך אָפּ אין אַ קרעטשמע, מען טרינקט, מען הוליעט, מען פאָרט אַהין, מען פאָרט אַהער.

מען איז שוין געקומען אין אונזער שררהס גבול אַריין.

ווייטער שיידן זיך וועגן, ווייטער פאַרהאַלט מען זיך אין אַ קרעטשמע, ווייטער ווערט געטאַנצט, געהוליעט און געטרונקען...

עס איז געווען זומער-לעב; אַ שיינער אַ וואַרימער טאָג. ליגן די חיילות אין פעלד און טרינקען. די פערד האָט מען אין דער תבואה אַריינגעלאָזט. פויערן וויינען, דער שררה זאָגט, ער וועט באַצאָלן...

טרייסטן זיי זיך, קראַצן זיך אין די קעפּ, בוקן זיך צו דער ערד און גייען אַוועק...

די שררות זיצן אַרום טיש פאַר דער קרעטשמע, און טרינקען אויך —

קומט פּלוצלונג אַרויס דער אַרענדאַר פון קרעטשמע, אָנגעטאָן אין וועגן-קליידער, הינטער אים שטייט זיין ווייב און זיינע צוויי טעכטער.

און ער, דער אַרענדאַר, גייט צו צו אונזער שררה, בוקט זיך פאַר אים ביז צו דער ערד, קושט דעם זוים פון זיין מאַנטל און זאָגט:

— אדוני פּריץ גרויסער, מיין ווייב און מיינע צוויי טעכטער וועלן באַדינען דיך און דיינע הויכע ליכטיקע געסט, — און מיך, זיי אַזוי גוט, און לאָז מיט דיין גרויסן גענאָד גיין אין שטאָט אַריין. —

איך מוז! — זאָגט ער.

פרעגט דער שררה: פאַרוואָס ער מוז, וואָס עס האָט געקאָנט אַזוינס געשען אין שטאָט, אַזאַ אויסטערלישע זאַך, אַז ער וויל אים פאַרלאָזן?

בוקט זיך דער אַרענדאַר נאָך דריי מאָל צו דער ערד און פאַרציילט אַזאַ מעשה. עס איז דאָ אַ גרויסער רב אויף דער וועלט, רופט מען אים דער אייזערנער, און ער איז, גרויסער

שררה, אַ רב אין איינער פון דיינע שטעט, 40 — 50 מייל פון דאַנען...

איז דער רב אַ גרויסער צדיק און אַ גדול הדור (ער האָט עס אים קוים אויסגעטייטשט), פּאָרט ער אַרום איבער דער וועלט צוליב אַ גרויסער מצוה — פּדיון שבויים. און וואו ער קומט, איז אים קהל מקבל פּנים מיט גרויס כּבוד און גרויס פרייד, און מען רופט אין שטאָט אַריין אַלע רייכע ישובניקעס, און דער גרויסער אייזערנער רב האַלט אַ דרשה. נאָך דער דרשה שטעלט מען אַ טאַץ און אַלע וואַרפן אַריין געלט. —

און אַזוי ווי דער אייזערנער רב איז געקומען אין זיין שטאָט אַריין, האָבן רב און קהל נאָך אים געשיקט, ער זאָל פאָרן אין שטאָט אַריין הערן די דרשה און געבן אַ שיינע נדבה...

— און — ענדיקט דער אַרענדאַר — אַראַנק פריער גאָט אין דערנאָך דיר, ליכטיקער פּריץ, קאָן איך געבן אַ שיינע נדבה...

גיט דער שררה אַ שמייכל, אַ זייטיקן, נישט-גוטן שמייכל. ער האָט שוין געוואוסט, ווער דער „אייזערנער" רב דאַרף צו זיין...

און גיט אַ זאָג:

— הער, ייד, דו קאָנסט געבן אַ גרויסע נדבה, איך אָבער — אַ גרעסערע!

על-כּן הייסט ער אים: פאָר אין שטאָט אַריין, פאַרבעט דעם אייזערנעם רב צו דיר, מיך דערמאָן נישט, ער זאָל זיך נישט דערשרעקן, איך שענק אים 500 רענדלאַך. גענוג!

דער אַרענדאַר שאָקלט מיטן קאָפּ אויף צען מאָל יאָ, און קאָן פאַר גרויס פרייד קוים אַרויסשטאַמלען.

— און די דרשה?

— וועט ער זאָגן מאָרגן, שמייכלט ווייטער דער שררה — אויב ער וועט וועלן. אפשר וועט ער גענוג האָבן.

און גיט צו שטרענג:

— נאָר תיכף זאָל ער דאָ שטיין פאַר מיינע אויגן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דעם פריצס רייד זיינען מקוים געוואָרן...
געברענגט דעם בעל-דרשן.
אָט שטייט ער פאַרן פּריץ.
דער פּריץ עפנט דעם בייטל, ציילט אַרויס 500 רויטע רענדלאַך.
— נעם...
דער בעל-דרשן שטרעקט אויס די האַנט צו נעמען...
באותו הרגע, אויפן שררהס וואונק, האָט אַ בליץ געטאָן אַ שווערד פון הינטן און אָפּגעהאַקט די האַנט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער בעל-דרשן איז געווען — שלמה... וואָס האָט זיך, צוליב אויסנאַרן געלט, פאַרן ברודער, פאַרן שער-„הברזל" פאַרשטעלט.
הדא הוא דכתיב, — דאָס מיינט דער פסוק: צדיק מצרה נחלץ, דער צדיק ווערט פון אומגליק באַפרייט, ויבא רשע תחתיו — דער רשע, וואָס האָט פון אים אָפּגעצויגן דאָס רע-מזל, קומט אויף זיין אָרט.

---

# מה לי לשקר.

## ה.

... איר זענט געבילדעטע מענטשן! איך בין אַ פּראָסטער ייד, לא כחל ולא סרק, נאָר אַ ייד, ווי גאָט האָט'ם באַשאַפן, און איך זאָג אייך, אַז מען מוז זיין שטאַרק בלינד, מען זאָל זאָגן, אַז דאָס רעדל דרייט זיך אַליין... איר זאָגט: ניין? אפשר האָט איר עס צו פאַרדאַנקען אייערע בלאָע ברילן, וואָס איר טראָגט; זיי מאַכן אייך פון דער וועלט אַ מין געבלאָטע וועש, רחמנא ליצלן! איך ווייס נאָר, אַז איך זע! איך זע בחוש!
אָט זאָגט איר, למשל, אַז איר גלויבט נישט אין זווגים. איר מיינט, אַז דער מזוג זווגים איז ביי אונז יעקל דער שדכן,

און ביין אייך — פשוט, דער יצר־הרע! באמונה שלי — איר לעבט אין טעות!

וואָרן, צוריק געשמועסט: וואָס איז דען, מיינט איר, דער גאַנצער יצר־הרע? אויך אַ שליח למקום! דער רבונו של עולם שיקט אים, גייט ער! אָן זיין רשות, וועט ער זיך נישט רירן פון אָרט! און אַ שדכן איז אויך נישט מער ווי אַ שליח למקום. וואָרן אַז נישט, ווי אַזוי וואָלט ער געוואוסט „בת פלוני לפלוני״?

אַפילו אַ מומחה, אַ רופא, צי גאָר אַן אויסשטודירטער דאָקטאָר, זיינען אויך נישט מער נאָר שליחי המקום. אָט קומט ער צון אַ חולה, טוט ווי אין ביכל שטייט: פּיאַווקעס, באַנקעס, ריצן־אייל, פאַרשרייבט פלעשלאַך פון אַלערליי קאָלירן און — דעם חולה ווערט אַמאָל בעסער.

הכלל, וועט איר זאָגן, אַז די לאַנגע הויזן, זיי זיינען דער רופא חולים? פאַרוואָס דען העלפן זיי אַמאָל יאָ און אַמאָל נישט? פאַרוואָס דען ביים צווייטן חולה, ביי דער אייגענער קרענק, שלאָגן די אַלע זאַכן נישט אָן? עס זיינען דאָך די אייגענע פּיאַווקעס, די אייגענע געהאַקטע און טרוקענע באַנקעס, די אייגענע אַפּטייק, די אייגענע פלעשלאַך!

אַדרבה, זאָגט איר, — מה נשתנה?

האָ תינח — ביי אָרימעלייט; עס שטייט דער דאָקטאָר ביי דער טיר, שרייבט פונדערווייטנס, היילט בעל־פה, קען זיין אַ טעות... אָבער ביי גבירים! צוויי גבירישע חליים: די אייגענע קרענק, דער אייגענער דאָקטאָר, די אייגענע רפואה, — און איינער הייבט זיך אויף פון בעט, און דעם צווייטן, רחמנא ליצלן, הייבט מען אַראָפּ פון בעט!

נו, מה נשתנה?

איר וועט אפשר זאָגן, אַז עס האָט געמוזט זיין אַ טעות, אַז דער אַפּטייקער האָט זיך טועה געווען, אָדער דער דאָקטאָר... אמת! עס קען זיין אַ טעות... אַמאָל קומט דער דאָקטאָר ווי אַ פאַרסמטער פון אַ שמחה, פון מיטן אַ טאַנץ אָדער פון מיטן אַ קאָן, נאָך זעקס אַזוינע נעכט... דעם אַפּטייקער כאַפּט מען נאָך האַלבע נאַכט אַרויס פון בעט, פון בעסטן שלאָף. נו, קען

זיין, אָדער דער דאָקטאָר האָט, על־פּי טעות, שלעכט פאַר־שריבן, אָדער דער אַפּטייקער האָט שלעכט געמאַכט די מעדיצין ...

איך וועל אײַך אָבער ווייזן, וואו עס קען נישט זיין קיין טעות!

אָט, נעמט אונזער בערל מומחה! דאָ וועט שוין די גאַנצע וועלט מעיד זיין, אַז ער האָט קיין טעות נישט! ער איז, חס ושלום, קיינמאָל נישט שיכור, טאַנצט נישט מיט נקבות, שפּילט נישט אין קאָרטן, מאַכט אַליין אַלע רעצעפּטן און טרעט נישט אָפּ פון בעט, ביז ער אַליין גיסט זיי נישט דעם חולה אין מויל אַריין... די ציין האַקט ער אויף, און אײַנגעבן מוז ער אַליין.

נו, פאַרוואָס־זשע איז ביין אים: איין פיבער — מיט דער האַנט אַוועק! און דאָס צווייטע האַלט זיך ווי אַ סמאָלע, קלעפּט זיך ווי אַ נאַס העמד?

איז דאָך ווייטער דאָס אייגענע — מה נשתנה?

איז דאָך נישט מער, אַז נישט אין זיי ווענדט זיך עס, אַז זיי זיינען טאַקע נאָר שלוחים!

אַלע זיינען שלוחים למקום! והוא הדין יעקל שדכן; ער איז אויך נאָר אַ שליח למקום!

זעט איר, דער דאָקטאָר וועט אײַך דאָס נישט מודה זיין; זיין פּרנסה לאָזט אים נישט מודה זיין; ער מוז זיך אָנבלאָזן און זאָגן: „כוחי ועוצם ידי", ווי דען?

און אַז די רפואה שלאָגט נישט אָן, איז דער חולה שול־דיק! ער האָט אַוודאי עפּעס בגנבה געכאַפּט! איז דער חולה נישט קיין ייד, טרעפט ער באַלד אויף „חזיר", ביין אַ ייד איז, להבדיל, דער קוגל שולדיק! כאָטש פון אבות אבותיו עסט ער קוגל און עס האָט אים קיינמאָל נישט געשאַדט! טשאָלנט איז גאָר חיות...

נו, רעדט ער ווי אַ מענטש?

אַפילו דער רופא, זעט איר, האָט שוין, איך בעט איבער אייער כבוד, פּליי אין דער נאָז... ער מוז דאָך גיין אויפן דאָק־טאָרס וועג! פונוואַנען דען, מיינט איר, נעמט זיך דער „טוב

שברופאים״? ער זאָגט, אַז דער דאָקטאָר איז שולדיק! אים שטייט דער דאָקטאָר אין וועג!

דער שקר, אַפּנים, ליגט שוין אין דער פּרנסה. וואָרן אַפילו — בערל מומחה — דאַכט זיך אַ פּשוטער ייד, ער שפּרעכט נאָך צמאָל אַליין אָפּ אַן עין־הרע... און דרייט שוין אויך אַמאָל מיט דער נאָז!

איך וויל אים, חס ושלום, נישט באַריידן. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ער האָט מיך מיט אַ זאַלב פּאָר אַ דרייער אויסגעהיילט פון אַזעלכע פּלוימען, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט; נאָר וואָס אמת איז אמת, אָנגערירט איז ער שוין, „וישמן — ויבעט״, די הצלחה ברענגט דערצו...

אָבער יעקל שדכן, דאָס איז טאַקע אַ פּשוטער פּראָסטער ייד; ער וועט אייך נישט זאָגן: כוחי ועוצם ידי! רייד מיט אים וועט ער באַלד מודה זיין, אַז דאָס איז נישט זיינע קונצן, נישט זיינע חכמות. אַז, על־פּי רוב, קומען אים גאָר די שידוכים צו חלום.

— איך לייג מיך — זאָגט ער — שלאָפן מיט אַ ליידיקן מוח, און שטיי אויף מיט אַ קאָפּ ווי גנס תיבה: סאַמע פאַרלאַך און פאַרלאַך.

איר גלויבט נישט אין חלומות?

זעט איר, דאָס איז שוין גאָר אַ נאַרישקייט פון אייך, בדידי הוי עובדא, איך אַליין בין שיר דורך אַ חלום אַ מיליאָנער געוואָרן.

די מעשה איז אַזוי געווען:

איינמאָל, שבועות ביינאַכט, עס וועט שוין זיין אַ יאָר 25, זיץ איך ביים „תיקון שבועות״ און שלאָף אַזוי איין. אין שלאָף זע איך פאַר מיר שוועבן אין דער לופט אַ ציפער 613. לכתחילה האָב איך געמיינט (אין חלום, הייסט עס), אַז דאָס איז תרי״ג, — 613 מצות. נאָר איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז תרי״ג דאַרף זיין מיט הייליקע אותיות, נישט מיט גוישע ציפער! אינמיטן הער איך אַ טראָמפּייט, אַ שטאַפּעט קומט אָן! ער קנאַקט מיט

דער בייטש; איך הער, ווי ער שטעלט זיך אָפּ לעבן בית-המדרש און פרעגט זיך אויף מיר.

עמיך — הער איך — פרעגט אים, וואָס ער דאַרף; זאָגט ער, אַז ער האָט פאַר מיר אַ זאַק מיט רענדלאַך.

איך האָב דאָס גרויסע לאָאָז געוואונען!

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט. עס איז מיר זייער אַ שאָד געוועזן, וואָס דער זאַק מיט רענדלאַך איז נעלם געוואָרן. נאַר יום-טוב! מען טאָר זיך נישט מצער זיין! איך שטעל מיך אָפּ מיט מיין ווייב, עליה השלום, באַלד מוצאי יום-טוב צו פאָרן אין אַ גרעסערע שטאָט אַריין און אויסזוכן נומער 613.

ווייסט איר דאָך... יידישע געשעפטן!

באַלד נאָך יום-טוב האָט זיך מיר נישט געמאַכט אויף הוצאות, דערנאָך איז מיר, לא עליכם, נישט פאַר אייך, נישט פאַר קיין ישום ייד געדאַכט, אַ קינד אַוועקגעפאַלן... און אַוועק-געקומען... איך בין שבעה געזעסן...

דערנאָך האָט זיך געמאַכט אין קהילה עפּעס אַן עסק וועגן אַ שוחט, אַ מחלוקת, האָב איך מיך נישט געקענט רירן פון אָרט...

און דערנאָך, אַז איך האָב מיך שוין, נאָך אַלע מניעות, אַריינגעזעצט אין בויד, שטעקט מיר אינעווייניק אַ ייד אַרויס שלום עליכם!

— וואו פאָרט אַ ייד?

איך זאָג אים.

— אַן עסק?

איך דערצייל אים, אַז איך פאָר קויפן אַ לאָאָז...

לאַכט ער, — עס איז שוין נאָכן ציאונג!

און אַזוי האָב איך פאַרשפּילט מיין לאָאָז!

איך האָב מיך אפילו נישט געוואָלט נאָכפרעגן, וויפיל דער לאָאָז האָט געוואונען, ווער מיין געלט האָט צוגענומען... ערשטנס, האָב איך געוואָלט פאַרגעסן דעריבער, עס איז דאָך אַ האַרצ-ווייטאָג; צווייטנס, האָט מיר מיין ווייב, עליה השלום, אויפגע-געסן, זי זאָל מיר עס מוחל זיין, די גאַל, אַז דער קאָפּ איז אויף מיר אַרומגעפאָרן... און דריטנס, האָבן זיך ווייטער געמאַכט

עפּעס קהלשע עסקים, חטאים מיאוסע פון אַ בעלפער, די מקוה האָט מען פאַרחתמעט! —

דאָס געהער שוין נישט צו דער זאַך; זען דאָך זעט איר, אַז אַ חלום איז נישט קיין קלייניקייט! אַז מען מאַכט קיין חלום נישט אַוועק מיט דער האַנט! פאַרוואָס דען זאָלט איר נישט גלויבן, אַז מען איז יעקל שדכן מודיע אין חלום: וואו, ווען און ווען מען דאַרף אָנשלאָגן!?

און איך זאָג אייך, אַז איך גלויב באמונה שלמה, אַז דורך דעם נאַר מאַכט זיך אַמאָל אַ גט, וואָס אַ יעקל שדכן, אַ פלוט, האָט אַמאָל אַ טעות און פאַרגרייזט אַ חלום!

און אַ והאָ ראיה: מיר זעען טאַקע, אַז אויב אַ מאַן לעבט מיט אַ ווייב אַ סך יאָרן בשלום, ווי גאָט האָט געבאָטן, קריגן זיי טאַקע איין צורה! די אייגענע הויות, די אייגענע תנועות, די אייגענע סגולות, גלייך זיי וואָלטן אַ צווילינג געווען! פונוואַנען נעמט זיך דאָס?

איר וועט זאָגן: אַ הרגל! ניין, ברודער! דאָס האָט שוין דער רמב״ם, עליו השלום, אויסגעוויזן אַריסטון, אַז אַ הרגל איז בלאָטע! וואַרפט אונטער — זאָגט ער — אַ מייזל, ווערט די געלערנטע קאַץ צוריק קאַץ, כאַטש זי קען עסן שוין ביים טיש מיט מעסער און גאָפּל!

אַריסטו — זאָגט מען — האָט אַפילו דעם רמב״ם נישט מודה געווען... ס׳עס האָט אים נישט געפּאַסט! ער האָט שוין זיין ספר וועגן הרגל, מיט אלכסנדר מוקדונס הקדמה, געהאַט אָפּגעדרוקט און אויף דער וועלט צעשפּרייט, אָבער געבליבן איז ער אָן אַ וואָרט אין מויל!

נו? האַלט איר אויך נאָך אין הרגל? לאו! אַ הרגל ברעכט נישט קיין טבע! נישט מער, גאָט ברוך הוא, איז, כביכול, אַ גוטער בעל-עגלה; אַז ער שפּאַנט איין אַ פּאָר פערד, איז עס אַן אמתע פּאָר!

און ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן?

דער אמת איז, אַז איר אַליין זייט אויך נישט קיין נאַראָנים, איר ווייסט אויך דעם אמת ביי זיך! וואָרן, באשר בכן?

איר זייט נישט מזרע אברהם, יצחק ויעקב? אייערע נשמות זיינען נישט געשטאַנען ביים באַרג סיני, חס ושלום?! ביין אייך, זעט איר, שווימט די כפירה, דאָס אַפּיקורסות אַזוי פון אויבן, דעריבער גייט זי אייך אַלע מאָל איבערן מויל... אָבער אינעווייניק!

איר לייקנט? וואָס דען זאָלט איר זאָגן? איך זאָג אייך, בוימל אויפן וואַסער!

עס איז אַזוי! אין אַ חדר האָט איר דאָך אַמאָל געלערנט: וואַסער איז מים און מים, האָבן מיר אַ קיימא-לן, איז תורה... אמת איז, אַז בוימל — שמן — איז אויך תורה, נאָר ווער זאָגט דען, אַז די כפירה, רחמנא לצלן, איז בוימל? בלאָטע איז זי, בנאמנות — בלאָטע! עס רעדט זיך נאָר אַזוי: ווי בוימל אויפן וואַסער!

און קומען קומט דאָס פון דער מאָדע! און היינט איז אַ מאָדע חוזק צו מאַכן אויס אַ יידישן מנהג, אויס אַ יידישע אמונה... און וואָס טוט איר נישט פאַר דער מאָדע וועגן! אָט שטייפט איר אייך דעם גאָרגל. איר ווערט רויט ווי אַן אינדיק, ברייכט ווי אַ גאַנז, און פון וועמעס וועגן? פון אַ שניפּסל וועגן, און די גאַנצע סחורה איז אַ כזית, אַ כשעורה... אמת — כדאי? און היינט, וואָס איר פּענטעט אייך די פיס מיט ענגע קאַמאַשן מיט שפּיצן?... באשר — איר האָט נישט קיין הינער-אויגן.

וואָס? נישט מער — עס איז מאָדע! איר מוזט גלייך זיין צום אַפּטייקער: אַי וואָס, דער אַפּטייקער איז אַן אַנדער גזע; ער האָט גאָר קיין גאָרגל נישט, און זיין פוס פּאַסט אין שטיוול אַריין, ווי אַ פּריצישער בריוו צום קאָפּערטל... איר מוזט אָבער נאָכטאַנצן!

און, אַז דער אַפּטייקער מאַכט חוזק פון יעקל שדכן, זאָגט איר, אַז איר גלויבט נישט אין זווגים!

עס איז ביי מיר היילִיק!

אַ והא ראיה! איך האָב אַמאָל געזען, ווי אַן אמתער דייטש, אָבער טאַקע אַן אמתער, אָן תּפילין, ריין „קאַשע מיט שנויץ״, האָט אין אָקע געשפּילט! ער האָט אין מיטן קאָן באַין-

אופן קיינעם קיין דרייער נישט געבאָרגט, קיין רובל אויסגע־טוישט, דאָס געלט קיינמאָל נישט געוואָלט ציילן! פריער ווייטער, אַז עס איז אים נישט געגאַנגען, האָט ער פלוצים געכאַפּט דעם קוימען, דעם קאַפּעלוש, הייסט עס, און איז נעלם געוואָרן אויף אַ מינוט...

נו? איר וועט מיר אײַנריידן, אַז איר גלויבט נישט אין סגולות? איך בין אײַך ערב, אַז ער איז אַרויסגעלאָפן מאַכן די סגולה...

זעט איר, איך טו עס נישט! שפּיל איך אין קאָרטן, אין קוויטלאַך מיין איך, שפּיל איך ערלאַך... על־פּי דרך הטבע!

יענץ הייסט שוין ביי מיר אַ שקר, אַ כּנופיא מיט יענע לייט!... נאָר מיין דאגה! מאַכט ער יאָ אַ סגולה... נאָר פאַרוואָס לאַכט ער אויס אַ פרומען ייד, האַ?

איך זאָג אײַך, אַז איר גלויבט! אַז איר גלויבט גלייך מיט אַלע יידן! והא ראיה: פּרובט, זאָל אײַך פיר וואָכן אַ צאָן דרייען, אַ פיבער ווארפן, אָדער אַ פוס ברעכן, וועט איר נישט לויפן צו אַ גוטן יידן?...

אַ נישט צון אַ זנאַכער! אין דער סטרא אחרא גלויבט איר דאָך אוודאי!

זעט איר, איך זאָג אײַך דעם אמת! און צוריק געשמועסט: מה לי לשקר?

# בערל דער שניידער.

ערב יום-כפור. אין בערדיטשעווער שול. צוגעפאַלן איז די נאַכט.

די זקנים האָבן אָפּגעזאָגט: „על דעת המקום ועל דעת הבריות...“ צעגאַנגען זיך אויף זייערע ערטער. ר׳ לוי יצחק שטייט ביים עמוד. ער דאַרף זאָגן „כל נדרי“ און — שווייגט.

אַלע אויגן הענגען אויף זיין רוקן. אין עזרת נשים — אַ שטילקייט, ווי אויפן ים פאַר אַ רעש. ער וועט אָנהייבן, און אפשר, ווי זיין שטייגער איז אַמאָל, מיט אַן הקדמה. וועט זיך פריער אויסטענהן, כדבר איש אל רעהו, מיטן רבונו של עולם — אויף מאַמע-לשון...

נאָר ר׳ לוי יצחק שטייט, איינגעהילט אין קיטל און טלית פאַרן עמוד און שווייגט.

וואָס בעטייט עס?

זיינען די שערי תפילה אַזוי שפעט נאָך פאַרמאַכט? האָט ר׳ לוי יצחק קיין כוח נישט אָנצוקלאַפּן? ער שטייט מיטן קאָפּ אַביסל איבערגעבויגן, מיט איין אויער אַרויף, גלייך ער הערט עפּעס פון דאָרט. וויל ער הערן אויפשליסן?

און פלוצלונג דרייט זיך ר׳ לוי יצחק אויס צום עולם און גיט אַ רוף:

— שמש!

לויפט דער שול-שמש צו; פרעגט ער אים:

— בערל דער שניידער שוין דאָ?

דער עולם ווערט נבהל ונשתומם. דער שמש שטאַמלט: ער ווייסט נישט; הייבט זיך אָן אומצוקוקן. ר׳ לוי יצחק אַליין קוקט זיך אויך אום.

— ניין, ער איז נישטאָ! — זאָגט ער. אינדערהיים גע-בליבן. און ווענדט זיך נאָכאַמאָל צום שמש:

— גיי אַהיים צו בערל שניידער און רוף אים אַהער! זאָג, איך, לוי יצחק, דער מרא דאתרא, רופט.

גייט ער, דער שמש.

בערל דער שניידער וואוינט אין שול־געסל, נישט ווייט פון שול. וואַרט מען נישט לאַנג. קומט ער, בערל שניידער, אָן קיטל און טלית, אין דער וואָכנדיקער קאַפּאָטע, מיט אַן אָנגע־רוקט פּנים און אויגן — האַלב בייזע, האַלב צעשראָקענע, און גייט צו צו ר׳ לוי יצחקן:

— איר האָט מיך גערופן, רבי, בין איך צו אייך געקומען!

„צו אייך" איז ער מטעים.

שמייכלט ר׳ לוי יצחק.

— זאָג נאָר, — מאַכט ער, — בערעלע, וואָס רעדט מען עס אַזויפיל פון דיר אינדערהייך? עס איז דאָך פול מיט דיר די פמליא של מעלה. עפּעס אַ רעש האָסטו אָנגעמאַכט: מען הערט נישט מער, נאָר: בערל דער שניידער און בערל דער שניידער.

— אַהאַ! מאַכט בערל שניידער מיט נצחון.

— האָסט עפּעס אַ טענה?

זאָגט ער: אוודאי!

— צו וועמען?

— צום רבונו של עולם! זאָגט ער.

דער עולם אַרום וואַלט דעם שניידערוק צעריסן; ר׳ לוי יצחק צעשמייכלט זיך נאָך ברייטער:

— אפשר וועסטו, בערל, דערציילן, וועגן וואָס עס גייט?

— אדרבא! זאָגט בערל דער שניידער.

— מהיכי תיתי... זאָגט ער — איך קען אַפילו פאַר אייך אַ דין־תורה האָבן! זאָל איך טענהן?

— רייד.

טענהט ער, בערל דער שניידער:

— איבערן גאַנצן זומער, לא עליכם, רבי, קיין שטאָך אַר־בעט נישט געהאַט... נישט פון אַ ייד, נישט, להבדיל, פון אַ פּויער.

— כאָטש לייג זיך, — זאָגט ער, — און שטרעקט אויס די צונג.

— אַי, גלויבט זיך נישט ר׳ לוי יצחקן — זרע אברהם, יצחק ויעקב זיינען דאָך רחמנים בני רחמנים, געדאַרפט זיך פאַר־טרויען.

— דאָס נישט, רבי, איך זאָג נישט און איך נעם נישט!

קיין מתנת בשר ודם וויל ער נישט. ער האָט אַזאַ חלק אין רבונו של עולם, ווי יענער...

וואָס ער האָט יאָ געטאָן, — אַ מיידל האָט ער, האָט ער עס אַוועקגעשיקט דינען. ערגעץ אַנדערש, אין אַ גרעסערער שטאָט אַריין, געשיקט.

זיצט ער אַזוי אינדערהיים און וואַרט, וואָס זיין ליבער נאָמען וועט טאָן...

פאַר סוכות. די טיר עפנט זיך. אַהאַ! דערוואַרט זיך: און עס קומט טאַקע אַריין אַ שליח מיוחד פון פריץ. מען רופט אים אונטערשלאָגן אַ פעלץ.

גוט. דער רבונו של עולם שפייזט! פאָרט ער, קומט ער אין פּאַלאַץ אַריין. מען פירט אים אין אַ חדר מיוחד אַריין. מען גיט אים איבער אַן אייבערשלאַג און מען גיט אים איבער פע־לעכלאַך.

— זאָלט איר זען, רבי, פיקסענע פעלעכלאַך! פון פיקסן־לאַנד...

עס איז דאָך כל־נדרי־צייט, איז אים ר׳ לוי יצחק מזרז:

— הכלל, האָסטו אונטערגעשלאָגן, געטאָן דיינס בשלמות. וואָס איז ווייטער געשען?...

— אַ קלייניקייט איז געשען: דריי פעלעכלאַך זיינען געבליבן.

— האָסטו זיי צוגענומען?

— נישט אַזוי לייכט, רבי, ווי עס רעדט זיך! אז מען קומט אַרויס פון פּאַלאַץ שטייט ביי דער בראָם אַ שומר. האָט ער אַ חשד, באַזוכט ער, טוט די שטיוול אויס. און געפינט מען, רבי, ביי מיר, חס ושלום, פעלעכלאַך, האָט דער פריץ כלבים.

האָט דער פּריץ ריטער...

— נו, וואָס האָסטו געטאָן?

— איז דאָך אָבער בערל — בערל שניידער! גיי איך מיר רבי, אין קיך אַריין, בעט, מען זאָל מיר אַהיים געבן אַ ברויט...

— פּת עכו״ם, בערל!

— נישט, חלילה, צום עסן, רבי! — מען האָט מיר גע־געבן אַ ברויט, אַ גרויס ברויט. איך גיי דערמיט צוריק אין שטוב אַריין, שנייד עס אויף, הויל עס אויס, קנעט דאָס ווייכע אַזוי לאַנג אין די הענט ביז עס ווערט דורכגענומען מיט שווייס און וואַרף עס דעם כלב, וואָס ליגט אין חדר. אַ כלב האָט ליב מענטשן־שווייס. און די דריי פּעלעכלאַך פּאַק איך אין אויסגע־הוילטן ברייטל אַריין. און גיי.

ביי דער בראָם:

— וואָס טראָגסטו, זשידיקל, אונטערן אָרים?

ווייז איך: אַ ברויט!

איך קום בשלום אַריבער און אַ ביסל ווייטער מאַך איך שוין פּיס... און גיי נישט מיטן וועג, איבער די קשאַקעס גיי איך. פּעלד אויס, פּעלד איין: אַ קורצער וועג — אַ פּעלד־וועג.

גיי איך און טאַנץ אַ ביסל אונטער: אַן אתרוג וועט זיין, אַ לולבל! נישט קהלס, נישט געבאָרגט... טייערע פּעלעכלאַך...

הייבט אָבער אָן די ערד אונטער מיר עפּעס צו ציטערן... איך דערקען שוין דאָס ציטערן. אַ רייטער יאָגט הינטער מיר, מען יאָגט מיך נאָך! דער מאַמעס מילך ווערט מיר אַנטרינען. מן הסתם, איבערגעציילט די פּעלעכלאַך... אַנטלויפן איז נאַריש, אַ רייטער, דעם פּריצס אַ פערד... כאַפּ איך, קודם כל, דאָס ברייטל און וואַרף אין די קשאַקעס אַריין. מאַך מיר פונדעסט־וועגן אַ סימן, אַ גוטן סימן, און שטעל מיך אָפּ. מען רופט שוין:

— בערקאָ! אַ, בערקאָ!

דאָס איז ער, דעם פּריצס קאָזאַקל, איך דערקען זיין קולכל! אינוויינעק, רבי, ציטערט! די נשמה איז אין די קנעכל, אַז בערל שניידער דרייט זיך אויס, און גייט אַקעגן, מכלומרשט, כּבאחד האדם.

ווייזט זיך אויס — אַן אומזיסטע שרעק!

איך האָב פאַרגעסן אַ הענגער אָנצונייען, האָט מען נאָך מיר אַ רייטער געשיקט.

און ער שלעפּט מיך שוין אויפן סוס אַרויף. דרייט עס אויס, מען רייט שוין...

בענטש איך אין האַרץ גומל, ניי אָן דעם הענגער און גיי צוריק.

איך קום צום סימן: ואיננו — נישטאָ דאָס ברויט!

שוין לאַנג נאָך שניט; קיין בן אָדם גייט דאָ נישט, קיין פויגל אין דער וועלט וועט אַזאַ משא נישט אויפהייבן... פאַרשטיי איך, ווער עס האָט עס געטאָן...

פרעגט ר׳ לוי יצחק:

— ווער?

— ער! ענטפערט בערל שניידער, און טייט מיטן פינגער צו דער הייך — דער רבונו של עולם, זיין מעשה ידו, רבי! און איך ווייס פאַרוואָס... ער, דער האַר דער גרויסער, וויל נישט, אַז זיין קנעכט, אַז איך, זיין בערל דער שניידער, זאָל נעמען יתור...

— נו, אַוודאי — מאַכט ר׳ לוי יצחק ווייך — על־פּי דין...

— דין — שמין! מאַכט בערל. ער ווייסט, אַז אַ מנהג ברעכט אַ דין. און —

— נישט איך — זאָגט ער — האָב יתור בעשאַפן, אַ מנהג פון קדמונים!

— און ווידער — טענהט ער — פאַרקערט: איז דער רבונו של עולם אַזאַ גרויסער, שטאָלצער פריץ, און וויל נישט, אַז דער אָרימסטער עבד פון זיינע עבדים, זיין קנעכט בערל דער שניידער, וואָס דינט ביין אים, זאָל נעמען יתור, — זאָל ער געבן פּרנסה. זאָל ער, ווי אַ פריץ, געבן אָרדינאַריע!

נ י ש ט דאָס און נ י ש ט דאָס וויל ער נישט!

— וויל איך — זאָגט ער — דעם רבונו של עולם נישט דינען. איך האָב — זאָגט ער — אַ נדר געטאָן: אויס!

גיט דער עולם אַרום אַ ברום, ווי אַ בער. הייבן זיך העגט־וויל מען צולויפן. ר׳ לוי יצחק מאַכט:

— שאַ!

דער עולם בלייבט שטיל און ר׳ לוי יצחק פרעגט בנעימות:

— און וואָס ווייטער, בערל?

— גאָרנישט! — פאַרציילט ער. איך קום אַהיים, איך וואַש מיך נישט. איך עס אומגעוואַשן. מיין פלוניתטע וויל עפענען אַ מויל, — אַ פלאַסק! איך לייג מיך; אָן קריאת־שמע לייג איך מיך: די לעפצן ווילן אַליין זאָגן; איך פאַרבייס מיט די ציין. אינדערפרי: קיין ברכה, קיין נטילת ידים, קיין דאַווגען, קיין טלית ותפלין. „גיב עסן!“ מיין פלוניתטע מאַכט פיס פון שטוב אַרויס. אין דאָרף אַריין, צום פאָטער, צום אַרענדאַר געלאָפן. איז אָן אַ ווייב! איך האָב נאָך הנאה דערפון. איך, ווי איך, איך בין בערל שניידער. זי, אַ שוואַכע יידענע, זאָל זי נ י ש ט זיין אין דער מיט! און איך טו מיר מיינס: קיין סוכה, קיין אתרוג, קיין לולב, איך נעם אַמאָל אַ ביסל; יום־טוב מאַך איך קיין קידוש נישט. לאו! שמחת־תורה, כאַפּ איך, ווי מרדכי נאָך דער גזירה, און טו אָן אַ זאַק איבערן קאָפּ. להכעיס!

קומט סליחות־צייט, ווערט אַ ביסל קאַלאַמוטנע. דער שמש קלאַפּט, דאָס האַרץ קלאַפּט, עס ציט... בין איך דאָך אָבער בערל שניידער! אַ וואָרט האַלט איך! איך דעק מיך צו איבערן קאָפּ, איך האַלט אויס! נישט זען... עס קומט ראש השנה — איך ריר מיך נישט. עס קומט די צייט פון שופר בלאָזן, כאַפּ איך שטיקער וואַטע און פאַרשטאָפּ די אויערן... עס רייסט, דאָס האַרץ רייסט, אַ צער־בעלי־חיים, רבי... און איך מיאוס מיך פאַר מיר אַליין. גיי אַרום אומגעוואַשן, אַן אומריינקייט. אַ שטיקל שפּיגעלע הענגט, איך דריי עס איבער צו דער וואַנט, איך וויל מיין פרצוף נישט זען... דער עולם, דערהער איך, גייט צו תשליך...

ער בלייבט שטיל אַ ווײַלע און שפּרינגט באַלד אונטער!

אָבער גערעכט, רבי, בין איך! אָפּטרעטן מיט גאָרנישט וועל איך נישט!

טראַכט ר׳ לוי יצחק אַ ווײַלע און פרעגט:

— און וואָס־זשע ווילסטו, בערל שניידער?... ווילסט פּרנסה?

בערל באַליידיקט זיך:

— קיי און שפּיי פּרנסה! פּרנסה האָט ער געזאָלט פ ר י ע ר געבן! און פּרנסה קומט י ע ד ן! דעם פויגל אין דער לופט, דעם ווערימל אויף דער ערד. פּרנסה איז אָרדינאַריע. צונד וויל בערל שניידער מער!

— זאָג, בערעלע, וואָס.

און בערל שטעלט זיך אָפּ:

— אמת, רבי, יום־כּפּור איז נאָר מכפּר אויף עבירות, שבין אדם למקום?

— אמת!

— און עבירות שבין אדם לחברו — נישט?

— ניין!

גלייכט זיך בערל שניידער אויס אין דער הייך ווי אַ סטרונע, און זאָגט פעסט און הויך:

— וויל איך, בערל שניידער, אַנדערש זיך נישט אונ־טערגעבן, אַנדערש צוריק אין דער דינסט צום רבונו של עולם נישט אַריינטרעטן, ביז דער רבונו של עולם וועט נישט דאָס יאָר, מיר צוליב, מוחל זיין די עבירות אויך!

— בין איך גערעכט, רבי?

— גערעכט! ענטפערט ר' לוי יצחק — און האַלט דיך — זאָגט ער — ביי דער דעה, מען וועט דיר מוזן נאָכגעבן...

און ער קערט זיך אום צום עמוד, קוקט אַרוף, הערט זיך איין אַ ווײַלע און איז באַלד מבשר:

— האָסט געפּועלט, בערל! גיי נאָך קיטל און טלית!

# שמחה שבשמחה.

כּידוע, איז בּיי אַנשי שלומינו ראש־השנה שטענדיק אַ פריי־לאכער יום־טוב.

מיר זיינען דאָך קיין מתנגדים נישט. מען ווערט נישט אַזוי פאַרציטערט מאימת יום־הדין.

מיר וויסן דאָך, אַז מען שטעלט זיך פאַר אַ פרעמדן סטראַפּציע נישט, אַז עס משפּט אַ טאַטע. דער אָבינו שבשמים משפּט! איז מען טאַקע טועם אַ ביסל משקה. כאַפּט מען אַ טענצל נאָכן דאַווענען...

נאָר איינמאָל האָב'מיר אַ ראש־השנה געהאַט, — איבער אַלע ראש־השנהס.

אָנגעהויבן האָט זיך עס ווי תּמיד. נאָר באַלד אין ערשטן טאָג, פאַר מוסף איז געוואָרן אַ פלאַם!

וואָס איז געשען:

דער אַלטער, כּמנהגו, לאָזט גאַנץ ימים־נוראים קיינעם צום עמוד נישט צו. ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף קיינעם!

דאַווענט ער פאַרן עמוד.

ווי אַזוי ער דאַווענט, דאַרף איך אייך נישט פאַר־ציילן.

דאַווענט ער און קומט צו „לאל עורך דין".

גיט ער אויף זיין שטייגער און מיט זיין קול־נגינה אַ געשריי:

— „לאל עורך דין!"

הערצער ציטערן, הימלען שפּאַלטן זיך

און אַזוי ווייטער:

„לבוחן לבבות"... „לגולה עמוקות"...

קומט ער אָבער צו „לצופה נסתּרות" — ברעכט זיך איבער דאָס קול. עפּעס פאַלט עס, עפּעס ציטערט עס; דער חיתוך הדבּור

ווערט א־יך אַן אַנדערער. „לקונה״ איז אָפּגעפּאַלן „עבדיו״ קומט אַרויס מיט ספקות, „ביום דין״ — מיט חולשות.

און פּלוצלונג בלייבט ער גאָר שטיל! ער שווייגט: אַ רגע, צוויי, דריי און נאָך מער. און אַ רגע איז אַ יאָר: שרעק, דער אָטעם שטאָקט. עזרת נשים איז ווי פאַרחלשט געוואָרן; אויס רעש!

פּלוצלונג גיט ער זיך אַ ריר. אַ ציטער אויפן גאַנצן גוף. און די שטילקייט, די אָנגעזאָפּטע מיט פּחד און אימה, ווערט דורכגעריסן מיט אַ שמחהדיקן:

— „לרחם עמו ביום דין״.

און עס גייט מיט אַ לאַנג געדרייטן חֶדוהדיקן שלשלת. און כל עצמותיו — די פּיס כאַפּן אַ טענצל ביים עמוד. און אַזוי גייט שוין דער שחרית עד גמירא.

ווי מיט באַנייטע כחות.

און פאַר מוסף האָט ער אונז פאַרציילט, וואָס עס איז געשען.

אַ קלייניקייט איז געשען:

כידוע, אַז מען דאַוונט פון סידור, צי פון מחזור אַרויס, לויפן די אויגן פאַר די ליפּן. זאָגן דעם אַלטנס ליפּן: „לצופה״ און די אויגן דערזעען שוין „לקונה״.

און ווי ער דערזעט „לקונה״, פאַלט אים איין, אַז עס איז כולו מוקשה, אַז ער פאַרשטייט קיין פירוש המלות נישט. וואָרים באמת: וואָס טייטש?

ווער, ווען קויפט קנעכט ביים משפט?

און ער האָט קיין תירוץ נישט, און ווערט ממש מבולבל, און שווייגט!

וויל מען דאָך אָבער נישט דאָרט אויבן, אַז דעם אַלטנס תפילה זאָל, חס ושלום, מטורף ווערן, ווייזט מען אים, וואָס טייטש.

און ווי ער מאַכט די אויגן צו, נאָכצוטראַכטן, שפּאַלט זיך פאַר אים דער הימל און ער זעט!

דאָס בית-דין-שטוב זעט ער:

דאָס בית-דין-שטוב פון אויבן. דעם אמתן מקום המשפט! אָט דער טיש, די וואָגשאָל.

איז אָבער נאָך, אַפּנים, פרי.

נאָך קיינער נישט געקומען.

קוקט ער זיך דערווייל אום: פינף טירן האָט דאָס בית-דין-שטוב: צוויי טירן פון די זייטן; רעכטס אַ טיר און לינקס אַ טיר.

אויף דער רעכטער טיר איז אויפגעשריבן: „סניגור"! פון דאַנען וועט ער קומען. אויף דער לינקער: „קטיגור"! דער קומט פון קעגנאיבער.

און דריי טירן אויבנאָן, אונטער טיש און וואָגשאָל, ביי דער מזרח-וואַנט.

איז די מיטלסטע טיר פון די דריי פאַרמאַכט, און די טירן רעכטס און לינקס — אָפן.

איבער דער פאַרמאַכטער מיטל-טיר איז אויפגעשריבן: „פמליא של מעלה". און מצד ימין ושמאל, דורך די אָפענע טירן, זעט מען:

רעכטס דאָס אָפענע גן-עדן. אָבות און צדיקים, באַשטראַלט מזיו השכינה, זיצן, מיט די קרוינען אויף די קעפּ, און לערנען; זיי האָבן, אַפּנים, קיין יום-הדין נישט!

און לינקס — דאָס אָפענע גיהנום.

אין גיהנום איז שטיל. דאָס גיהנום איז לער; יום-טוב — שטראָפט מען נישט, פּייניקט מען נישט. זיינען די רשעים פריי, און די משחיתים, אַפּנים, מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען. און מתוך המעשה וועט איר געוואָר ווערן, מיט וואָס זיי זיינען געווען פאַרנומען, — נאָר דאָס פייער ברענט, פלאַקערט.

„ואשו לא תכבה", ווי אין פּסוק שטייט.

און ווי ער קוקט אַזוי, עפנט זיך די רעכטע זייטן-טיר און עס קומט אַריין דער סניגור מיטן פעקל זכיות אונטערן אָרים. אַ קליין פעקעלע. אַ שלעכט יאָר פאַר מצוות ומעשים טובים געווען. קומט ער אַריין, זעט די לינקע טיר פון קעגנאיבער איז צו, פאַרשטייט ער, אַז דאָרט זאַמלט מען די כתבים לענגער,

אַ יאָר געווען — אַ געדעכטעניש פאַר זיי... לאָזט ער דאָס פּעקל אַראָפּ פון אונטערן אָרים און זעצט זיך דערווייל גאַנץ אָבלדיק.

דערנאָך עפנט זיך די טיר פון דער לינקער זייט. צוויי משהיתים, מיט אַ פּאַק אויף די אַקסל, קומען אַריין, געבויגן פון דער משא. מען הערט, ווי אונטער איר די ביינדלאַך קנאַקן, און זיי וואַרפן אַראָפּ די משא, עטעמען אָפּ, און זאָגן, אַרויסגייענדיק, הויך, דער סניגור זאָל הערן:

— נאָך קיין מן המעשר נישט. פאָרלאָך וועלן נאָך טראָגן. אַלע לאַפּיטוטן קלויבן צונויף, אוצרות גאַנצע.

ווערט דעם סניגור זייער קאַלאַמוטנע, פאַרהילט ער זיך דאָס פנים און קרעכצט.

ער מיינט: קיינער הערט נישט.

די פמליא של מעלה איז נאָך באכתסיא... אין גן־עדן איז מען מיט תורה פאַרנומען; דאָס גיהנום — לער!

זיצט דאָך אָבער צווישן עולם אין גן־עדן אויך ר׳ לוי מבערדיטשעוו, דערהערט ער!

ער איינער האָט נאָך נישט פאַרגעסן, אַז פאַר די יושבי חושך וצלמות, אויפן עמק עכור אונטן, איז היינט אַ יום־הדין, און אויב עמיץ קרעכצט אויפן עולם אמת, גייט עס אוודאי וועגן זיי. איז ער מפסיק משנתו און קוקט זיך אום.

זעט ער, ווער עס קרעכצט — דער סניגור אין בית־דין שטוב קרעכצט.

מוז מען שוין אוודאי דערגיין די סיבה.

פוילט זיך גישט ר׳ לוי יצחק, הייבט זיך שטיל אינמיטן דער סוגיא אויף, שלייכט זיך אויף די שפּיץ נעגל אַרויס פון טיש, פון גן־עדן אין בית־דין־שטוב אַריין און דערזעט דאָס פּעקל מיטן פּאַק... פאַרשטייט ער, ווי עס האַלט... האָט ר׳ לוי יצחק קיין לאַנגן ישוב נישט, גייט צו און הייבט אויף מיט אַלע כוחות דעם פּאַק, און גיט אים אַ שליידער איבערן טיש, דורך דער אָפענער לינקער מזרח־טיר, צום גיהנום, אין אש מתלקחת — אין גיהנום־פייער אַריין, און דער פּאַק ברענט און ווערט פאַרברענט.

קומען צוויי אַנדערע משחיתימלאַך. ווייטער מיט אַ פּאַק, זיי גייען אַרויס, ר' לוי יצחק כאַפּט דעם פּאַק, וואַרפט, טרעפט, דער פּאַק ברענט, ווערט פאַרברענט, גישטאָ!...

און אַזוי דעם דריטן, דעם פערטן און אַזוי אַלע. ווי די משחיתימלאַך קערן זיך אָפּ, דער פּאַק פליט שוין זיין וועג.

ענדלאַך, דער לעצטער פּאַק ברענט נאָך, און דער משחית אַליין — אַשמדאי קומט אַריין. ברייט, מיט ששון ושמחה; אַ קלאָג! קיין זכר פון זיינע פּעק! ער קוקט זיך אום, זעט וואָס עס ברענט, דערזעט ר' לוי יצחקן, וואָס וויל שוין צוריק שפּרייזן אין גן-עדן אַריין, — קיין נאַר איז ער נישט, פאַרשטייט ער, ווער און וואָס, כאַפּט ער אים אָן ביי דער האַנט און גיט אַ געשריי:

— גנב!

הילעכט עס אָפּ!

לויפט מען זיך צוזאַמען פון גן-עדן, עס עפנט זיך די מיטל-טיר; די פמליא של מעלה קומט אַרויס. דער סניגור הילט אָפּ דאָס פּנים און שפּרינגט אויף.

— וואָס איז דאָ געשען?

דערציילט ער, דער משחית, וואָס עס איז געשען. ר' לוי יצחקן האָט ער ממש ביי דער האַנט געפּאַקט, און דער זאַק דער לעצטער ברענט נאָך; דער שווערסטער געווען.

ניכּרים דברי אמת; ר' לוי יצחק לייקנט נישט.

געשען איז עס.

פרעגט מען דעם משחית, וואָס ער וויל? וואָס פאַר אַ פּסק? האָט ער אויך נישט קיין לאַנגן ישוב. על-פּי דין וויל ער. „ונמכר בגנבתו" שטייט. זאָל מען ר' לוי יצחקן פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט; באַלד אויפן אָרט, בפומביה, אין בית-דין שטוב. ווער עס וויל, זאָל קויפן. ער אַליין איז אויך אַ בעלן! ער וועט שוין אָפּנעמען זיין היזק.

און גערעכט איז ער. דאָס מוז די פמליא של מעלה מודה זיין; אַ ליציטאַציע מוז זיין. און פאַרפאַלן, רעכנט מען, וועט ר' לוי יצחק נ י ש ט ווערן, — דאָס גן-עדן וועט נישט לאָזן.

און צוויי צדדים שטעלן זיך ביי דער וואָגשאָל: דער משחית פון איין זייט, און דאָס גאַנצע גן-עדן פון דער צווייטער.

ר׳ לוי יצחק שטייט אין דער מיט. גלייך נישט אים מיינט מען דאָס.

און מען הייבט אָן וואַרפן פדיון אין די שאָלן אַריין; רעכטס און לינקס.

און מען שטייגערט.

די פמליא של מעלה זעצט זיך ביים טיש און קוקט.

טרעט אַרויס אַברהם אָבינו און וואַרפט אין דער שאָל אַריין זיין ערשטע מצוה; אַלס צולאָג — זיין הכנסת אורחים.

וואַרפט נאָך אים יצחק — די עקדה; יעקב — זיין תמימות, זיין זיצן אין געצעלט און לערנען, בשעת עשו איז אַרומגעלאָפן מיט כלי-זיין און געשאָסן אין די וועלדער... קומט נאָך יעקבן — רחל און וואַרפט די קרייטעכצער — די דודאים אין שאָל אַריין. וואַרפן אַנדערע אמהות, וואַרפן דערנאָך צדיקים... יעדערער מיט תשואת חן זיין האָב און גאָב.

האָט אָבער דער משחית באַהאַלטענע אוצרות אין זיין מלוכה, אַז אין לשער ואין לספר. און נאָך יעדן וואָרף אין דער רעכטער זייט, גיט ער אַ וואָרף לינקס. און זיין שאָל פאַלט און פאַלט, און ער וואַרפט אַן אוצר נאָך אַן אוצר. פון אונטער דער ערד, פון אונטער די הרי חושך... פון אַלע באַהאַלטענע מקומות אין זיין גאַנצער מלוכה... אוצרות — עין לא ראתה! ער מוז אים האָבן, ר׳ לוי יצחקן! פאַר אַ קעסל-הייצער אין גיהנום וועט ער אים מאַכן. און גיט נאָך אַ ריס אַראָפּ די קרוין פון קאָפּ און גיט אַ וואָרף אין שאָל אַריין, כאַפּט זי אַ טרייסל און גיט מיט-אַמאָל אַ פאַל, אַראָפּ, אַראָפּ...

שלעכט.

דאָס גן-עדן האָט אַלץ פאַרפאַסט.

דער לעצטער טרעט צו דער סניגור און וואַרפט זיין פעקל זכיות. די שאָל דערפילט עס נישט. דאָס צינגל גיט קיין מינדסטן ציטער נישט...

און דעם משחיתס פנים פאַרקרימט זיך אויף אַ נצחונדיקן שמייכל, און אין די אויגן דער נצחון ברענט און פלאַקערט. און די רעכטע האַנט לייגט ער שוין אַרויף אויף ר׳ לוי יצחקס אַקסל, און מיט דער לינקער ווייזט ער אים צו דער גיהנום-טיר...

ווערט אַ מהומה: פאַרשפּילט ר׳ לוי יצחקן ... ווערט אַ רעש, אַ געטומל: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

און דער רעש וואַקסט...

ער וואַקסט און ווערט פּלוצלונג געשפּאָלטן.

פון דער הייך דערהערט זיך אַ קול.

אַ קול פון כסא-הכבוד אַראָפּ.

— איך קויף אים!

עס ווערט שטיל און דער רבון כל העולם רופט אין דער שטילקייט:

— איך גיב מער! „כי לי כל הארץ", איך גיב פאַר ר׳ לוי יצחקן די וועלט!

שוואַרץ איז געוואָרן דעם משחיתס פנים. — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס האָט דער אַלטער אונז פאַרציילט פאַר מוסף, און מאָלט אייך, וואָס פאַר אַ מוסף, וואָס פאַר אַ ראש-השנה עס איז געוואָרן!

דער קטרוג פאַרבראַנט! אַ כתיבה וחתימה טובה אין קע-שענע! ר׳ לוי יצחק — אויסגעקויפט; דער סוד פון „לקונה עבדיו בדין" — אַנטפּלעקט...

ס׳איז געוואָרן שמחה שבשמחה

# כרת.

דער אַלטער איז געווען גרויס...

שייך צו זאָגן „גרויס״? הייסט עס, אויף אונזער מאָס געמאָסטן?

נאָר עס רעדט זיך אַזוי.

און — אַ באַהאַלטענער געווען.

דהיינו? געזען האָט מען ווייניק: גאָר ווייניק. און דאָס, וואָס מען האָט שוין ממש געזען, האָט מען ערשט נישט פאַרשטאַנען.

האָט מען זיך געפּרובט, איז מען אַריינגעפאַלן. אין פלוג, למשל, דאַכט זיך, דאָס האָט ער געמיינט. מאַכט זיך, אין אַ רגע אַרום, אַ מעשה קאַפּויר, — להד״ם! — עס האָט זיך גאָר נישט אָנגעהויבן!

אַ השפּעה האָט מען געפילט, בפועל ממש געפילט: אין דעם איז קיינער קיין רגע נישט מסופק געווען. אַ ייד לאָזט זיך אין וועג אַריין צום אַלטן, און וואָס אַ טריט ווייטער פון דער היים, וואָס אַ שריט נענטער צום צדיק, פילט ער זיך אַלץ געהויבענער, גרינגער, עפּעס ממש פליענדיקער. אַ שטיק נאָך אַ שטיק פאַלט אַראָפּ דאָס גשמיות: מיט יעדן טריט וואַקסט ווי אויף הייוון דאָס רוחניות. בּאַ, אַ ייד האָט נאָר, אַרויסגייענדיק, די מזוזה געקושט, און שוין שמחה! ווייס איך — נאָר־וואָס דאָס פעקל פון וואַנט אַראָפּגענומען, — טלית ותפילין מיט אַ ביסל צידה לדרך, — אַ ייד האָט נאָר דערמאָנט אָן דער נסיעה, ווי זאָגט אַ ייד? אם ירצה השם, עס וועט זיין הוצאת הדרך, גיב איך זיך אַ לאָז צום אַלטן — און שוין! עפּעס האָט שוין אינווייניק אויפגעפלאַמט, צעשטראַלט זיך, ממש אַ לעמפּל: מען האָט אַריינגעגאָסן פרישן בוימאייל — שמן זית אַריינגעגאָסן!

אָבער, אַז דער ייד איז געקומען, דער ייד איז שוין דאָ,

און ער זעט גאָרנישט, ממש גאָרנישט, און דאָס מקצת מן המקצת וואָס ער זעט, איז דער שכל נישט משיג — פֿאַלט מען אַביסל ביי זיך אָפּ... און אַ קימא לן האָבן מיר: אַז מען פֿאַלט ביי זיך, פֿאַלט מען מיט אַן אמת! זעט מען שוין נאָך ווייניקער. איז ווייניקער בטחון, ווייניקער אמונה... איז דער מוח נאָך ווייניקער תופס און דאָס לב נאָך ווייניקער משיג...

מאַנכע פֿלעגן טאַקע אָפּפֿאָרן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

נעמט, למשל, דאָס גערטל.

אַ גערטל האָט דער אַלטער געהאַט, האָט ער עס געהאַלטן אַרומגעצוימט און אָפּגעשלאָסן.

מאַי טעמא? חס ושלום, אַ צר עין און פֿאַרגינט נישט, אַ ייִד זאָל זיך אָפּרוען אין שאָטן פֿון זיין ביימל? אָדער אַ ברכה מאַכן און דערקוויקן זיך איבער אַ פּרי?

טאַפּט מען אין דער פֿינסטער און מען זאָגט: די בחינה פֿון „גן נעול" — אַ פּסוק אין „שיר השירים"; „אחותי כלה" איז די כנסת ישראל.

נו, גוט, אָבער לשם מה — צו וואָס?

זאָגט מען אויף יחוד, אויף התבודדות.

יחוד, גוט. אַ צדיק מוז האָבן יחוד, אָבער פֿאַרוואָס אין גאָרטן, נישט אין שטוב? מען קאָן זיך דאָך פֿאַרשליסן חדר לפֿנים מחדר, — ווי טוען אַלע גוטע ייִדן?

ענטפֿערט מען: תחת כפת הרקיע — אונטערן פֿרייען הימל וויל ער יחוד. הימל און ער — און שוין...

אָבער ווען קומט ער אין גערטל אַריין?

לאָזט זיך אויס, אַז גיין אין גערטל אַריין גייט דער אַלטער נאָר פֿאַר ימים נוראים, און דווקא ביינאַכט, און פֿאַר דער ערשטער סליחה!

געפֿינט מען ווייטער אַ תּירוץ: טאַקע פֿאַר ימים נוראים. דעמאָלט טאַקע שמועסט ער זיך אויס אויג אין אויג און ביחידות מיט דער פּמליא של מעלה; אָן אַ מחיצה פֿון אַ סופֿיט מיט אַ דאַך.

לייגט זיך עס אַ ביסל אויפן שכל; ווערט מען אָבער גע־וואָר, אַז איינמאָל, גייענדיק בײנאַכט אין גערטל אַריין, האָט ער מיטגענומען אַ שער, אַ גרויסע גאָרטן־שער. מען האָט זי גאָר פריער אויף די אויגן נישט געזען...

ווי קומט התבודדות מיט דער פמליא של מעלה צון אַ שער? בלייבט מען שטיין!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין גערטל, האָט מען געוואוסט, וואַקסן עפּל־ביימער.

אונטער דער שטאָט, ביים טייכל, איז פאַראַן אַ שטיקל בערגל.

אַז מען גייט צו תשליך און מען קריכט אויפן בערגל אַרויף, אָדער די קינדער, ל״ג בעומר, אַז זיי גייען שפּאַצירן אויפן בערגל — זעט מען דאָס גערטל מיט אַלע ביימלאַך.

געוואוסט האָט מען אויך, אַז נישט אַלע ביימלאַך אין גערטל זיינען גלייך.

אויף דעם ענין האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט איינער פון די מקורבים. צי האָט ער אַליין מער נישט געוואוסט, אָדער נישט געוואָלט מגלה זיין מער, ווי ער האָט געוואָלט, — גערעדט האָט ער — אַזוי, געלאָזט פאַלן אַ פּאָר ווערטער.

אָבער דאָס האָט ער בפירוש געזאָגט, אַז נישט אַלע ביימ־לאַך זיינען גלייך.

עס זיינען פאַראַן, זאָגט ער, אילני סרק — ליידיקע ביימ־לאַך, וואָס טראָגן גאָר קיין פּירות נישט. אַ ביימל — אַן עקר, רחמנא ליצלן. און עס איז פאַראַן אַ בוים, וואָס טראָגט שלעכטע פּירות. דער ליידיקער בוים, זאָגט ער, ברענגט, לכל הפחות, זאָגט ער, צו קיין מכשול נישט. דער מיט די שלעכטע פּירות אָבער ברענגט אַמאָל צון אַ ברכה לבטלה. די מראה נאַרט אָפּ, מען מאַכט אַ ברכה, מען כאַפּט אין מויל אַריין און מען שפּייט אויס — אַ ברכה לבטלה געווען! די שלעכטע פּירות אָבער קאָ־נען האָבן תיקון אין פייער, אויב זיי זיינען נאָר קיין סם נישט: מען קאָכט, מען מאַכט ברכה און מען עסט... אָבער דער אמתער „עץ עושה פרי״, ווי אין פסוק שטייט, גיט גרייטע פּירות. זיי

דאַרף מען נישט מתקן זיין; מאַך ברכה און עס פון בוים... און עסנדיק, האָסטו הנאה, און מיט דער ברכה האָסטו געהויבן די פּרי און דורך דער פּרי געבענטשט דעם בוים!... און איז נאָך די פּרי אַ הדר, ווי דער פּסוק זאָגט: תאוה לעינים, דאָס הייסט: אַ פאַרגליסטונג צו די אויגן, — נעמט מען נאָך די פּרי צו פֿע־נער שמחת־תורה, האָט מען פריער דעם תענוג פון הדור מצוה, איז מען מקיים: זה אלי ואנוהו, דערנאָך ערשט מאַכט מען אַ ברכה און — זאָל דיר וואויל באַקומען...

עס איז אָבער, זאָגט ער, פאַראַן נאָך אַ העכערע מדרגה די מדרגה פון „תפוח בעצי היער" — די בחינה פון „הכהן הגדול מאחיו" צווישן ביימער, — פון אַזאַ בוים — זאָגט ער, און גיט אַ שמייכל איבערן גאַנצן פּנים — פון אַזאַ בוים נעמט מען פּירות אויף יין צו קדוש און הבדלה...

געזאָגט האָט ער עס, דער מקורב, אין כּלליות, אַזוי, אין דער וועלט אַריין: ערב שבת געווען, שיר השירים געזאָגט, אויפן פּסוק זיך געשטעלט...

געוואוסט אָבער האָט מען, אַז דער אַלטער מאַכט קידוש און הבדלה נאָר אויף עפּל־וויין, און אַז דעם עפּל־וויין מאַכט די רביצין מיט אירע אייגענע הענט און אונטער זיין השגחה... און דווקא פון די פּירות פון גערטל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז געווען ביי אונז אַ פּרוש — אַ שווייגנדיקער.
[illegible]וונט, לערנט, און רעדט נישט אַ וואָרט.

מילא, אַ ייד רעדט נישט, רעדט ער נישט. ער וויל נישט ריידן. בפרט, אַז דער ייד איז, לא עליכם, אַ חולה; אַ כּשל ברך; עס איז אים פּשוט שווער צו ריידן. אפשר אַזאַ נדר געטאָן; אפשר אַזאַ תשובה, און, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר אַ גדר! אַ ייד צוימט זיך אַרום פאַר אַן עבירה; אַז מען רעדט נישט, זינדיקט מען נישט!

סיי־ווי־סיי, דער פּרוש רעדט נישט. איז מען געוויינט צום שווייגנדיקן פּרוש. ווייסט מען.

מאַכט זיך און דער פּרוש רעדט!

און ווען? פאַר דער פּטירה!

איינמאָל ביינאַכט, מיין פרוש פאַלט אויף דער באַנק אַנידער, מיר נישט דיר נישט, און הייבט זיך אָן צאַפּלען. — וואָס איז דיר, פרוש־לעבן? שוים איבערן מויל!

געווען באותו מעמד אין בית־המדרש זיינען מיר זאַלבע־דריט: איך און נאָך צוויי יידן. ביינאַכט געווען, פאַר סליחות. וואָס איז צו מאַכן? ווער מען ביין אים זיצן, ביז דער עולם וועט קומען; נישט ווייט צו סליחות. דעם אַלטן מודיע זיין; לוינט נישט; ער ווייסט אַליין... אין דרויסן — אַ ווינט. מילא, ווינט איז ווינט; „אַף ברי", ווי אין פּיוט שטייט, עס גייט דער־צו. זאָלן די שויבן ציטערן... אַ פיש אין וואַסער ציטערט! הייבט זיך אָבער דער פרוש אויף, דערהערט אַפּנים, קוקט צום פענ־סטער, לייגט צו דאָס אויער, מאַכט זיך מיט דער פלאַכער האַנט אַ טראָמפּייטל ביים אויער, — הערט זיך בעסער איין. מען זעט בחוש, ער הערט זיך איין! און פּלוצלונג — ער רעדט! דאָס פּנים פלאַמט, די אויגן גרויסן און גרויסן זיך און דאָס מויל איז אָפן און רעדט!

נישט אַלץ כאַפּט דאָס אויער, און נישט אַלץ, וואָס דאָס אויער כאַפּט, קומט אין האַרץ, צי אין מוח אַריין, — אַן אימה איז אונז באַפאַלן; איך הער, ווי ביי מיינע חברים קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. איך הער, ווי מיין אייגן האַרץ קלאַפּט.

אָבער אַ סך איז געבליבן אין זכרון.

— מען דאַרף, — זאָגט ער, און די שוים יאָגט און יאָגט,— מען דאַרף, אַז אַלע ביימער זאָלן זיין גלייך; אַז אַלע זאָלן נתעלה ווערן צו דער העכסטער מדרגה. מיטן תוך — צו „עץ עושה פּרי", און אין חיצוניות — צו „תאווה לעינים", — שיין און געבענטשט זאָל זיין... שיין און געבענטשט! און אַלע זאָלן געבן יין לקידוש ולהבדלה... און ווער דאַרף עס טאָן? ווער איז מחוייב צו הייבן די אילנות? דער צדיק, זאָגט ער. דער צדיק, ער דאַרף עס טאָן, ער מוז עס טאָן; ער איז דער בעל־הבית פון פעלד, און פון גאָרטן דער בעל־הבית...

און ער טוט עס, דער צדיק.

— נעמט — זאָגט ער — דער צדיק הדור, אין דער מסוגל־דיקער נאַכט, אין דער רעכטער צייט, די שער און גייט אין גערטל אַריין, אין אָפּגעשלאָסענעם גערטל אַריין.

נעמט ער, זייענדיק אין גערטל, האָבנדיק די שער אין האַנט, אין דער מסוגלדיקער נאַכט, אין דער רעכטער שעה, און שניידט־אָפּ צווייגלאַך פון גוטן בוים, און גייט־צו צום שלעכטן בוים, און שטעכט מיט די שפּיצן פון דער שער אין שלעכטן בוימס שטאַם אַריין, און שטעקט אין שפּאַרע אַריין אַ צווייגעלע פון גוטן בוים... דאָס — זאָגט ער — איז דער סוד פון „הרכּבה", פון איבערפלאַנצן דער סוד...

קאָן אָבער — זיפצט ער אָפּ — גאָרנישט געהויבן ווערן אָן יסורים. טוט אַלע ווײ, וויינען אַלע; דער גוטער, ווי דער שלעכ־טער בוים... דאָס גאַנצע גערטל וויינט...

עס וויינט דער גוטער בוים: זיינע צווייגעלאַך זיינען אים אַ שאָד! אויף זיינע קינדערלאַך וויינט ער, דער גוטער בוים. אויף זיין זאָמען, וואָס ווערט פון אים אָפּגעריסן, פאַרוואָגלט און אוועקגעטראָגן... דעם סוד פון הרכבה ווייסט ער נישט, אַפילו דער גוטער בוים, טרייסטן קאָן ער זיך נישט...

וויינט דער שלעכטער בוים: פאַרוואָס שטעכט מען מיך? איך וויל נישט קיין פרעמד גוטס. עס טוט אים נאָך מער ווײ... דעם סוד פון הרכבה ווייסט ער אוודאי נישט, פאַרשטייט ער נישט, האָט ער אוודאי נישט קיין טרייסט...

וויינט אויך דער גערטנער, וואָס האָט האַרץ פאַר אַלע זיינעביימלאַך, און רחמנות אויף אַלע: פאַרוואָס, וויינט ער, קאָן אָן יסורים גאָרנישט געשען? און פאַרוואָס ווערט דער סוד פאַר די ביימער נישט אַנטפּלעקט?

און טרעפן טרעפט זיך אָפּט: דער שלעכטער בוים נעמט דאָס גוטע נישט אָן; קוים האָט זיך דער גערטנער אָפּגעווענדט, וואַרפט ער ס'גוטע פון זיך אַרויס, שליידערט עס אַוועק... קומט דער ווינט און הייבט אויף, און טראָגט אַוועק... איבער דעם צוים, אין דער וועלט אַריין, אין הפקר אַריין... ווערט אַ יללה

פון די פאַרוואָגלטע: פונדערהיים אַרויס, אין ערגעץ נישט געקומען, פון ווינט געטראָגן... נע־ונד, כף־הקלע... אין הפקר אַריין...

און ער פאַלט צוריק אַרונטער, דער פּרוש...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז אין הויף ביים אַלטן אַ תינוק געווען — אַ ייִנגעלע אַזוינס, „ינוקא" האָט מען אים גערופן — אַ מיחוש אין קעפּעלע... מען האָט אים אַמאָל צום אַלטן געברענגט און עפּעס איבערגע־לאָזט. דרייט עס זיך אַרום אין הויף. אַ ייִנגל מיט אַ מיחוש: נישט ער דאַוונט, נישט ער לערנט, נאָר אויגאַניס עפּעס אַזוינע גרויסע ער קוקט און עפּעס ווערט מען פון קוק ממש אומרואיק, עפּעס אַ האַרבע קשיא קוקט אויף אייך, עפּעס אַ צער פון אַן אייביקן תיק"ו... גיי ווייס — און גיי טרייב אים, אַז דער אַלטער, ווען ער גייט אים פאַרביי, לייגט ער אים די הענט אויפן קעפּל...

און בשעת ווען דער פּרוש איז אַזוי אַרונטערגעפאַלן מיטן קאָפּ, און דאָס מויל האָט געשוימט, און די לעפּצן האָבן אַלץ אינאיינעם געבּרומט: צער. נאָר מיט יסורים... דער ווינט טראָגט, כּחוץ למחנה, הפקר — — —

עפנט זיך פּלוצלונג די טיר מיט אַ רעש, פאַלט אַריין דער תינוק, פאַרציטערט; די אויגן פול טרערן, ער זעט גאָרנישט, ווי ער גייט. די הענט וואַרפן זיך, אין די הענט וואַרפט זיך אַ צווייגל. דער ווינט, זאָגט ער, האָט פאַרטראָגן. פון גערטל אַרויס, איבער דעם צוים געשליידערט... און צעוויינט זיך פּלוצ־לונג אויף אַ קול מיט אַ יללה:

— כּרת! כּרת!...

גיי ווייס...

---

# אַנטפלעקט.

## קאַפּיטל 1.

גנענדל, למך און ביילקע
די זעלנערקע.

איז — אַ צייט מיט יאָרן צוריק, — געקומען צו אונז אין שטעטל אַריין אַן אַלט פּאָר־פאָלק, אַ יידל — למך און אַן אשה — גנענדל.

געקומען, איין גאָט ווייסט פונוואַנען, און אָן קינדער. גע־האַט און אויסגעגעבן, צי, נישט פאַר אייך געדאַכט, פאַרלוירן, און אפשר גאָרנישט געהאַט, אַ קשיא אויף אַ מעשה?!

און געקומען זיינען זיי פאַרנאַכט. האָבן זיי איבערגענעכ־טיקט אין אורחים־הויז, און געגאַנגען באַלד צומאָרגנס אינדער־פרי, זוכן אַ דירה אין ליימענעם געסל, וואו די אָרימעלייט וואוינען...

האָבן זיי געפונען אַ ליידיק קיכל מיט אַ פינסטער אַלקירל — די שכנים פון דאָרט האָבן זיך גראָד געלאָזט אויף דער וועלט אויף הכנסת כלה, — האָבן זיי זיך דאָרט באַזעצט, אויסגעפּאַקט דאָס הילצערנע קעסטל מיט צוויי קייבערלאַך, אין וועלכן עס זיינען גאַנץ גרויס געלעגן זייערע אַלע זיבן זאַכן, באַקומען שטרוי אין זעק אַריין צום געלעגער און אַרויסגעגאַנגען זוכן פּרנסה...

איז למך געגאַנגען זיך אַיינשרייבן אין דער חברה „תהלים־זאָגער" און באַלד נושא חן געווען ביי די גבאים אין די אויגן: אַ יידל אַ שטילס, אַ קליינס; פּייכטע אייגעלאַך און כמעט אַ ווייבעריש קולכל — עס וועט אָנכאַפּן ביים האַרץ...

און גנענדל — אַ יידענע, ווי מען זאָגט ביין אונז, — אַ „פּאָסטומענט" און מיט הענט און פיס, און אַ קול פון אַ מאַנס־

פֿאַרשוין, — האָט זיך, נאָך דעמזעלבן טאָג, געמאַכט אַ פּלאַץ צווישן די פֿאַרקויפֿערינס אין מאַרק, און באַלד, מיט זיין ליבן נאָמענס הילף, עטלאַכע מציאות געקויפט...

שלענדערט זיך די גרויסע גנענדל איבערן מאַרק, איבער די גאַסן... קומט שוין אין אַלע הייזער אַריין; וואַרפט זיך אומעטיק אין די אויגן אַריין. און דאָס קול גייט פֿון איין עק שטעטל צום צווייטן...

און למך אויב ער האָט קיין פֿאַרדינסט נישט — זעט אים נישט קיינער, הערט אים נישט קיינער... זיצט ער זיך, ביין אַ גראָשנדיק ליכטל, אַניט — ביין אַ קינדל, ביי זיך אין אַלקערל און זאָגט זיך תהלים פֿאַר זיך.

האָט ביילקע די זעלנערקע, — אַ פֿריילאַכע זאַך, אַן עגונה, וואָס וואוינט אין אַ ווינקל אין דער גרויסער שטוב, וואַנט־אָן־וואַנט מיטן פֿאָר־פֿאָלק — אים פֿאַר זיין שטילקייט גערופֿן: למכל, און זי, דעם פּאָסטומענט, פֿאַר איר גרויסקייט: גנענדויל; איז אַזוי שוין געבליבן, האָט מען זיי שוין אַזוי גערופֿן אינם גאַנצן שטעטל...

האָבן טירן און ווענט פֿון די הייזלאַך אין ליימענעם געסל שפּאַלטן און לעכער, און שכנים און שכנות — אויגן און אויערן, קוקט מען און מען הערט אונטער. מען וויל וויסן, ווי אַזוי אַזאַ פּאָסטומענט ג—נ—ע—נ—ד—ו—י—ל לעבט מיט אַזאַ שטיל און קליין למכל...

קוקט מען און מען גאַפט; הערט מען אונטער און מען שטוינט: אינדערהיים איז די יידענע גאָר קיין פּאָסטומענט נישט, נאָר אַ פּשוטע שטילע גנענדל. למכל זיצט אין אַלקירל ביי זיך. זי קומט זיך פֿאַרנאַכט שטיל אַריין. לייגט שטיל אָן אַ פֿייער, שטעלט צו איר טעפּל קאַרטאָפּלעס, צי אַן אַנדער מאכל; שטייט, כל זמן עס קאָכט זיך, שטיל ביים אויוון, שטריקט זיך איר זאָק, וואַרפט נאָר פֿון מינוט צו מינוט אַ ליבהאַרציק אויג צו דער טיר פֿון אַלקירל — עפּעס אַ ליבהאַרציקע, שטילע טויב! דערנאָך, אַז עס ווערט פֿאַרטיק, צעוואַרפט זי דאָס פֿייער, דעקט צום טיש, פֿאַרגרעסערט דאָס לעמפּל, גייט שטיל צו צום טירל פֿון אַלקירל.

פּויקט שטיל אָן מיט אַ פינגער, אַריין גייט זי נישט, און טרעט אָפּ אָן אַ זייט, און לאָזט דורך למכלען, וואָס קומט אַרויס, מיט אַ שמייכעלע... און דאָס פּאַר־פאָלק וואַשט זיך, און מאַכט המוציא, זי גיט אויף, און מען עסט, און מען בענטשט אין דער שטיל...

דערנאָך הייבט ער זיך שטיל אויף און גייט ווייטער מיט אַ שמייכעלע צוריק אין אַלקירל אַריין; זי שטעלט זיך אויף, שטייט אַ ווײַלע און קוקט אים נאָך, ביז ער פאַרמאַכט אונטער זיך דאָס טירל. און ציט באַלד צוריק אַריין די קנויט פון לעמפּל, און נעמט זיך צו וואַשן דאָס געפעס...

מאַכט ביילקע די זעלנערקע דאָס נאָך, האַלט מען זיך ביי די זייטן...

# קאַפּיטל 2.

גנענדל זעט אַ גרויס ליכט
און שטעלט ליידיקע טעפּ
אין אויוון אַריין.

טרעפט זיך אַמאָל און גנענדל דער פּאָסטומענט האָט נישט מיט וואָס אויסצופירן דעם שבת, גייט זי אויך צו, קלאַפּט שטיל אָן אָן טירל פון אַלקירל; דערהערט למכל און קומט אַרויס. זאָגט זי אים, כמעט זינדיק און פאַרשעמט, אַז עס פעלט איר דאָס און דאָס... טאָמער — טראַכט זי — פאַרוואַלגערט זיך עפּעס ביי אים אין קעשענע.

זוכט ער און געפינט נישט, און זיפצט שטיל אָפּ, און זאָגט מיט אַ ליב שמייכעלע, אַז גאָרנישט, גאָט איז אַ פאָטער, און גייט צוריק...

און גנענדל, זעט אויס, האַלט עס פאַר אַ סגולה בדוקה, אַז אַזוי ווי זי וועט אַרויס פאַר דער טיר, וועט זי שוין עפּעס פאַרדינען, וועט איר שוין זיין ליבער נאָמען עפּעס צושיקן...

טוט זי אַזוי.

מאַכט דאָס ווייטער נאָך ביילקע די זעלנערקע, קייכט מען. איז מען איר אַפילו מוחל אין דעם זכות דאָס דירה-געלט, וואָס זי איז שולדיק פאַרן ווינקל, וואָס זי פאַרנעמט צווישן עולם אין דער גרויסער שטוב: גיי, וואַרף אַרויס די פריילאַכע עגונה! אַ פינסטערע מרה-שחורה וואָלט געבליבן אין שטוב, און עס גייען אַזוינע לאַנגע ווינטער-נעכט...

ווייסט גנענדל פון דעם אַלעם. צי זי מאַכט זיך יאָ, צי זי מאַכט זיך נישט דערפון, שווייגט זי...

האָט זיך איין מאָל געטראָפן אַזאַ מעשה!

גנענדלען האָט ווייטער פאַרפעלט אויסצופירן דעם שבת, איז זי, לויט איר שטייגער, שטיל צוגעגאַנגען צום טירל פון אַלקירל, — פּויקט זי מיטן פינגער: איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל — למכל קומט נישט אַרויס.

ווערט זי אַ ביסל אומרואיק, עפנט זי דאָס טירל אויף אַ קליינע שפּאַרע, זייער זאַכט און פּאַמעלאַך עפנט זי, אַן אשה,— דרך ארץ פאַר אַ מאַן! און אפשר האָט איר דאָס הארץ פון אַ יידענע געזאָגט, אַז דאָרט אינם אַלקירל איז עפּעס נישט אַזוי פשוט... עפנט זי זאַכט און שטיל אויף אַ שפּאַרע אַ שמאָלע...

דערזעט זי: אין אַלקירל, וואָס האָט קיין פענסטערל נישט, ברענט נישט: נישט קיין קינדל, נישט קיין ליכטל, גאָרנישט; און ליכטיק איז — אַ גרויסע שיין, אַ גרויס ליכטיקייט... און אין דער גרויסער ליכטיקייט זיצט למך, אין עפּעס אַ ספר פאַרקוקט, און הערט זי נישט, און זעט זי נישט...

האָט זי אַ געשווינדן ישוב, נעמט זי און מאַכט שטיל צוריק צו דאָס טירל.

— איך וועל אים נישט מבטל זיין, — טראַכט זי, — וואָס מיר פעלט, ווייסט ער, מן הסתם, אַליין...

און — ליכט צום בענטשן האָט זי, חלה אויף המוציא איז דאָ, וועט זי אויפן ערגסטן פאַל יוצא זיין!

אָבער כדי די שכנות זאָלן נישט וויסן, וועט זי איינהייצן אין אויוון! —

און אַז זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט קיין האָלץ נישט, פּאַ‫ט זי אויך ביי זיך נישט אָפּ. כאַפּט זי אַרויס דאָס שטרוי פון זאַק, אויף וועלכן זי שלאָפט, און הייצט איין — יאָגט אַרויס אַ פלאַם, שמייכלט זי:

— „זאָלן זיי זען דורך די שפּאַלטן!"

און כאַפּט באַלד טעפּ און פילט אָן מיט וואַסער, און ראַסלט מיט די טעפּ ביים קוימען, און פּראַסלט, און שמייכלט ווייטער:

— זאָלן זיי הערן!

און נעמט די אָנגעפילטע טעפּ, און שטעלט אין אויוון אַריין און פאַרמאַכט מיטן ברעטל, און פאַרקלעפּט מיט ליים —

און גייט אַרויס ברייט, מיט פאַרלייגטע הענט פאַר דער טיר — שבת געמאַכט!

---

# קאפיטל 3.

א נעפל, — די שטוב
דרייט זיך און דער
שבת־גוי קומט.

ווי אַזוי פרייטאָג־צו־נאַכטס איז צוגעגאַנגען, —

וואָס גנענדל האָט געגעבן לָמכלען, איר מאַן, צו עסן, —

ווי אַזוי זי האָט זיך געשפּירט ביים טיש, פילנדיק, אַז אונטער אירע פּלייצעס זיינען די לעבער און שפּאַלטן פון פריי־סישן וועגטל אין דער גרויסער שטוב, צו די שכנות אַריין, פול געפראָפּט מיט אויערן און אויגן...

און ווי אַזוי זי איז איבערגעשלאָפן די נאַכט אויפן לערן זאַק, אָן אַ צייכן פון שטרוי, —

דאָס אַלץ מאָלט אייך אַליין.

נאָר חרטה אויפן גאַנצן עסק האָט זי שוין געהאַט... זי פאַרשטייט שוין, אַז זי האָט די שכנות נישט אָפּגענאַרט.

אונטערן וועגטל שושקעט מען און מען סודעט זיך; און אַ פאַרשטיקט געלעכטער הערט זיך, און די זעלנערקע האַלט עפּעס איין דעם עולם: „מאָרגן“, זאָגט זי אַלץ־אין־איינעם; „מאָרגן! געדענקט נאָר צו שיקן דעם שבת־גוי...“

און אָנגעהויבן האָט זיך עס טאַקע מאָרגן, באַלד נאָך דער שול.

גנענדל קומט אַהיים פון שול, טרעפט זי ביילקע די זעל־נערקע ביי זיך.

וואַרט אויף איר ביילקע די זעלנערקע אינמיטן קיך, דאָס פּנימל צעשמייכלט, די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האַלטן קוים איין די פונקען, מיט וועלכע עס שפּריצן די לאַכנדיקע אייגעלאַך, און די הענטלאַך האַלט זי אונטער זיך; זי באַהאַלט עפּעס.

גיט עס, מן הסתם, גנענדלען אַ קלאַפּ אין האַרץ: עס הייבט זיך אָן דאָס אָפּקומעניש.

פאַרגעסט זי פונדעסטוועגן נישט, וואָס היינט איז, און זאָגט:

— גוט שבת!

ענטפערט איר די זעלנערקע זיס-חנופהדיק:

— גוט-שבת, גנענדעלע, גוט-יאָר אײַך... ווײסט איר, וואָס איך וואַרט אויף אײַך?

ציטערן ביי גנענדל די ליפּן און ענטפערן קאָן זי נישט; קיין וואָרט קאָן פון האַלז נישט אַרויס.

זאָגט די זעלנערקע ווייטער:

— איר ווייסט דאָך אַוודאי, אַז זינט מיין ווערלוול איז פאַרפאַלן געוואָרן ביי די זעלנער, מאַך איך פאַר מיר קיין שבת נישט... כאַפּ איך דאָ אַ ביסן, דאָרט אַ ביסל זופּ...

— מיינט איר, זיי פאַרגינען מיר, די שכנות?

— ווייס איך דאָך, אַ גוט-האַרץ איר האָט, גנענדעלע, און געהערט האָב איך, ווי איר האָט נעכטן געראַסלט און געפּראַסלט מיט די טעפּ, פאַרשטיי איך דאָך, אַז זיין ליבער נאָמען האָט אײַך אַ גוטן שבת באַשערט, בין איך צון אײַך מיט מיין לעפל געקומען...

און כאַפּט די הענטלאַך מיטן בלעכענעם לעפל אַפּער...

וויל שוין גנענדל מודה זיין אויפן אמת, זאָל זיין אַן עק פון אָפּקומעניש פאַרן אָפּנאַרן, צוליב אַ נאַרישער בושה; עפנט זיך אָבער באותו הרגע אויף די טיר, הערט זיך איר למכלס זיסער, שטילער, „גוט שבת", און נאָך אים אַ „גוט שבת", פון אַן אורח, וואָס למכל האָט מיטגעברענגט... אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, מיט עפּעס אַזוינע אויגן...

ענטפערט גנענדל:

— גוט שבת, גוט יאָר! — שוין נישט מיט איר קול...

און אַז למכל זאָגט צון איר:

— זעסט, גנענדעלע, דער ייד האָט אַ שלעכטן פרייטאָג-צו-נאַכט געהאַט... אַריינגעפאַלן צון אַ קמצן... האָב איך אים צו דיר געברענגט...

דרייט זיך שוין אַרום איר די שטוב.

און דאָ עפנט זיך די טיר און אַ חברה שכנות שטופּט מיט גרויס געלעכטער אַריין דעם שבת-גוי, ער זאָל עפענען דעם אויוון.—

---

## קאַפּיטל 4.

למכל—למך—רב׳ למך.

איז שוין איבערפולט געוואָרן די מאָס.
גיט גנענדל אַ געשריי פון האַרץ אַרויס:
— ניין! ניין!

און לויפט צו צום קוימען-אויוון, און פאַרשטעלט אים מיט זיך פאַרן שבת-גוי — זי וועט נישט לאָזן!

דעמאָלט איז למכל עפּעס פּלוצלונג, ווי פאַרביטן געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן און גרויס געוואָרן, און מיט זיין שטיל און זיס, אָבער פעסט געוואָרן קול, זאָגט ער:

— מען דאַרף, גנענדל! מען דאַרף האָבן בטחון אויף זיין ליבן נאָמען... אויב נישט אונז צוליב, דעם אורח צוליב, שבת-קודש צוליב...

מאַכט עפּעס דאָס קול זיינס אַ וואונדערלאַכן רושם אויף אַלע.

ווערן די ווייבער אין דרויסן פּלוצלונג שטיל. דערשרעקט זיך עפּעס די זעלנערקע און וויל אַרויס פון שטוב.

רוקט זיך גנענדל פון קוימען-אויוון אָפּ.

און למך שמייכלט און פאַרהאַלט די זעלנערקע:

— בלייב, יידענע! — זאָגט ער — אַז עס וועט זיין, וועט זיין פאַר אַלע —

זי בלייבט; גנענדל פלאַטערט...

און דער שבת-גוי עפנט, און פון אויוון יאָגט אַרויס אַ פאַרע, און עס צעטראָגט זיך אַ ריח פון אַ טשאָלנט, ווי ביים גרעסטן גביר, אויף אַלע יידן געזאָגט אַזאַ טשאָלנט...

און מען האָט קידוש געמאַכט, געוואַשן זיך און געגעסן, און פיינע זמירות געזונגען, און געלאָזט זיך וואויל גיין...

און, צווישן איין זמר אין דעם צווייטן, האָט זיך למך מיט אַ שמייכעלע געווענדט צום אורח און אַזוי געזאָגט:

— זעט איר, ליבער אורח, — זאָגט ער, ווייזנדיק אויף דער זעלנערקע — די אשה, וואָס זיצט אַצונד אַזוי שטיל און ציכטיק ביים טיש, איז שטענדיק אַ לאַכנדיקע, אַ חוזק־מאַכערין אַ גרויסע, קרימט יעדערן נאָך — —

בייט זיך ביי דער זעלנערקע, נעבאַך, אויפן פנים די פאַרב. און למך שמייכלט און זאָגט ווייטער:

— מיינט איר אפשר, חס ושלום, אַ פאַרשייטע איז זי? דווקא נישט. אַ יידישע טאָכטער, אַ צנועה. אלא וואָס? נעבאַך אַן עגונה געוואָרן... איר מאַן איז ביי די זעלנער פאַרפאַלן געוואָרן אין טיף רוסלאַנד, נעבאַך... טוט זי עס צוליב פרנסה... איז זי דערמיט נושא־חן ביי לייט, קריגט זי אַ ביסן ברויט דערפאַר, לאָזט מען זי אַריינשטעקן דעם לעפל אין אַ פרעמדע שיסל...

פרעגט דער ייד, ווי ער הייסט, איר מאַן?

זאָגט מען: וועלוול, און מען גיט סימנים...

און דער אורח, ווייזט זיך אויס, קומט פון אונטער וויטעבסק, געזען אַזוינעם —

געהער שוין אָבער דאָס צון אַן אַנדער מעשהלע —

גענוג—למכל איז צוריק געוואָרן למך, דערנאָך—ר׳ למך, שפעטער דער רבי ר׳ למך...

אַנטפלעקט געוואָרן!

# אינהאַלט

זייט

| | | |
|---|---|---|
| 1) | הכנסת כלה | 3 |
| 2) | שמעיה גבור | 11 |
| 3) | דער נייער ניגן | 21 |
| 4) | אַז מען זאָגט: משוגע, גלויב | 24 |
| 5) | דער משוגענער בטלן | 35 |
| 6) | דער כעלמער מלמד | 48 |
| 7) | עלנט | 53 |
| 8) | ער און זיינע מקורבים | 63 |
| 9) | דעם רבינס ציביק | 91 |
| 10) | נסים ונפלאות | 99 |
| 11) | מקובלים | 107 |
| 12) | אַ גלגול פון אַ ניגון | 114 |
| 13) | אויב נישט נאָך העכער | 134 |
| 14) | משנת חסידים | 140 |
| 15) | אַ שמועס | 148 |
| 16) | שהשמחה במעונו | 153 |
| 17) | תורה | 158 |
| 18) | צווישן צוויי בערג | 168 |
| 19) | התגלות אָדער די מעשה פון ציגנבאָק | 185 |
| 20) | ר׳ נחמנקעס מעשיות | 193 |
| 21) | יוחנן מלמדס מעשהלאַך | 210 |